דוד פּינסקי

דראַמען

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

PJ 5129 P5A19 1918 v.1
Pinsky, David
Dramen

דוד פּינסקי
דראַמען

פערלאג „פּועלי ציון“
ניו יאָרק
1918

Copyright by David Pinski, 1918.

PJ
5129
P5A19
1918
v.1

UNIVERSITY OF TORONTO
LIBRARY
OCT
1976

PINSKI-MASSEL PRESS
NEW YORK

די אָרדנונג פון די פינף בענד דראמען און פון די דראמען אין די פינף בענד איז נישט כראָנאָלאָגיש, נישט נאָך דער צייט פון זייער בעשאפונג, און נישט נאָך זייער וויכטיגקייט — ווייל זיי זיינען אלע גלייך וויכטיג אין די אויגען פון דעם דיכטער. עס איז בעשטרעבט געוואָרען, אז יעדער באנד זאָל מיט זיך בילדען אן איינהייט. אין יעדען באנד זיינען דערפאר איינגעשלאָסען דראמען, וועלכע דריקען מיט זיך אויס אן עהנליכע שטימונג אָדער אידעע. ווען יעדער איינצעלנער איינהייטליכער באנד וואָלט אָנגערופען געוואָרען מיט א בעזונדער נאָמען, וועלכער זאָל אָנ־ווייזען אויף דער שטימונג אָדער אידעע, וועלכע ער איז כולל, וואָלט דער ערסטער באנד אָנגערופען געוואָרען ש מ ע ר ץ, דער צווייטער ק אָ מ ע ד י ע ן אָדער ט ר א ג אָ־קאָמעדיען, דער דריטער ב ע ל ־ ח ל ו מ ו ת, דער פיערטער און פינפטער ל י ע ב ע.

מיין האָדלען, מיין טרייער, טייערער העלפערין.

ערסטער באַנד

אינהאלט פערצייכנים פון דעם ערסטען באנד:

פראפעסאר ברענער, דראמע אין דריי אקטען.
יעדער מיט זיין גאט, דראמע אין פיער אקטען.
בעסער נישט געבארען ווערען, דראמע אין פיער אקטען.
די מוטער, דראמע אין דריי אקטען.
גליקפערגעסענע, דראמע אין איין אקט.
יסורים, דראמע אין איין אקט.

פראָפעסאר ברענער

דראמע אין דריי אקטען

(יוני—יולי, 1911)

פערזאנען:

ארטור ברענער, פראפעסאר פון מאלעריי.
מרס. ברענער, זיין בלינדע מוטער.
מיסס עממא הערריס.
מר. הערריס.
מרס. הערריס.
פינקעל, מאלער.
דער קוזין.
מר. קופער.
מר. פרענק.
ערסטע מיידעל.
צווייטע מיידעל.
נעסט.

ערסטער אַקט

פּראָפעסאָר ברענער'ס מאָלער־אַטעליע. די לינקע וואַנד איז גאַנץ גלאָז. אין הינטער־גרונד צוויי טירען: לינקס צום ארויסגאַנג, רעכטס — צו די וואוינצימער. אין דער רעכטער וואַנד די טיר צום פּראָפעסאָר'ס ביבליאָטעק־צימער. פאַר דער גלעזערנער וואַנד ציהט זיך אַ פּאָדיום, אויף וועלכען עס שטעהען עטליכע שטולען; דאָס פּאָדיום איז בעדעקט מיט ווייסע בערפעלען. פאַר דעם פּאָדיום צוויי מאָל־שטענדערס; איינער פאָרנט, דער אַנדערער הינטען; טישלעך מיט מאָל־חפצים פאַר זיי. די ווענד זיינען בעדעקט מיט בילדער און צייכנונגען. מאַרמאָרנע און בראָנזענע פיגורען פילען אויס די ווינקלעך. די פּאָדלאָגע איז בעדעקט מיט אַ גרויסען טעפּיך.

פּינקעל (אַ דרייסיגער, מיט געדיכטע וואָנצעס, איינזעצענדיג מרס. ברענער אויפ'ן פּאָדיום פאַר דעם הינטערסטען מאָל־שטענדער). דעם קאָפּ אַ ביסעלע אויפגעהויבען.

מרס. ברענער. אַ שווערע זאַך. ער ציהט ארונטער.

פּינקעל. דאָך. אַט אזוי אַ. יעצט גאַנץ רוהיג. (געהט צו דעם הינטערסטען שטענדער, בעטראַכט נאָך אַ מאָל מרס. ברענער און הערט אָן צו מאָלען. נאָך אַ קליינער פּאוזע.) ווייסט איהר זשע, ווי דאָס בילד וועט הייסען?

מרס. ברענער. „מרס ברענער, די בלינדע מוטער פון פּראָפעסאָר ארטור ברענער“.

פּינקעל. שפּאַס! נישט אזא נאָמען מיין איך. איך האָב אַן אנדער נאָמען. אַ זעהר פאַסענדען, נישט קיין פערזענליכען.

מרס. ברענער. אַלזאָ, גאַנץ געווים אַ הויכער נאָמען, וואָס זאָל שוין אין דעם אויסשטעלונגס־קאַטאַלאָג אַלעמען פּער־אינטערעסירען.

פינקעל. האלט איהר מיך פאר אזא רעקלאמע־מאכער?

מרס. ברענער. על כל פנים, ניט פאר א ליעבהאבער פון איינפאכקייט.

פינקעל. דאך דאס מאל וועט דער נאמען זיין די איינפאכקייט אליין. איהר האט איהם מיר איינגעגעבען.

מרס. ברענער. איך? ווען און ווי?

פינקעל. מיט אייער וועזען, אייער נשמה, אייער זעהן זאכען, אייער טיעפען קוק.

מרס. ברענער. אלזא... אלזא...

פינקעל. דאס בילד וועט הייסען „די זעהערין“.

מרס. ברענער. דאס איז א בייזער וויץ.

פינקעל. ניין, אבער גאר נישט! דער נאמען בעט זיך. יעדער איינציגער וועט מוזען גלייך איינזעהן, אז די בלינדע זקנה דא אויפ'ן בילד „זעהט“ — זעהט ווייטער און טיעפער ווי די געזינדסטע אויגען.

מרס. ברענער. דאס וועט אבער נישט זיין מיין בילד. איך בין קיין „זעהערין“ נישט און האלט מיך נישט פאר אזא. איך בין נאר אן אלטער מענש, מיין יונגער פריינד. האב אבגעלעבט אכט און זיעבציג יאהר, א סך איבערגעלעבט, פיעל זיך אנגעזעהן און נאך מעהר איבערגעקלערט. דאס איז אלץ.

פינקעל. אך, איהר האט יעצט אן אויסדרוק אין געזיכט, וועלכער פאסט מיר גאנץ פארטרעפליך. דאס גאנצע געזיכט, די גאנצע געשטאלט האט געזעהן יעצט פאר זיך דורות אין וועלטען.

מרס. ברענער. ניין, בלויז דלית אמות, מיין פריינד. בלויז די פארקומעניסען אונטער מיין נאז צווישען די איינגענע ווענד פון מיין אייגענער היים. איהר סימבאליזירט. איהר לעגט אריין אין מיין געשטאלט, וואס איך האב אין מיר נישט. על כל פנים, ווען עס זאל אייך געלינגען, קאן עס זיין אן אינטערעסאנט בילד.

פינקעל. מיין מייסטערווערק. אבער אין גאנצען ווי

איהר לייבט און לעבט. ווען איך האָב געזאָגט דעם פּראָפעסאָר, ווי איך וויל אָנרופען דאָס בילד...

מרס. ברענער. אָה, ער איז מיר א שלעכטער עדות. איהם מוז מען מאכען זיין מאַמען וואָס שענער, וואָס הערליכער און בעדייטונגספולער.

פינקעל. און אויך מיסס העררים —

מרס. ברענער. זי האָט נאטירליך אויך געפּאטשט אין די הענד.

פינקעל. זי האָט געזאָגט, דער נאָמען פּאסט זיך צו אייך און וועט געוויס זיך פּאסען צום בילד.

מרס. ברענער. נאַ, זי איז מיר אויך א שלעכטער עדות.

פינקעל. נא נו, וואָס פאר א געזיכט האָט איהר פלוצלונג געמאכט? ניין, נישט אזוי אָנגערוקט. טוט אייך עפּעס וועה?

מרס. ברענער. מיין געזיכט דארף אייך גוט פּאסען. עס איז געוועזען א „זעהערינס" געזיכט.

פינקעל. דאָך די רוה האָט געפעהלט.

מרס. ברענער. איך האָב אייך געזאָגט, אז איך בין זעהערין אין מיינע פיער איילען, און דאָרטען קאָן איך אָפּט פער־ליערען מיין רוה.

פינקעל. איך זעה נישט איין, פאר וואָס מיסס העררים' נאָמען זאָל אוועקנעמען ביי אייך די רוה.

מרס. ברענער. איהר זעהט נישט איין?

פינקעל. ניין — — (קוקט זיך אין איהר איין.) אָדער — אָדער —

מרס. ברענער. אוהום!

פינקעל. זעה איך דאָך וויעדער נישט איין, פאר וואָס איהר זאָלט אייך פיהלען בעאונרוהיגט.

מרס. ברענער. נאַ, יאַ.

פינקעל. געפעלט אייך מיסס העררים נישט?

מרס. ברענער. איהר ווייסט מיין מיינונג וועגען איהר.

פינקעל. נא, אלזאָ?

מרס. ברענער. א שאָד, וואָס איך האָב אייך דערווײלע אויפגערעקט דעם פראָפעסאָר'ס סוד.

פינקעל. איך בין טאקע איבערראשט. דאָס איז געוועזען פאַר מיר א פאָלשטענדיגער סוד. דער פראָפעסאָר האָט זיך מיר אפילו מיט א וואָרט נישט ארויסגעגעבען.

מרס. ברענער. מיר אויך נישט.

פינקעל. פון וואנען ווייסט איהר עס זשע?

מרס. ברענער. זעהט איהר דאָך.

פינקעל. און איהר זייט זיכער?

מרס. ברענער. גאנץ געוויס.

פינקעל. און איך זאָל אייך נישט רופען „זעהערין"?

מרס. ברענער. שוין גלייכער „הערערין". פון דער ארט און ווייזע, ווי ער רעדט צו מיר וועגען מיסס הערריס, ווי ער ברייננט ארויס איהר נאָמען, אין דעם טאָן פון זיין שטימע האָב איך ארויסגעהערט זיינע געפיהלען. די אויערן, מיין פערשארפט געהער האָבען עס געבראכט צו מיין מוטער־ אָדער פרויענהארץ, און אזוי האָב איך דערגאנגען זיין סוד.

פינקעל. אָבער פאר וואָס זייט איהר בעאונרוהינט?

מרס. ברענער. דאָס איז אן אנדער קאפיטעל.

פינקעל. מיינט איהר, ער ליעבט זי, זי איהם נישט?

מרס. ברענער. ווי נייגיעריג איהר זייט געוואָרען!

פינקעל. ווי א קינד! גאנץ פערברעכעריש! איהר וועט מיר ענטשולדיגען, אָבער איך וואָלט אייך וויים נישט וואָס אוועק־ געגעבען, אום צו וויסען אלע אייערע געדאנקען.

מרס. ברענער. איהר וועט זיי וויסען אָהן געצאָהלט.

פינקעל. אלזאָ! אלזאָ! איך ברען! ארויס מיט דער שפראך!

מרס. ברענער. דער פראָפעסאָר קומט.

פינקעל. איך וועל די טיר צושליעסען! איך וועל איהם משלח זיין! איהר מוזט מיר זאָגען!

מרס. ברענער. רוהיג, מיין יונגער פריינד, רוהיג.

פראָפעסאָר ארטור ברענער (אַ מאַן אין די פופ־ציגער, מיט אַ גרויסען באָרד און געדיכטע וואָנצעס, שוין שטאַרק פער־גרויט, קומט אריין): גוטען טאָג, מאמוניו! (קוסט זי.) גוטען טאָג, פינקעל!

פינקעל (אָנקוקענדיג איהם מיט אַ פאַרשענדען בליק). גוטען טאָג, פראָפעסאָר!

ארטור. נו, ווי געהט'ס? (בעטראַכט דאָס בילד און די מוטער). שיין איז זי, ווי? איהר וועט קריגען דעם ערסטען פרייז, זאָג איך אייך. וואָס פאר א קאָפּ, הא? פּראכטפול, ווי? די „זעהערין" ! ווייסט, ווי ער וויל אָנרופען...

מרס. ברענער. איך ווייס שוין, ער האָט עס מיר געזאָגט. דו ביזט נאַטירליך ענטציקט.

ארטור. גאַנץ גרויסארטיג. איך וואונדער מיך, ווי בין איך נישט געקומען אויף דעם נאָמען. איך האָב שטענדיג בלויז מיין מוטער געזעהן. מיר האָט געפעהלט די אָביעקטיוויטעט. א פרעמדער האָט זיך גלייך געכאַפּט. גרויסארטיג, פינקעל, גרויס־אַרטיג. די „זעהערין" ! (קלאַפּט איהר לאַסצענדיג אויפ'ן רוקען.) ביזט שוין איינע.

מרס. ברענער. א „שמעקערין" ! איך שמעק שוין, אז אין קיך האָט עטוואָס צוגעברענט ביי נעלי'ן! (שטעהט אויף.)

פינקעל. ניין, ניין, זיצען בלייבען! זיצען בלייבען! איך רוף אריין נעלי'ן! איך לויף אין קיך!

מרס. ברענער (טאַפּענדיג צו דער רעכטער טיר אין הינ־טערגרונד). ניין, איך בין שוין סיי ווי סיי א ביסעל מיד פון זיצען. בין גאַנץ שטייף געוואָרען. (זי ווערט אַרויסגעהאָלפען פון פראָפעסאָר. פינקעל אַרבייט ביי דעם בילד. אַרטור קומט צוריק און קוקט איהם צו.)

אַרטור. אַן אויסגעצייכענטע אייפּפּאַסונג! אַן אויסגעצייכענטע אויפּפּאַסונג! זינט איהר האָט עס מיר געזאָגט, האָב איך גישט אויף צו טראַכטען. און דער נאָמען פּאַסט זיך צו איהר. אַ זעהערין איז זי, אַ ווירקליכע זעהערין. ווי די בלינדע ווייס, וואָס עס טוט זיך אַרום איהר, איז צום ערשטוינען. צום ערשטוינען! מען דאַרף מיט איהר פאַרזיכטיגער זיין, ווי מיט אַ זעהענדיגען. און ווי זי דרינגט אַריין אין די זאַכען אין תּוך אַריין, ביז אויף דעם גרונד... יאָ, יאָ, אַ זעהערין.

פינקעל. פּשוט אַ סודות־ענטדעקערין...

אַרטור. יא, יא. אַ סודות־ענטדעקערין. אַ סו־דות־ענטדע־קערין! דאָס האָט איהר אויך געמערקט?

פינקעל. און אָט ערסט אפילו.

אַרטור. האהאהאהא... אייערען אַ סוד ענטדעקט? אָט ערסט? האהאהא...

פינקעל. ניין, אייערן.

אַרטור. ווי? מיינעם? אַ סוד?

פינקעל. יא, יא, פּראָפעסאָר.

אַרטור. ווי—ווי—ווי—ווי... וואָס פאַר אַ סוד?

פינקעל. דאָס קאָן איך אייך נישט זאָגען.

אַרטור. אָבער דאָך... אָבער דאָך...

פינקעל. איהר האָט דאָך מיר דעם סוד נישט ענטדעקט.

אַרטור (פערלאָרען). נו יא... נו יא... אַ סוד! אפשר האָט זי אַ טעות געהאַט?

פינקעל. מעגליך.

אַרטור. הום... אינטערעסאַנט צו וויסען, וואָס האָט זי דאָרטין...

פינקעל. אָט קומט זי, פרעגט זי.

אַרטור. יא, יא... איהר'ט ענטשולדיגען, פינקעל.

פינקעל. איך בעגרייף.

אַרטור. נאָר אויף אַ פּאָר מינוטען.

פינקעל. איך בין שוין ניטאָ. קאָן איך אין אייער ביב־ליאָטעק־צימער?

ארטור. אָבער וואָס פאר א פראגע? דאָס שטעהט שטענ־דיג אָפען פאר אייך.

פינקעל. פערפליה איך אהין. (געהט אריין אין ביבליאָ־טעק־צימער.)

ארטור (בעגלייט איהם). איהר'ט'אָך ענטשולדיגען. איך בין אזוי נייגיעריג...

מרס. ברענער (קומט אריין). א נאָז האָט זי! אונטער דער נאָז האָט געברענט און גאָר נישט. (ארטור העלפט איהר צו איהר שטול.) דו, ארטור? דאָס איז פינקעל ארויס אין ביבליאָטעק־צימער?

ארטור. יא. איך האָב איהם געבעטען אויף א ווייל'ע.

מרס. ברענער. אהא...

ארטור. האָסט איהם אויפגעדעקט מיינעם א סוד, וואָלט איך געוואָלט...

מרס. ברענער. פאר דיר איז עס דאָך קיין סוד נישט.

ארטור. דאָך... גענויער...

מרס. ברענער. האָסטו א סך סודות פון מיר?

ארטור. האהא... דו טרייבסט מיך צו דער וואנד... ווילסט, איך זאָל אָנהעבען...

מרס. ברענער. פאר וואָס טאקע נישט? פאר וואָס זאָל איך נישט ווילען, דו זאָלסט קומען צו מיר: „מאמע, אָט אזוי און אזוי שטעהט עס מיט מיר...“

ארטור. דאָס וואָלט איך גאנץ געוויס געטאָן... אין א געוויסען מאָמענט...

מרס. ברענער. אויב דער מאָמענט איז נאָך נישט געקומען, לאָמיר ווייטער שווייגען.

ארטור. ניין, אָבער אז דו ווייסט שוין...

מרס. ברענער. יא, איך וויים, מיין זוהן, און איך

ווייס, אַז דו ליידסט אַ סך, און עס איז שוין לאַנג געוועזען מיין איניגסטער וואונש, מיר זאָלען אונז אויסרעדען.

אַרטור (ארומגעהענדיג זעהר אויפגערעגט, קנויטשענדיג און גרייזלענדיג דעם באָרד). יא, יא... רעד, מאמוניו, רעד.

מרס. ברענער. איך זאָל רעדען? גיב דאָך דו צוערסט דאָס טעמא.

אַרטור. אַך, דו ווייסט, דו ווייסט...

מרס. ברענער. דו אונבעהאָלפען קינד מיינס! קום־צו צו מיר.

אַרטור. איך וויל ארומגעהן, מאמוניו.

מרס. ברענער. דאָך, דאָך... קום־צו צו מיר. גיב מיר דיין האנד. אָט אזוי אָ. יעצט צו מיר. ניש־קשה, דער טעפּיך איז נישט שטויביג. אָט אזוי אָ, אויף די קני לעבען מיר... יעצט האָב איך אויף מיין ברוסט דיין קאָפּ, דיינע באַקען, דיין אויפּגערעגטען אָטעם און קלאַפּענדיג הארץ. גאַר ווי אַ מאָל. אָבער יעמאָלט האָסטו דיין גרויסען באָרד נישט געהאַט, און דיינע בעקעלעך זיינען געוועזען סאמעט־גלאַט. אָבער זיינען עס אַ סך, אַ סך יאָהרען! גאָט, ווען איך גיב נאָר אַ טראַכט... יא, יא, נאָר נישט אונגעדולדיג ווערען. איך קום שוין צום ענין. דו דאַרפסט נישט, זוהן מיינער, דו דאַרפסט נישט טראַכטען וועגען מיסס הערריס.

אַרטור (שטעהט שנעל אויף, בלייך און רויט ווערענדיג, און לעגט ארויף ביידע הענד אויף די אויגען, בלייבענדיג ווי פערגליווערט).

מרס. ברענער (שאָקעלט שווער מיט'ן קאָפּ). ביזט אויפּגעשפּרונגען, ווי אַ שלאַנג וואָלט דיך אַ ביס געטאָן. קום, קום, ארטור, גיב מיר דיין האנד, זיי רוהיג. פאַר וואָס שווייגסטו? מיר ווערט גאַנץ מאָדנע...

אַרטור (מיט די הענד נאָך אויף די אויגען, לאָזט זיך אַראָב אויף די קני, אָנשפּאַרענדיג זיך מיט זיינע עלענבויגענס אָן איהר שויס).

מרס. ברענער (גלעט איהם דעם קאָפּ). ביזט שוין צו אלט, זוהנעניו, צו אלט. (נעמט אַוועק זיינע הענד פון זיינע אויגען.)

ארטור. האָב איך מיך געקאָנט פערליעבען, בין איך נישט צו אלט.

מרס. ברענער. קינדיש, מיין זוהן. ליעבען און לעבען זיינען צוויי בעזונדערע זאכען.

ארטור. ליעבען איז לעבען.

מרס. ברענער. איך מיין לעבען — חתונה האָבען, מאן־און־ווייב־לעבען. דו ביזט איין און פופציג, זי איז קוים צוואנציג. דו ביזט צו אלט פאר איהר.

ארטור. דער מאן איז קיינמאָל נישט צו אלט.

מרס. ברענער. דער מאן! מיר רעדען דאָך נישט טעאָרעטיש. דער מאן איז אפשר קיינמאָל נישט צו אלט אויף צו פערליעבען זיך, צו ליעבען, קינדער צו זעצען אויף דער וועלט. אָבער דו, פראָפעסאָר ארטור ברענער, מיט דיינע איין און פופציג יאָהר דארפסט נישט חתונה האָבען מיט א צוואנציג־יעהריגער מיידעל.

ארטור. פאר וואָס? פאר וואָס?

מרס. ברענער. ווייל דו ביזט דו.

ארטור. האָבען דען נישט א סך עלטערע פאר מיר חתונה מיט גאנץ יונגע מיידלעך? מיט וואָס בין איך ערגער פאר זיי?

מרס. ברענער. דו ביזט בעסער פאר זיי. דאָס איז עס. פאר וואָס איז דיין שלאָף אונרוהיג? פאר וואָס גערסטו ארום צורודערט? פאר וואָס זיצסטו ביים עסען א צושטרויטער? פאר וואָס זינגסטו אָפט טרויער־מארשען? וואָס קעמפּפסטו דאָ אזוי מיט דיר?

ארטור (אויפשטעהענדיג). אך, איך בין שטענדיג אַן אונענטשלאָסענער, שטענדיג פול צווייפעל. יעדע זאך, וועלכע איך טו, מוז איך דרעהען אהין און אהער. אזוי און אזוי און

טאָמער פערקערט. עס איז ווי א קללה וואָלט גערוהט אויף מיר. איך ליעב און איך ווייס, אז איך ווער געליעבט.

מרס. ברענער. ענטשולדיג, וואָס איך רייס דיך איבער. דו האָסט עס פון איהר נאָך נישט געהערט?

ארטור. ניין. אָבער איך ווייס עס, איך זעה עס.

מרס. ברענער. גוט, גוט. איך ווייס עס אויך.

ארטור. דו? ווי אזוי?

מרס. ברענער. ווי אזוי! איך האָב זי געהערט רעדען מיט דיר, געהערט זי ארויסרעדען דיין נאָמען...

ארטור. אלזאָ, זעהסטו!... איך ליעב, מיין הארץ איז מיר יונג, בין פיזיש און גייסטיג קרעפטיג, געזונד און פריש, און א יונג, קלוג, שיין מיידעל געפינט מיך פאר ליעבענסווערט, פערליעבט זיך אין מיר — פאר וואָס־זשע זאָל איך דאָס גליק נישט נעמען? פאר וואָס זאָל איך נישט צוגרייפען? נישט אויפשרייען פאר פרייד? פאר וואָס בעפאַלען מיך אונצעהליגע צווייפעל?

מרס. ברענער. דו האָסט א שארף געוויסען, מיין זוהן, און דאָס מאָל ביזטו גאנץ גערעכט אין דיינע צווייפעל.

ארטור. דו פערשטעהסט, איך צווייפעל נישט אין מיסס העררים' כאראקטער. איך פערטראכט נישט אויף שלעכטס...

מרס. ברענער. דאָס דארפסטו גאנץ געוויס נישט. זי איז א וואונדערבאר קינד, עטוואָס גאנץ רייגעס...

ארטור. עטוואָס גאנץ הערליכעס! גאנץ זעלטענעס! ערקוויקענדעס! זונענשיין און לעבען! און זי קאָן זיין מיינע, געהערען מיר אין גאנצען, און מיר ברענגט גאָר אין מארך: ווי, ווען נאָך א קורצען לעבען מיט מיר וועט אין איהר אויפוואכען א ביינקענים נאָך יונגער, נאָך מענליכער יוגענד?!

מרס. ברענער. דאָס איז עס! דאָס איז עס!

ארטור. נאָר געגען איהר ווילען, נאָר אלס א נאטור־געזעץ, אלס א מוז. דאן וועה מיר, ווען זי וועט געטריבען ווערען צו אונטרייהייט, און נישט וועניגער וועה מיר, ווען זי וועט בע־

קעמפפען אין זיך די ביינקענים און מיר טריי בלייבען, ווייל גאנץ גליקליך וועט זי דאך נישט זיין.

מרס. ברענער. דאס איז דאך געוויסהייט, מיין זוהן. מיט אט דעם עהרליכען געדאנק אין קאפ, מוזט דו דיך דאך אב־זאגען איינמאל פאר אלעמאל פון דעם אנדער געדאנק וועגען חתונה האבען מיט מיסס הערריס. וואס קעמפפסטו נאך?

ארטור. יא, אבער דער עהרליכער געדאנק איז דאך בלויז א געדאנק, א מעגליכקייט, נישט אפילו א וואהרשיינליכקייט. ווי אזוי קאן איך צוליעב א פערמוטונג אבזאגען זיך פון גליק און אויך איהר אזוי וועה טאן?

מרס. ברענער. אבער זיי דאך עהרליך. די ביינקענים נאך יוגענד מוז אין איהר קומען, וועט אין איהר קומען.

ארטור. א פערמוטונג בלויז, א פערמוטונג! און דאן — וואס זאל איך מיך פערטראכטען וועגען וואס עס קאן זיין אין דער וויטער צוקונפט? צוגרייפען, נעמען, דאס איז די קונסט פון לעבען! נישט פערטראכטען, נישט איבערלעגען, נישט מורא האבען פאר יעדען שריט...

מרס. ברענער. דער ארעמער האמלעט גיסט זיך שטאל אין די אדערן.

ארטור. און ווען!... און ווען!... דו העלף מיר דאך! מיט דעם האב איך דאך געוואלט קומען צו דיר, דו זאלסט מיר ארויסהעלפען אין מיינע צווייפעל. צושטרוי זיי מיר. צוטרייב זיי מיר...

מרס. ברענער. שפארט זיך אן א שטארקער מאן אן זיין שוואכער, בלינדער מוטער?

ארטור. אך, דו טוסט מיר וועה! דו פערשטעהסט דאך מיך גוט און...

מרס. ברענער. זוהן מיינער, לאז מיך אויס דעם שפיעל, פרעג ביי מיר גארנישט, זוך נישט מיין שטיצע. איך

בין ניטאָ מעהר. ביי מיינע אכט און זיעבציג יאָהר קאָן עס דאָך מאָרגען טאקע אמת זיין...

אַרטור. וויל דיך נישט ארויסדרעהען, מאמע! איך בין אַ קורצזיכטיגער מענש אין לעבען. איך זעה און זעה נישט; איך זעה געפאהרען, וואו זיי זיינען ניטאָ, און פערזעה געפאהרען ביי זיך אונטער דער נאָז. דו ביזט ווייטזיכטיגער פאר מיר, דו ביזט אַ זעהערין — העלף מיר יעצט. איך וויל זעהן מיין וועג קלאָר.

מרס. ברענער. איך זעה איהם קלאָר. דו דארפסט נישט חתונה האָבען מיט מיסס הערריס. צו דעם פונקט, וועלכען דו האָסט ארויסגעבראכט, קאָן איך דיר צוגעבען נאָך עטליכע. ווילסטו זיי הערען?

אַרטור. דו ווייזט מיר אַ וועג צו פינסטערנים און טרויער, און איך וויל אַ וועג צו ליכטיגקייט און פרייד און גליק.

מרס. ברענער. ווילסט הייסט עס דוקא, איך זאָל דיר בעווייזען מיט אַ סך טעמים, אז דו דארפסט יא חתונה האָבען? ניין, ליגען זאָגען וועל איך נישט קאָנען.

אַרטור. איך אליין קאָן דיר אָנרעכענען אונצעהליגע טעמים אויף ניט. אָבער וואָס איך וויל איז — מוט, לעבענס־פרייד, אַן אייזערנע בריק איבער אלע צווייפעל, אַן אויפיובעלן, אַ טריאומף־געפיהל...

מרס. ברענער. דאָס זוך אין דיר אליין, ארטור. דו האָסט עס דאָך אין דיין קונסט, האָב עס אויך אין לעבען. אָבער געדענק, דאָס זיינען זאכען, וועלכע קאָנען דיך אריבערזעצען איבער אלע שוועריגקייטען אויף אַ געוויסע צייט. זיי וועלען אָבער די שוועריגקייטען ניט אָבשאפען. דו קאָנסט חתונה האָבען מיט מיסס הערריס, אָבער די שלעכטע פאָלגען וועלען קומען.

אַרטור. אָה, וואַרף מיר נישט קיין שטאָק צווישען די פיס! רעד מיר נישט ווי אַ בייז געוויסען!

מרס. ברענער. יעצט וועל איך שווייגען. (שטעהט אויף.)

אַרטור. איך האָב דיר נישט געוואָלט וועה טאָן, מאַמע. אָבער דו פערשטעהסט דאָך...

מרס. ברענער. גוט, גוט...

אַרטור. געה דאָך נישט אַוועק. איך רוף אַריין פינקלען.

מרס. ברענער. ניין. איך בין יעצט נישט אויפגעלעגט מעהר. מאָרגען.

אַרטור. זיי דאָך נישט בייז אויף מיר.

מרס. ברענער. אָבער געוויס נישט. קום, איך וויל דיך אַ קוש טאָן. (בויגט איהם אָן דעם קאָפּ און קושט איהם אויף דער שטערן.) איך קוש דיר אַרויס אַלע ספקות. איך קוש דיר אַריין מוט.

אַרטור. צו וועלכער טהאַט, זעהערין?

מרס. ברענער. אַ זעהערין, ווי דער דעלפישער אָראַקעל, דריקט זיך קיינמאָל נישט אויס בעשטימט.

אַרטור (לאַכט אויף). לאַנג לעבען זאָלסטו מיר!

מרס. ברענער. איך וועל מיך בעמיהען. (געהט אַרויס.)

אַרטור (העבט אָן אַרומצוגעהן איבער'ן צימער, קנוטשענדיג און גרייזלענדיג און בייסענדיג דעם באָרד, זינגט אונטער, גיט זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ צו זיין זייגער, גיט אַ קוק די צייט, ווערט אונרוהיגער, געהט־צו צו דעם פאָרדערסטען שטענדער, קוקט אַ ווייל אויף דאָס בילד, געהט ווידער אום, ענדליך עפענט ער אויף די ביבליאָטעק־טיר און רופט אַריין). פינקעל!

פינקעל (קומט אַריין). יאָ?

אַרטור. די מוטער פיהלט זיך מיד און וועט היינט נישט קאָנען מעהר זיצען. אָבער איך האָב צו אייך אַ בקשה.

פינקעל. רעדט, אייער דיענער הערט.

אַרטור. מיסט הערריס דאַרף דאָ גלייך זיין. אָבער... איך וועל היינט נישט קאָנען... זעהן זי... די מאַמע האָט דאָך אייך אויפגעדעקט מיין סוד...

פינקעל. יאָ. אייגענטליך האָב איך איהם מעהר געראָטען. אָבער יעצט דעם צוזאַמענהאַנג — — ?

אַרטור (ארומגעהענדיג). איך בין... איך בין... צו אויפ־געדעגט! די מוטער האָט מיך גאַנץ צוטומעלט, צורייצט. איך וועל זי נישט קאָנען זעהן... איך מוז ביי מיר אויבמאכען... קלאָר ווערען אין מיר אליין... איהר פערשטעהט? אהין אָדער אהער. יא אָדער נישט. איןביידע אופנים וועל איך בערוהיגט ווערען. אויך דאָס אָבזאָגען־זיך, די רעזיגנאַציאָן וועט מיך בערוהיגען. שלאָף, אַלט הארץ, און פארטיג, און דאָס אלטע הארץ וועט שלאָפען. אָבער די צווייפעל, דאָס שאָקלען זיך אין ביידע זייטען... איהר פערשטעהט? דאָס מאכט שרעקליך אונרוהיג און אונזיכער. איך וועל היינט נישט קאָנען ארבייטען, נישט קאָנען רעדען מיט איהר. איך וועל מיך געווים נאַריש מאכען מיט די פארבען ווי מיט דער צונג... איהר מערקט, די הענד זיינען קאַלט, טרייסלען זיך...

פינקעל (מיט גלאָץ־אויגען און אַן אָנגעקנייטשטער שטערן, ווי צו וועלען בעגרייפען). איך האָב נישט אָנגעהויבען צו פערשטעהן.

ארטור. וואָס וואָלט איהר געטאָן, פינקעל, ווען איהר זייט איין און פופציג יאָהר אַלט, מיט גרויע האָר און א סך קנויטשען, און איהר פערליעבט אייך אין א יונג מיידעל און איהר האָט אורזאכען צו גלויבען, אַז זי ליעבט אייך?...

פינקעל. ווי הייסט, וואָס וואָלט איך געטאָן?

ארטור. נו יא. איהר זייט איין און פופציג און זי צוואנציג...

פינקעל. און מיר ליעבען אונז? הורראַ און יוכהיי! די ליעבע וואָלט אויסגענאָסען געוואָרען ביז אויפ'ן דעק!

ארטור. הם, יא, יא... איהר אין ליעבע־זאכען זייט שטענ־דיג לייכטזיניג געוועזען.

פינקעל. אין ליעבע איז ניטאָ קיין לייכטזיניגקייט. ווען דו ליעבסט עהרליך און אמת, איז דאָ נאָר איין קאָנסעקווענץ: אויסלעבען די ליעבע, אויסגעניסען זי.

ארטור. אָבער ווען אַן עלטערער מענש האָט חתונה מיט

א גאנץ יונגער, דארף ער נישט מורא האָבען, אז זי וועט זיך נישט באלד פערביינקען נאָך מענליבער יוגענד?

פינקעל. נארישקייט, פּראָפעסאָר, איהר וועט מיר ענטשולדיגען! פון וואנען וויס איך, צו וועט זי מיר פריהער נישט דערעסען? און אז א יונג פּאָר האָט חתונה אויס ליעבע, איז ידען די ליעבע ביי זיי א גאראנטירטע אייביגקייט? ווייסט איהר א סך פעלע פון אייביגער ליעבע? מען פערליעבט זיך, האָט חתונה און — מען לעבט! מען לעבט — כּאָטש אָפט איז פון דער ליעבע קיין שפור נישט געבליעבען. איין און צוואנציג, איין און דרייסיג אָדער איין און פופציג, אלץ איין מזל. דאָס איז דער גאנג פון דער וועלט. וואָס זייט איהר געבליעבען שטעהן און פערטראכט זיך?

ארטור. יא, יא. איך זעה די זאך אנדערס. א יונג פּאָר קאָן נישט פאָראויסזעהן, וואָס וועט זיי פרעמד מאכען, אָבקיהלען. אָבער איך קאָן... איך קאָן. און צובינדען צו זיך א מענשען, וועלכער זאָל באלד אָנהויבען צו פיהלען זיך אונגליקליך — איך קאָן נישט... איך קאָן נישט... איך מוז מיר ידי זאך גוט איבערלעגען.

פינקעל. ליעבע האָט נאָר איין אויסוועג — איין אויסוועג! אלע אנדערע זיינען געוואלטטהאטען — איבער זיך און איבער דעם געליעבטען וועזען. אומזיסטע יסורים! — איז מרס. ברענער געגען?

ארטור. אָבער גאנץ שטארק.

פינקעל. אויס זעהערין מעהר! אויס! שווארצזעהערין איז זי!

ארטור. דאָך, דאָך... זי זעהט די ווייטע קאָנסעקווענצען. און איך זעה זיי אויך. איך בין דאָך קיין דאָן זשואַן קיינמאָל נישט געוועזען און צוליעב צייטווייליגען גענוס... איהר פערשטעהט, איך מוז מיך דערטראכטען ביז'ן סוף... וועט איהר אזוי פריינדליך זיין... זי קומט גלייך... זי מוז שוין דאָ גלייך זיין... וועט איהר אזוי גוט זיין און זאָגען איהר —

פינקעל. אז איהר זייט אוועקגערופען געוואָרען.

ארטור. אין דער אקאדעמיע... זעהר נויטיג... וועט איהר עס איהר זאָגען?

פינקעל. אלץ, וואָס איהר וועט מיר הייסען. אָבער פאָלגט מיך און בלייבט, בעגעגענט אייער גליק מיט אָפענע אָרמס, זייט הערר איבער אייער שיקזאל.

ארטור. ניין, ניין... יעצט נישט... יעצט נישט. איך בין צו אָבגעשטומפט... וועט איהר איהר זאָגען? אין דער אקאדעמיע... גאנץ נויטיג. יא, פינקעל?

פינקעל. אָבער געוויס.

ארטור. בעסטען דאנק, פריינד, בעסטען דאנק!... שאַ! (הערט זיך צו.) עס האָט געקלונגען. דאָס מוז זי זיין, אלזאָ... (ער איילט אַוועק אין ביבליאָטעק־צימער.)

פינקעל (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, שמייכעלט און ווענדט זיך צו זיין שטענדער. עס קלאַפּט אין טיר). אריין!

עממא הערריס (קומט אריין). גוטען טאָג! (קוקט זיך ארום.) גוטען טאָג, מר. פינקעל! וואו איז דער פראָפעסאָר?

פינקעל. גוטען טאָג, מיסס העררים! דער פראָפעסאָר לאָזט זיך ענטשולדיגען. ערסט אוועקגערופען געוואָרען אין דער אקאדעמיע.

עממא. אה־ה!

פינקעל. גאנץ דרינגענד. ער'ט נישט געקאָנט אפילו אָבוואַרטען צו זעהן זיך מיט אייך, ביי זיין בעסטען ווילען נישט. ער לאָזט זיך פיעל מאָל ענטשולדיגען.

עממא. ווען קאָן ער קומען צוריק?

פינקעל. דאָס קאָן איך אייך נישט זאָגען. מעגליך, אז זעהר שפעט. אז נישט, וואָלט ער אייך געוויס געבעטען וואַרטען.

עממא. די בייזע אקאדעמיע!

פינקעל. יא, זי פערדיענט צוגעשלאָסען צו ווערען. אזוי אריינמישען זיך אין פריוואטע אנגעלעגענהייטען!

עממאַ. איהר מאכט שפּאַס, און איך וועל אָבער האָבען אַ שלעכטען טאָג.

פינקעל. מיין מיטגעפיהל. דער טאָג, ווען איך זעה נישט דעם פּראָפעסאָר, איז אויך פון מיינע שלעכטעסטע.

עממאַ (פערלעגען). פון וואַנען ווייסט איהר, אַז איך האָב עס אַזוי געמיינט?

פינקעל. ווי? — אָבער דאָס איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך.

עממאַ. זעלבסטפערשטענדליך איז גוט! ליעבט איהר אַזוי דעם פּראָפעסאָר? (זעצט זיך.)

פינקעל. דאַרפט איהר עס נאָך פרעגען? איך גלויב, איהר ווייסט עס.

עממאַ. גליקליכער מענש! און איהר'ט קיינמאָל נישט געדאַרפט דערקלערען זיך איהם אין ליעבע?

פינקעל. דאָס האָב איך. און נישט איינמאָל.

עממאַ. אויף די קני?

פינקעל. איך וועל באַלד חושד זיין, אַז מען האָט זיך אייך נאָך קיינמאָל נישט דערקלערט אין ליעבע, און איהר האָט עס אויך נאָך קיינמאָל נישט געטאָן.

עממאַ. אַך, איהר האָט געטראָפען!

פינקעל. אויף די קני שטעלט מען זיך אין ראָמאַנען און אין הומאָריסטישע בלעטער. אין לעבען ווערט ליעבע אַרויסגעזאָגט גאַנץ איינפאַכער און געוועהנליכער.

עממאַ. אָדער ווערט גאָרנישט אַרויסגעזאָגט.

פינקעל. גאַנץ ריכטיג.

עממאַ. מען דערפיהלט זי. מען דערקענט זי. אין אַ קוק, אין אַ בעוועגונג.

פינקעל. איך בויג מיין קאָפּ פאַר אייער אויטאָריטעט. דאָך דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרען פאַר אַלעמען. פאַראַן אַזעלכע האַרטהויטיגע, וועלכע נויטיגען זיך אין אַ וואונק מיט אַ שטעקען.

עממא. צווישען מענער?

פינקעל. ניין, מעהר צווישען פרויען. דערפון נעמט זיך דאָך עס, וואָס די פרויען ווארטען אליין, מען זאָל זיך שטעלען פאַר זיי אויף די קני — יעמאָלט ווייסען זיי, אז מען ליעבט זיי.

עממא (שטעהט אויף). נישט אמת.

פינקעל. איך רעד פון ערפאהרונג, מיין ליעבע מיסס הערריס.

עממא. און איך...

מרס. ברענער (קומט אריין). ארטור!

עממא (איילט איהר ענטגעגען). אָה, גוטען טאָג, ליעבע מרס. ברענער! ווי געהט עס? (קוסט זי.)

מרס. ברענער. גוטען טאָג! א דאנק! מען הערט דאָך דאָ עפּעס דעם פּראָפעסאָר נישט.

עממא. אָך, ער איז דאָ טאקע נישטאָ. איהר ווייסט עס גאָרנישט? ער איז דאָך אוועקגערופען געוואָרען!

מרס. ברענער. אוועקגערופען געוואָרען?

פינקעל. גאנץ פּלוצלונג. זעהר דרינגליך.

עממא. די בייזע אקאדעמיע!

פינקעל. האָט מסתמא פערגעסען אין איילענים צו מעלדען זיך ביי אייך פאַר'ן אוועקגעהן.

מרס. ברענער. אזא איילענים, אז ער האָט מיך פער־געסען?... נו, יא... (געהט צו דער ביבליאָטעקטיר, מאַכט זי אָן און, אומקעהרענדיג זיך צוריק, נייגט זי אָן דאָס אויער קוים בעמערקבאַר.)

עממא (פערפאָלגט איהרע בעוועגונגען, ווערט אונרוהיג). טרעפט עס אזוי זעלטען?

מרס. ברענער. אָה, זעלבסטפערשטענדליך! זעלבסט־פערשטענדליך.

עממא. מוז זיין וואָס גאנץ אונגעוועהנליכעס דאָרטען — אין דער אקאדעמיע?

מרס. ברענער. נאַטירליך, נאַטירליך.

עממא. מרס. ברענער, איך וואָלט אייך געוואָלט עפּעס זאָגען. קאָן איך מיט אייך אריין א ווייל׳ע אין דאָס ביבליאָטעק־צימער?

מרס. ברענער. אין דאָס...?

פינקעל. איך קאָן ארויס. איך קאָן אייך לאָזען אליין. (מאַכט א בעוועגונג ווי אוועקצוגעהן.)

עממא. ניין, ניין, ניין... בלייבט! איך האָב מיך איבער־לעגט. איך וועל עס זאָגען איין אנדערס מאָל. דאָס איז א צו לאַנגע טעמא, און איך וויל יעצט אוועקגעהן.

מרס. ברענער. איך האָב אייך געוואָלט איינלאַדען אין עסצימער. דאָרטין וואָלטען מיר געקאָנט רעדען און נאַשען. ווילט איהר? עס וועט מיך זעהר פרעהען.

עממא. א שיינעם דאנק. אָבער אַן אנדערס מאָל. אָדער מאָרגען. יא? יעצט וועל איך געהן. בלייבט מיר רעכט געזונד, גוטע מרס. ברענער. (קוסט זי.) אדיע, מר. פינקעל! מעגער זיינען האַרטהויטיגער! האהאהא... און זייט אזוי גוט און פריינד־ליך און זאָגט דעם פּראָפעסאָר, אז מאָרגען זאָל ער זיך נישט לאָזען אָוועקרופען אין דער אַקאַדעמיע אין מיין צייט. אדיע! (דריקט מרס. ברענער די האַנד און געהט שנעל אַוועק.)

מרס. ברענער. דער פּראָפעסאָר איז דאָך נישט אוועק־גערופען געוואָרען.

פינקעל. ניין, און מיסס הערריס ווייס עס יעצט אויך. ווי אויפגערעגט זי איז געווען צולעצט!

מרס. ברענער. ער האָט זיך אָבגעטראָגען. בעהאַלטען זיך.

פינקעל. ער האָט נישט געוואָלט זעהן זיך יעצט מיט מיסס הערריס.

מרס. ברענער. דער שוואכער מענש!

פינקעל. דאָס זאָג איך אויך.

מרס. ברענער. קינדיש! קינדיש!

פינקעל. גאַניץ מיינע ווערטער.

מרס. ברענער. וואָס האָט איהר איהם געזאָגט?

פינקעל. דאָס פערקעהרטע פון דעם, וואָס איהר האָט איהם געזאָגט.

מרס. ברענער. דאָס האָב איך מיר געקאָנט פאָר־שטעלען.

פינקעל. לאָזט מיך אייך זאָגען, אז דאָס מאָל זעהט איהר די זאַך זעהר קרום.

מרס. ברענער. איהר ווילט מעסטען אלע מענער מיט אייער מאָס. און וואָס איהר וואָלט געקאָנט טאָן, דאַרף דער פּראָפעסאָר נישט טאָן. — ער איז ביי זיך אין זיין ביבליאָטעק?

פינקעל. אויב ער איז פון דאָרטין נישט ענטרונען אין דאָס עסצימער.

מרס. ברענער. ער איז דאָרטין.

פינקעל. מיר קאָנען עס גלייך אויסגעפינען. ווילט איהר צו איהם?

מרס. ברענער. ניין, מיך זאָל ער יעצט נישט זעהן. ער וועט זיך שעמען. ער וועט רויט ווערען פאר זיין שוואַכקייט.

פינקעל. מען מוז איהם אָבער שוין בעפרייען פון זיין נעפיינגנים.

מרס. ברענער (ווענדט זיך צו דער רעכטער טיר). בע־פרייט איהם! בעפרייט איהם!... איך גייה אוועק. (פינקעל העלפט איהר.) זאָגט איהם אויך, אז מיסס הערריס וויים פון זיין בע־האלטענים.

פינקעל. דאָס וועט איהם אָבער שטאַרק וועה טאָן.

מרס. ברענער. וועט איהם אויך גוט טאָן. וועט ער זיך מעהר נישט בעהאלטען. יעצט וועט ער מוזען אהין אָדער אהער. זאָגט עס איהם. יא, פינקעל?

פינקעל. גוט, גוט.

מרס. ברענער (געהט אַרויס).

פינקעל (רופט). פּראָפעסאָר! (געהט צו דער ביבליאָטעק־טיר, קלאַפּט אָן.) פּראָפעסאָר! (געהט צוריק צו זיין שטענדער.)

ארטור (קומט אַרויס נאָך אַ קליינער פּאַוזע, ווי אַ שולדיגער, פערשעמט שמייכלענדיג, גרייזלענדיג זיין באָרד). שוין געווען און אוועק?

פינקעל. געווען — און אוועק.

ארטור. אזוי שנעל.

פינקעל. נו יאַ — וואָס זאָל זי דאָ טאָן אָהן אייך?

ארטור. פוי, צום ערסטען מאָל האָב איך געברויכט די אקאדעמיע פאר א צוועק, פאר וועלכען זי איז נישט בעשטימט געוואָרען!

פינקעל. און נישט געלונגען אויך.

ארטור. ווי?

פינקעל. ווייל מיר האָבען פערגעסען מרס. ברענער.

ארטור. די מוטער? ווי קומט זי?

פינקעל. זי איז אריינגעקומען, האָב איך געמוזט אָבגעבען איהר דיזעלבע ערקלערונג.

ארטור. אה!... און מיסס הערריס?

פינקעל. האָט זיך גלייך געכאַפּט. פאר'ן אוועקגעהן האָט זי געבעטען איבערגעבען אייך, אז מאָרגען זאָלט איהר אייך נישט לאָזען אוועקרופען אין דער אקאדעמיע אין איהר צייט.

ארטור. אזוי האָט זי געזאָגט?

פינקעל. וואָרט אין וואָרט.

ארטור. הם! — מיאום! מיאום! — דאָס קומט דערפון...

פינקעל. וואָס מען איז שוואך.

ארטור. יא, יא, יא... יעצט מוז עס אָבער נעמען א סוף... יעצט וועל איך מוזען ארויסקומען מיט קלאָרע דיבורים... איך וועל דאָך נישט קאָנען שטעהן אויף דארויף, אז מען האָט מיך אוועקגערופען אין דער אקאדעמיע, ווי? דאָס וועט דאָך זיין... ניין, דאָס וועל איך נישט קאָנען. איך וועל איהר מיזען ערקלערען,

פאר וואס איך האָב זי נישט געוואָלט זעהן. זיך וועל עס דאָך מוזען, ווי?

פינקעל. אָבער זעלבסטפערשטענדליך.

ארטור. נו יא... נו יא... וועל איך עס טאָן. וועל איך עס מאָרגען טאָן. אָדער זאָל איך עס שוין היינט טאָן? אריבער־געהן צו איהר און ערקלערען איהר... אהין אָדער אהער...

פינקעל. דאָס וואָלט געוועזען די גלייכסטע זאך.

ארטור. די גלייכסטע זאך... די גלייכסטע זאך... גאָט, וויפיעל עצות האָב איך מענשען צוגעבען, און יעצט לויף איך אום איבער'ן צימער, גאַנץ נאַריש אין קאָפּ... אהין אָדער אהער... ווען איך וואָלט געוועזען יעצט איין און דרייסיג יאָהר אלט, וואָלט איך דאָך געוועזען דער גליקליכסטער!... ווען איך וואָלט געוועזען איין און פיערציג, וואָלט איך דאָך אויך קיין שום צווייפעל נישט גע־האַט... און נאָר... און נאָר... פינקעל, גלויבט איהר אין מיר, אין מיין טאלענט, אין מיין שאפענסקראפט?

פינקעל. דארף איך עס אייך נאָך זאָגען, פּראָפעסאָר? זעהר ווייניגע קאָנען זיך פערגלייכען מיט אייך אין קראפט און אין דער לעבעדיגקייט פון דער פאַנטאַזיע. עס ליעגט פרישע יונגענד־קראפט אין אלץ, וואָס איהר שאפט און — —

ארטור. גענוג, גענוג... אזוי וועט עס זיין. איך געה צו איהר. אָדער... אָדער...

פינקעל. אָהן „אָדער", פּראָפעסאָר! געהט און נעמט אייער גליק.

ארטור. איהר פערשטעהט, דאָס וועט אפשר אויסזעהן צו אינגליש.

פינקעל. וואָס מאַכט עס אויס? זייט א מאָל א אינגעל!

ארטור. דאָס איז א גוט וואָרט. זיין א מאָל א אינגעל! בעפרייען זיך פון דעם יאָך פון די יאָהרען און ערלויבען זיך דאָס פערגניגען צו האנדלען ווי א אינגעל. דאָס איז א טייער וואָרט. און אייגענטליך איז דאָס נישט אינגליש, נאָר מוטיג. אריינקומען

און זאָגען: יא, איך בין נישט געוועזען אין דער אקאדעמיע, נאָר האָב מיך בעהאלטען, און דאָס איז דערפאר און דערפאר. און ווייטער זאָל זיין וואָס עס וועט זיין. — פוי, ווי בעפריי איך מיך יעצט פון מיר אליין! עס גריבעלט און גריבעלט און גריבעלט אין מיר. עפּעס א רים טאָן זיך, עפּעס... עפּעס...

פּינקעל. וועט איהר מיר ערלויבען ארויסצושטופּען אייך פון טיר?

ארטור. יא, איך געה!

פּינקעל. און זאָל זיין מיט גליק, פּראָפעסאָר! (דריקט איהם די האנד.)

ארטור. איהר וועט זיין מיין אונטערפיהרער, פינקעל.

פּינקעל. מיט'ן גרעסטען פערגניגען!

ארטור. יא, וואָס האָב איך אייך געוואָלט נאָך זאָגען?...

פּינקעל. גאָרנישט. געהט!

ארטור. עפּעס דאָך. ווארט... טאָמער...

פּינקעל. אי, אי... ספקות!... איך וויל גאָרנישט הערען!

ארטור. האהאהא... יא, איך געה. ווי האָט איהר פריהער געזאָגט? יא: הערר זיין איבער'ן איינענעם שיקזאל! הערר זיין איבער'ן לעבען! (געהט ארויס.)

(פאָרהאַנג פאַלט.)

צווייטער אַקט

דאָס זעלבע צימער. — אַרטור שטעהט מיט צוויי גירעס אין די הענד און מאַכט גימנאַסטיק. מרס. ברענער זיצט און מאַכט אַ זאָק.

אַרטור. דאָס האָב איך שטענדיג געדאַרפט טאָן, וואָלט איך יעצט נישט אַזוי אַלט אויסגעזעהן מיט מיינע איין און פופציג יאָהר. איך זעה דאָך אויס ווי אַן אַלטער מאַן. אַך, איבער דער קונסט האָב איך דאָס לעבען פערגעסען.

מרס. ברענער. וואַרף נישט אַרויף די שולד אויף דיין קונסט.

אַרטור. עס איז דאָך אַזוי.

מרס. ברענער. פאַראַן קינסטלער, און זעהר גרויסע קינסטלער, וועלכע געפינען צייט אי פאַר גימנאַסטיק אי פאַר נאָך אַנדערע זאַכען.

אַרטור. איך — איך אָבער.

מרס. ברענער. יאָ, דו. בעשולדיג דיך, אָבער נישט דיין קונסט. דו וואָלסט געוויס נישט וועניגער דערגרייכט אין דיין קונסט, ווען דו וואָלסט אוועקגעגעבען אַ שעה אין טאָג אויף גימנאַסטיק, אָבער ווייס דיך דער גוטער, פאַר וואָס דו האָסט עס נישט געטאָן. האָסט דיך איינפאַך געפוילט.

אַרטור. מיר האָט זיך שטענדיג אויסגעדוכט, אַז איך וועל בעגעהן אַן עבירה, ווען איך וועל אוועקנעמען קאָסטבאַרע צייט פון מיינע פאַרבען אָדער מיינע ביכער און אַוועקגעבען איך ווייס דאָרטען עפּעס אַ נאַרישקייט, אַן אַרומוואַרפען מיט די הענד אַרויף, אַראָב, און רעכטס און לינקס. און גערעכט ביזטו: איך וואָלט נישט וועניגער דערגרייכט אין מיין קונסט. דאָס איז געוועזען אַ רעכענפעהלער פון מיר, און ער לאָזט זיך יעצט מערקען.

מרס. ברענער. פערגעס נאָר נישט, מען ווערט אַלט

אויך מיט גימנאַסטיק. און איך ווייס נאַרנישט, צו דו ביזט אזוי אַלט. דו ביזט יעצט בלויז אויפגעלעגט צו ברומען.

ארטור. ניין, עס פערדריסט מיך יעצט בלויז אויף די פערגאַנגענע יאָהרען. איך בין דאָך א נאַר געוועזען. דאָס לעבען איז פאַר מיר געוועזען א נעבענזאַך, די קונסט אַלץ, און איך האָב דאָס גאַנצע לעבען פערנאַכלעסיגט.

מרס. ברענער. ווילסטו יעצט אָניאָגען?

ארטור. יאַ, יעצט וויל איך לעבען. איך בין נאָך יונג גענוג.

מרס. ברענער. דו האָסט הייסט עס בעשלאָסען...

ארטור. יאַ.

מרס. ברענער. זאָל זיין מיט גליק, מיין זוהן.

ארטור. איך וועל זיין יעצט אזוי יונג ווי איך בין נאָך קיינמאָל נישט געוועזען. איך וועל יעצט לעבען נישט פון דער קונסט וועגען, נאָר צוליעב דעם לעבען וועגען. לעבען און געניסען דאָס לעבען. איך האָב אזויפיעל געלעבט פאַר דער קונסט און שטעה יעצט אויף אזא הויכער שטופע, אז איך קאָן מיר פערגינען צו געניסען אין פולען, וואָס איך האָב דערגרייכט. מיין בעריהמט־הייט, מיין גרויסער נאָמען, אַלץ מוז מיר יעצט דיענען צום גענוס. איך און מיין יונג ווייב — מיר וועלען עס א הוליע טאָן!... האָסטו נאָר גאַרנישט צו זאָגען דאַגעגען?

מרס. ברענער. ווי? —— ניין!

ארטור. דאָך געכטען...

מרס. ברענער. איך האָב דיר געגעבען מיין ברכה. ווי דו נעמסט דיך פאַר צו טאָן, זאָלסטו זיין געבענשט. קיין עצות וועל איך דיר נישט געבען.

ארטור (גלעט זי). מאַמעלע! מאַמעלע! (עס קלאַפּט אין קאָרידאָר־טיר. ער בעהאַלט אויף גיך די גירעס.) אריין!

פינקעל (קומט אריין, די וואָנצעס אָבראַזירט, לאַכענדיג). גו־טען טאָג!

אַרטור (פערוואונדערט אָנקוקענדיג, נישט דערקענענדיג). גוּ־טען טאָג! פינקעל? משוגע צו חסר דעה! וואו האָט איהר אהינ־געטאָן די וואָנצעס?

פינקעל (לאַכענדיג). איך קאָן אייך געבען די אדרעסע פון דעם באַרבער. אויב ער האָט זיי נאָך נישט ארויסגעקעהרט, וועט איהר זיי דאָרטין נאָך געפינען, פרישע, צאַפּעלדיגע.

מרס. ברענער. ווי? ער האָט אראָבגענומען די וואָנ־צעס? און איך, די זעהערין, וואָלט געקאָנט אָבערעדען מיט איהם דעם גאנצען טאָג און וואָלט דערפון נישט געוואוסט.

אַרטור. וואָס איז דאָס געוועזען פאַר אַן איינפאַל?

פינקעל. אָט אזוי איז מיר איינגעפאַלען. איהר זאָגט מיר בעסער, וואָס...

אַרטור (ווינקט איהם שטאַרק מיט הענד און אויגען, ער זאָל שווייגען).

פינקעל (קוקט איהם פערוואונדערט אָן). דאַרף איך אייך...

אַרטור (ווינקט איהם נאָך שטאַרקער). וואָס עפּעס מיט אַ מאָל אראָבגענומען די וואָנצעס? — גאָר פּלוצלונג!

פינקעל (קוקענדיג אויף דעם פּראָפעסאָר נאָך אַלץ פערוואונ־דערט). ווי אַלע גוטע זאַכען. איך האָב זיי שוין לאַנג געוואָלט אראָבנעמען. נאָר עס האָט מיר געפעהלט מוט. אין דער לעצטער מינוט פלעג איך ווערען שוואַך אין די קני. אָבער ווי אלע וועגען פון שיקזאַל האָבען קיין ערקלערונג נישט, אזוי קאָן איך נישט ערקלערען, פון וואַנען האָט זיך היינט גענומען צו מיר דער מוט. אָ־ער דאָך... דאָס איז דערפאַר, וואָס איהר האָט אייך גענטען אנגענומען מיט מוט... איך האָב מיך אָנגעשטעקט...

אַרטור (ווינקט איהם שטאַרקער און שטאַרקער).

פינקעל. בקיצור, איך האָב עס געטאָן.

אַרטור. און גוט געטאָן. עס קליידעט אייך זעהר גוט. און אינגער זייט איהר געוואָרען. וואָלסט איהם יעצט זעהן, מאַ־מוניו. אינגער אויף צעהן יאָהר. נישט צו דערקענען. איך בין

באַלד אַ בעלן פטור צו ווערען פון מיין פערוואַקסענים. דאָס פּאַסט מיר יעצט צו מיין פּראָגראַם.

פינקעל. איך האָב טאַקע געטראַכט, אַז איהר דאַרפט עס טאָן.

מרס. ברענער (דערשראָקען). דאָס דאַרף ער נישט!

אַרטור. פאַר וואָס נישט?

פינקעל. פאַר וואָס טאַקע נישט? אָט זעה איך יעצט אויס ווי אַ צוואַנציג־יעהריגער. איך האָב ליעב די צוואַנציגער יאָהרען און קאָן מיך מיט זיי נישט צושיידען. קאָן איך זיי נישט אָבשטעלען, לאָמיך כאָטש אויסזעהן.

מרס. ברענער. דער פאַלשער שיין! וועמען ווילט איהר נאַרען?

פינקעל. כאָטש מיך אַליין. איך פיהל מיך זעהר יונג מיט מיינע דרייסיג יאָהר, און איך וויל, אַז דער שפּיעגעל זאָל מיך נישט אַרויסרייסען פון מיינע געפיהלען.

אַרטור. וואָס זאָל איך שוין זאָגען?

מרס. ברענער. טראָג געזונטערהייט דיין לאַנגען באָרד און זאָג גאָרנישט. עס איז פאַראַן אַ געוויסע גרענעץ, ווען אַזעלכע זאַכען זיינען אונמעגליך. דיינע איין און פופציג יאָהר זיינען געוויס אַזאַ גרעניץ. און ענדליך בעט איך דיך, דו זאָלסט עס נישט טאָן. איך וויל עס נישט.

פינקעל. און דאָס, וואָס מען קאָן עסען סופּ אָהן דער געפאַהר, אַז פון די וואָנצעס וועט אַראָבקאַפּען אויף די מלבושים, גראָד ווען די סערוויעטקע ליעגט אונטער די פיס?

מרס. ברענער. די געפאַהר האָט דער פּראָפעסאָר נישט: ביי איהם קאַפּעט אַראָב אויפ'ן באָרד.

אַרטור. און נאָך ווי! אָפּט האָב איך אין באָרד אַ גאַנצע שפּייזקאַמער. דערפאַר אַליין האָב איך געדאַרפט...

מרס. ברענער. דו וועסט עס נישט טאָן. פון מיינעטוועגען וועסטו עס נישט טאָן. איך געדיינק דיין געזיכט מיט באָרד

און וואנצעס. אז דו וועסט זיי אראבנעמען, וועל איך נישט וויסען מעהר, ווי דו זעהסט אויס.

ארטור. וועסטו דיך דערמאנען, ווי איך האב אויסגעזעהן, איידער מיין געזיכט איז פערוואקסען געווארען.

מרס. ברענער. אבער דאמאלס האסטו די פיעלע קנוי־טשען נישט געהאט: נישט ארום מויל און נישט אויף דער שטערן, און נישט אונטער די אויגען. איך קאן מיך אפשר דערמאנען, ווי מיין זיעבצעניעהריגער זוהן האט אויסגעזעהן אהן בארד און וואנצעס, אבער איך וועל בשום אופן נישט וויסען, ווי עס זעהט אויס מיין איין און פופציג יעהריגער זוהן. זוהן מיינער, נאר מיין זכרון נישט. לאמיך נישט נאך שטארקער פיהלען מיין בלינדקייט.

ארטור. נו, נו, מאמוניו... איך געה עס דאך נישט טאן.

מרס. ברענער. זאגסטו מיר צו, אז דו וועסט דיך אויף אזוי וויט נישט בענארישען?

ארטור. די פארם איז צו הארט. איך זאג דיר צו, מיין בארד און וואנצעס שטעהט נאך פארלויפיג קיין סכנה נישט פאר. נישט, כל זמן דו וועסט זיך אננעהמען פאר זיי.

מרס. ברענער. איז גוט. איז א דאנק דיר. און יעצט וועל איך אוועקגעהן. פינקעל האט געוואלט עפעס וויסען פון דיר, און דו האסט איהם אבגעשטעלט. וועל איך אייך לאזען אליין.

ארטור. אבער, מוטער...

פינקעל. אבער, מרס. ברענער!

מרס. ברענער. יא, יא... איך האב נישט געזעהן, אבער איך וויים. האסט אויך ארומגעפאכעט מיט די הענד אין דער לופט ווי א ווינדמיהל. בלייבט אייך אליין... בלייבט אייך אליין... (געהט צו דער טיר.)

ארטור. אבער, מוטער! אבער, מאמע! (וויל זי אב־האלטען.)

מרס. ברענער. דאך... דאך... רעדט אייך אויס. רעדט אייך אוים...

פינקעל. איך האָב דאָך געוואָלט אָנגעהן מיט אונזער ארבייט.

מרס. ברענער. בין היינט נישט אויפגעלעגט... גאָר־נישט אויפגעלעגט... (געהט אַרויס.)

ארטור. ווי מען דאַרף מיט איהר פאָרזיכטיג זיין. איך האָב איהר גאָרנישט דערצעהלט פון מיין נעכטיגען געהן צו מיסס הערריס און נישט געוואָלט, זי זאָל עס וויסען.

פינקעל. איהר וועט מיר ענטשולדיגען, איך האָב עס נישט געוואוסט. — אלזאָ דאַרף איך אייך פרעגען...?

ארטור. איך בין ביי מיסס הערריס נישט געוועזען.

פינקעל. ווי?!

ארטור. נישט געוועזען.

פינקעל. נאָך דעם פעסטען בעשלוס?

ארטור. אויף דער גאַס איז ער ביי מיר צוקראָכען געוואָרען.

פינקעל. פאר וואָס? וואָס איז?

ארטור. איך האָב מיך איבערלעגט...

פינקעל. גאָט אין הימעל!

ארטור. נאָך א נאכט די זאך איבערצוטראכטען קאָן דאָך נישט שאַדען. היינט, ווען זי קומט, מוז דאָך סיי ווי סיי אָבגע־גמר'ט ווערען אַהין אָדער אַהער. און ביי דער נאכט, ווען איך ליעג אין דער פינסטערניס מיט צוגעמאַכטע אויגען, טראכט איך אַם שטארקסטען, אינטענסיווסטען. איהר ווייסט דאָך, מיינע בעסטע געדאנקען זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען פון מיר אין שלאָפלאָזע נעכט... האָב איך געוואָלט...

פינקעל. האָט איהר שוין אליין איבערגעלעגט, איבערגע־טראכט, אויסגעפלאַנעוועט? איז שוין א סוף צו די גריבעלייען?

ארטור. איך בין די גאנצע נאכט אָבגעשלאָפען ווי א גע־הרג'עטער.

פינקעל. דאס וויל הייסען, אז היינט וועט איהר אויך אוועקגערופען ווערען?

ארטור. דאך, איך בין אויפגעשטאנען מיט א פעסטען בעשלוס.

פינקעל. דארף איך איהם וויסען?

ארטור (שלעפט ארויס די גירעס). אז איך דארף אנהעבען מאכען גימנאסטיק און זעהן, איך זאל עפעס ווערען עלאסטישער.

פינקעל. דאס איז א גוטער בעשלוס, אבער...

ארטור. איך האב נאך איינעם אויך.

פינקעל. און דאס איז?

ארטור. אז איך וועל צו קיין בעשלוס נישט קומען.

פינקעל. האהאהאהא!

ארטור. אך, דאס איז דער איינציגער בעשלוס, צו וועלכען איך האב געקאנט קומען.

פינקעל. אלזא, הייסט עס, אבטראגען זיך?

ארטור. ניין, איך בלייב. שוין דערפאר אליין, וואס איך האב זי נעכטען נישט געזעהן. צוויי טעג נישט זעהן זי, וועט זיין צופיעל פאר מיר. זי וועט קומען, איך וועל זי זעהן, מיר וועלען רעדען, און אפשר וועלען מיר אונז צו עטוואס דעררעדען.

פינקעל. אזוי ווילט איהר, הייסט עס, אליין איבערלאזען דעם צופאל?

ארטור. דאס וואלט געווען די גלייכסטע זאך. דאך ביז זי וועט קומען, האב איך נאך א פאר שעה צו טראכטען. אפשר וועל איך מיך צו עפעס דערטראכטען.

פינקעל. און דער איינציגער בעשלוס, צו וועלכען איהר זייט געקומען?

ארטור. איהר ווייסט דאך: גוטע רעזאלוציאנען ווערען געמאכט, כדי עס זאל ארויסקומען פערקעהרט.

פינקעל. אך, פראפעסאר, פראפעסאר, אייער לעצטער

בעשלום וועט שוין זיין דער ריכטיגסטער. איהר וועט אייך צו גאָרנישט דערטראַכטען, צו קיין בעשלום נישט קומען.

אַרטור. דאָך, דאָך.. ווייסט איהר דען נישט, ווי אַ מאָל אין מיטען שאַפען בלייבט איהר שטעהן פאַר אַ שווערען פּונקט. אייך פעהלט עפּעס. איהר טראַכט און טראַכט, שטריינגט אָן אייער מאַרך, און אומזיסט — שעה נאָך שעה, טאָג נאָך טאָג. איהר ווערט פערצווייפעלט. אייך דוכט זיך אויס, אַז איהר וועט שוין קיינמאָל נישט געפינען, וואָס איהר זוכט. און פּלוצלונג אין דעם מאָמענט פון דער גרעסטער פערצווייפלונג, ווען איהר ווילט שוין אַראָברייסען דאָס לייוועגט פון דעם שטענדער, געהט אייך אויף אַ ליכט אין די אויגען — דאָס, וואָס איהר האָט אַזוי שווער געזוכט אין די ווייטסטע חדרים פון אייער מאַרך, איז גאָר גע־לעגען אַזוי אויבען־אויף, פּשוט פאַר דער נאָז...

פינקעל. וועל איך אייך לאָזען טראַכטען.

אַרטור. איהר וועט דאָך אויף מיר קיין פאַראיבעל נישט האָבען, וואָס איך וועל אייך יעצט נישט פערהאַלטען.

פינקעל. אָבער, פּראָפעסאָר! איך ווינש אייך גאָר פון גאַנצען הארצען, אַז דאָס ליכט זאָל אייך ענדליך אויפגעהן. גוטען טאָג! מיין בעסטען גליקוואונש!

אַרטור. אַ דאַנק, אַ דאַנק, ליעבער פריינד, גוטען טאָג!

פינקעל (געהט אַוועק).

אַרטור (לעגט אַוועק די גירעס, געהט אום איבער'ן צימער, זינגט אונטער, פערזונקען אין געדאַנקען; בלייבט ענדליך שטעהן פאַר'ן בילד אויף דעם פאָרנסטען שטענדער, און ביסלעכווייס עסט ער זיך איין אין איהם מיט די אויגען, פול ליעבע און לוידענשאַפט). דו, דו, דו, דו, דו! — ווי ליעב איך דיך! — ווי וואָלט איך דיך — אָך, דיך קוסען! (נעהמענדיג זיינע ליפען צום בילד. אַ קלאַפּען אין דער קאָרידאָר־טיר. ער שפּרינגט אָב גאַנץ מבולבל, פערלאָרען, ווייס עפּעס נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. דאָס קלאַפען חזר'ט זיך איבער. ענדליך קומט ער צו זיך און רופט אויס). אַריין!

עממא (קומט אריין, מיט אַ פערלעגענעם לאַכען). גוטען טאָג, פראָפעסאָר!

ארטור (גאַנץ איבערראשט). איהר? יעצט? דאָ? וויפיעל איז דער זייגער?

עממא. צוערסט ענטפערט „גוטען טאָג“.

ארטור. גוטען טאָג! אָבער... (העלפט איהר אַראָבנעמען מאַנטעל און הוט.)

עממא. איך האָב מורא געהאט, איהר זאָלט ווידער אוועק־גערופען ווערען אין דער אקאַדעמיע, בין איך געקומען פריער. אויסערדעם מוזען די עלטערען מאַכען א וויכטיגען בעזוך ביי מיין באָבען מיט מיר צוזאַמען, און אום נישט צו פערפעהלען דאָ...

ארטור. איך דאַנק אייך בעסטענס.

עממא. דאָס פערגניגען איז געגענזייטיג.

ארטור. דאָס פרעהט מיך זעהר ריעזיג.

עממא. אָבער איהר האָט דאָ געמוזט שלאָפען... איהר האָט מיך געלאָזט ווארטען אויף אייער „אריין“.

ארטור. איך בין געשטאַנען פאַר אייער בילד.

עממא. אין ענטציקטער פערזונקענהייט און פערזונקענער ענטציקונג, און נישט געשפּירט און נישט געפיהלט, אז דאָס שיינע אָריגינאַל שטעהט הינטער דער טיר.

ארטור. אַך, דעם מענשענס אָרמזעליגקייט! ער איז קלוג, קלוג, וויים, וואָס עס טוט זיך אויף די וויטסטע שטערען און וויים דאָך נישט, וואָס עס טוט זיך הינטער זיין טיר. דער עיקר, ווען ער האָט אַ זייגער, וועלכער זאָגט איהם, אז די, וועלכע ער ערוואַרט הינטער זיין טיר, דאַרף ראָרטין זיין ערסט אין דריי שטונדען אַרום.

עממא. ווי קומט עס אָבער, וואָס איהר האָט אייך נעב־טעז געלאָזען אַוועקרופען אין דער אַקאַדעמיע, גראָד ווען די ער־וואַרטעטע האָט געדאַרפט אָנקומען?

ארטור. איך בין נעבטען נישט געוועזען אוועקגערופען.

ע מ מ א. איהר זייט גאָר געוועזען ביי זיך אין ביבליאָטעק־צימער.

א ר ט ו ר. איהר האָט דאָס ריכטיג ארויסגעזעהן מיט מיין מוטער'ס בלינדע אויגען.

ע מ מ א. און וואָס זאָל דאָס בעהאַלטענים בעדייטען?

א ר ט ו ר. אַז איך האָב א י י ך נעכטען נישט געקאָנט זעהן.

ע מ מ א. דאַרף איך וויסען — פאַר וואָס?

א ר ט ו ר. ווייל — ווייל איך האָב געדאַרפט אין עפּעס קלאָר ווערען.

ע מ מ א. זייט איהר עס?

א ר ט ו ר (קוקט זי שאַרף אָן, ווי וועלענדיג יעצט אויסמאַכען ביי זיך).

ע מ מ א (אַראָבלאָזענדיג די אויגען). וואָלט איהר היינט אויך בעהאַלטען אייך?

א ר ט ו ר. איך האָב אויף אייך געוואַרט.

ע מ מ א. דאָס וואָלטען געוועזען צוויי טעג.

א ר ט ו ר. דערפאַר האָב איך געוואַרט.

ע מ מ א (פאַלט איהם אויפ'ן האַלז). דו ליעבער!

א ר ט ו ר (אַרומנעמענדיג און צודריקענדיג זי צו זיך). מיין ליעבע! מיין לעבען! מיין יוגענד! (בויגט איהר אָן דעם קאָפּ אויף הינטען און קוסט זיך איין אין איהרע ליפּען; דערנאָך קוקט ער זיך איין אין איהרע אויגען, און קוסט זי אין קליינע פּאַוזען, ליידענשאַפטליך, ענטציקט.) מיין גליק! מיין פרייד! מיין פריהלינג!

ע מ מ א (טוליענדיג זיך צו איהם). אַך, האָב איך געביינקט נאָך דעם מאָמענט! ווי האָט אַלץ אין מיר געשריען, געלעכצט! אַך, ווי איך ליעב דיך! ווי איך ליעב דיך!... עס שווינדעלט מיר פון דעם איבערפליצענדיגען געפיהל!... און דו ליעבסט מיך אויך? ליעבסט מיך? ליעבסט מיך? טייערער, ליעבער!... (עסט זיך איין אין איהם מיט אַ לאַנגען קוס.)

א ר ט ו ר (אַוועקזעצענדיג זי אויף אַ שטול און אַראָבלאָזענדיג

זיך פאַר איהר אויף די קני, קוקט ארויף צו איהר, ארומנעמענדיג איהר געזיכט מיטביידע הענד). צו איך ליעב דיך! צו איך ליעב דיך!

עממא. זאָג עס מיר! לאָז עס מיך הערען!

ארטור. קאָן איך עס דען מיט ווערטער ארויסרעדען? און איך וויל נאָר נישט רעדען. איך וויל דיך קוטען, קוסען, אריינקוסען דיר מיין גאנצע נשמה און ארויסקוסען דיינע אין מיר, און דאָך קיינמאָל נישט זאט ווערען, און שרייען פאר איבערמענשליך גליק. דו יוגענד מיינע און לעבענסקראפט! (קוסט זי.)

עממא (טוליענדיג זיך צו איהם). ווי איך האָב דיך ליעב! דו גרויסער, גרויסער קינסטלער מיינער! איך וויל נאָר ווערען א טייל פון דיר, צוגעבען מיין נשמה צו דיין נשמה. און דו וועסט יעצט מוזען וואָס גרויסעס שאפען, מיט א פערגרעסערטער נשמה.

ארטור (דריקט איין מיט ביידע הענד איהרע באַקען, אַז זי קאָן נישט ווייטער רעדען). ווי דו ליעבסט — ליעבסט — דעם קינסטלער אין מיר! — גלויבסטו שטארק אין מיר?

עממא (שאָקעלט שטאַרק מיט'ן קאָפּ, ביז אַרטור לאָזט אָב איהרע באַקען). צו איך גלויב? איך שעם מיך צו זאָגען, ווי איך גלויב אין דיר. איך זעה אין דיר דעם גרעסטען. דאָס, וואָס דו האָסט געשאפען ביז יעצט, איז הערליך. אָבער איך פרעה מיך אויף דיין קומענדיג שאפען. יעצט וועסטו דיך נעמען צו אלע דיינע גרויסע פּלענער. אלע דיינע גרויסע אידעען, וועלכע פּלעגען מיר פערכאפען דעם אָטעם, וועסטו יעצט ארויסברייננגען אויפ'ן לייוועגט. איך וועל ביי דיר זיצען צופוסען, שטיל, מיט איינגעהאלטענעם אָטעם, און צוזעהן, צוזעהן, און פיהלען, ווי דיין הארץ קלאפט שטארק פון דיינע גרויסע געדאנקען, וועלכע דו ווילסט פערקערפערן. וועט זיין גוט אזוי? וועסטו קאָנען שאפען מיט מיר ביי דיר צופוסען?

ארטור. ווי דו רעדסט! ווי דו רעדסט!

עממא. אָה! ווי איך ליעב דיך! ארטור! ארטור! מיינער! אָה! (דריקט איהם צו זיך, אומאַרמט איהם, קוסט איהם.)

אַרטור. איך פיהל, אז עס עפענען זיך פאר מיר נייע האָריזאָנטען. דאָס בעסטע אין מיר וועל איך יעצט ארויסברייננגען, יעצט וועל איך ערסט דער קינסטלער ווערען. און ווייסטו אין דער לעצטער צייט, אין מיין בייננקענים נאָך דיר, בין איך געוועזען ווי נעלעהמט. איך האָב געמיינט, אז מיט מיר איז עס שוין אויס.

עממאַ. און דאָך האָט געהאמערט אין דיר א ריעזען־קראפט, ווען דו פלעגסט מיט מיר רעדען פון דיינע פּלענער.

אַרטור. דאָס איז געוועזען א זעלבסט־פערגעסען אויף א ווײַלע, ווען דיין אנוועזענהייט האָט מיך בעגייסטערט. אָבער נאָך דיין אוועקגעהן האָב איך קיין ענערגיע נישט געהאט צו גאָר־נישט. דאן פלעג איך ארומגעהן בלויז איבער מיין צימער, קוקען און גאָרנישט זעהן, זינגען און נישט הערען וואָס, אָבער געוויס עטוואָס טרויעריגס, בייננקענדיגס.

עממאַ. איז עס שוין לאַנג?

אַרטור. מיר דוכט, זינט איך קען דיך.

עממאַ. אלזאָ — אויפ׳ן ערסטען בליק! פאר וואָס־זשע ביזטו געוועזען אזוי אונענטשלאָסען? האָסט דיך בעהאלטען, גע־דארפט אין עפּעס קלאָר ווערען...

אַרטור. פערשטעהסטו עס אליין נישט?

עממאַ. וואָס זאָל איך דאָ פערשטעהן?

אַרטור (אָננעמענדיג זיין באָרד). און דאָס?

עממאַ. דאָס איז א באָרד. א גרויסער, שיינער באָרד, וואָס קליידט דיר אזוי שיין.

אַרטור. און די גרויע האָר?

עממאַ. דערמיט שטאָלצירען דאָך היינטיגע יונגע לייט. אבי זיי האָבען האָר.

אַרטור. און מיינע קנויטשען?

עממאַ. איך האָב זיי קיינמאָל נישט געזעהן.

אַרטור. און מיינע איין און פופציג יאָהר?

עממאַ. גאָרנישט, גאָרנישט האָב איך נישט בעמערקט.

אַרטור. האָסט נישט בעמערקט?

עממא. גאָרנישט. אבסאָלוט גאָרנישט.

אַרטור. נישט בעמערקט האָסטו?

עממא. ווי פרעגסטו עס עפּעס?

אַרטור. און אַז דו וואָלסט בעמערקט?

עממא. נאַרישקייטען! איך ווייס, אַז דו ביזט נישט די ערסטע יוגענד, און ליעב דיך דאָך מיט דער גאַנצער קראַפט פון מיין נשמה:

אַרטור. בעגרייפסט דאָך אָבער, אַז איך האָב געמעגט זיין אונענטשלאָסען. עס איז עטוואָס — נישט אַלטעגליכעס. די ליעבע צווישען אַ איין און טופציג יעהריגען און אַ צוואַנציג־יעהריגער...

עממא. איין און צוואַנציג יעהריגער, ביטטע!

אַרטור. . . . די איז נישט קיין געוועהנליכע ערשיינונג. איך שטעה יעצט פאַר דיר און גלויב מיינע אויגען נישט; איך הער דיך רעדען און גלויב מיינע אויערן נישט — —

עממא. און מיר קוסען אונז, און דו מיינסט, אַז דו טרוימסט. אָבער איך פיהל אויך דאָסזעלבע. דאָס גליק איז אַזוי גרויס, דאָס גליק פון דיר געליעבט צו ווערען איז אַזוי אונ־ענדליך גרויס, אַז איך קאָן עס גאָר נישט פאַסען.

אַרטור. ווען נישט מיין פעקעל יאָהרען, ווי וואָלט איך געיובעלט אין דעם געפיהל פון מיין ליעבע! דאָך יעצט האָב איך מיך דערשראָקען, ווען מיין געפיהל צו דיר איז מיר קלאָר געוואָרען. ווי עפּעס אוננאַטירליכעס, גאַנץ אונמעגליכעס וואָלט זיך אריינ־גע׳גנב׳עט צו מיר:

עממא. און אויף געגעגליעבע האָסטו דיך גאָרנישט דער־וועגט צו ריכטען!

אַרטור. אפילו ווען איך האָב דיין ליעבע געפיהלט און געזעהן — —

עממא. האָסטו עס? און דו האָסט דיך געמאַכט נישט

וויסענדיג? האָסט מיך געלאָזען אין מיין אונגעוויסהייט און געלאָזען מיך ליידען! דו בייזער מענש!

א ר ט ו ר. דאָס איז עס. מיין צווייפעל האָבען מיך נישט אָבגעלאָזען. עס טאָר צווישען אונז צו גאָרנישט קומען, האָט עס אין מיר גערעדט.

ע מ מ א. פאר וואָס? ווארום? ווען מיר ליעבען אונז אזוי שטארק?!

א ר ט ו ר. פרעג נישט! פרעג נישט! ליעבע און לעבען מיינס! פערשטאָפּ מיר ליעבער דאָס מויל. לאָז מיך נישט רעדען. אלע מיינע צווייפעל שטעלען זיך פאר מיר אויס ווי צום מוסטירען. די פראגען פאר וואָס? און ווארום? האָב איך מיך נישט אויפ־געהערט צו פרעגען, אָבער די ענטפערס, וועלכע איך האָב מיר געגעבען... אך, איך קאָן זיי יעצט מיט דיר נישט דורכגעהן! און איז עס יעצט די צייט?

ע מ מ א. ניין! ניין! זאָל גאָט אויסהיטען! נישט יעצט און נישט מאָרגען, און איבערהויפּט נישט אזוי שנעל. ערסט שפּעטער, ווען אויך ביי מיר וועלען זיך בעווייזען קנוימשען אויף דער שטערן, און ארום די אויגען, און ביים מויל, וועל איך דיר זאָגען: ארויס אהער מיט אלע דיינע אמאָליגע צווייפעל און טענות, און לאָמיר האָבען א גוטען לאַך. יעצט וויל איך זיי נישט הערען! ווארום וואָס זיי זאָלען דאָרטען נישט זיין, מיט וואָס וועל איך דיך קאָנען איבערצייגען, אז דו ביזט אונגערעכט? נאָר די צייט איז דער בעסטער דיספּוטאנט.

א ר ט ו ר (צודריקענדיג זי צו זיך און קושענדיג און לאַסצענדיג). דו יוגענד און קראפט מיינע!

ע מ מ א. און דו ביזט מיר דער אָדלער, וועלכער וועט מיך טראָגען אויף זיינע מעכטיגע פליגעל.

א ר ט ו ר. דו זאָלסט מיר נאָר גליקליך זיין! שטענדיג — גליקליך — זיין!

ע מ מ א. דאָס וועל איך גאַנץ בעשטימט. ווי קאָן איך

אנדערס, ווען איך וועל זיין דיין ווייב! דו ליעבער, ליעבער! — אַה, ווען איך קוק אין דיינע אויגען, וועלכע יוגענד ליעגט אין זיי און וועלכע קראפט!... אַה!... (עס קלינגעלט.) שא, דאָס מוזען זיין מיינע עלטערן. זיי קומען אוועקצונעמען מיך צו דער באָבען. שׁשׁשׁ, זאָג זיי גאָרנישט. נעם שנעל דיין פּאלעטע, איך וועז מיך אוועק אין מיין פּאָזע... (עס קלאַפּט.)

אַרטור (נעמענדיג שנעל פּינזעל און פּאלעטע און אַוועק־שטעלענדיג זיך ווי אין דער אַרבייט): ארײַן! (מר. און מרס. הערריס קומען אַריין. בעגריסונג, האַנדדרוק.)

מרס. הערריס. גוטען טאָג, פּראָפּעסאָר!

מר. הערריס. ווי געהטס, פּראָפּעסאָר? א שיינער טאָג היינט, ווי? אַן אפּריל־טאָג ווי אין יולי.

אַרטור. גוטען טאָג, מרס. הערריס! — וואָס מאכט איהר, מר. הערריס? יא, א פּראכטפולער טאָג.

מרס. הערריס (צו עממאַ'ן). נו, האָט זיך געלוינט צו קומען אויף דער קליינער ווילע?

עממא. אָבער געווים.

מרס. הערריס. איהר שטעהט דאכט זיך אויף דעמ־זעלבען אָרט ווי עהערנעכטען.

אַרטור. אָבער ניין, מרס. הערריס. איך האָב היינט ארויסגעקראָגען, וואָס איך האָב ביז היינט נישט געקאָנט. מיר איז עס איינפאך נישט געגאנגען.

מרס. הערריס. טאַקע עפּעס דאָ ארום די אויגען. יא? זיי זעהען יעצט עפּעס אַנדערס אויס. עפּעס טיעפער. איך וואָלט זאָגען, גלאנציגער. יא?

עממא. וואו? ביי מיר אָדער אויפ'ן בילד?

מרס. הערריס. עפּעס... עפּעס... מערקסטו עס, אייב?

מר. הערריס. איך האָב דאָס בילד נישט געזעהן שוין גאנצע זיעבען טעג, איז עס פאר מיר פול מיט א סך נייע „עפּעס'ען".

מרס. הערריס. וואונדערבאר, גאַנץ וואונדערבאר.

עממא. זעהסטו, האָט זיך שוין געלוינט צו קומען אויף דער ווײַלע? און וואָס איז ווערט, וואָס איך האָב דערווײַלע ארומ־געקראָגען ביים פּראָפעסאָר, אז איהם קומט מזל טוב?

מרס. הערריס. ווי?

מר. הערריס. אזוי?

עממא. ער איז געוואָרען א חתן.

מרס. הערריס. אָה, גראטולירע! פון גאנצען הארצען גראטולירע!

מר. הערריס. מזל טוב, פּראָפעסאָר! מזל טוב!

ארטור. דאנק, דאנק, ליעבע פריינד!

מרס. הערריס. דארפען מיר וויסען, מיט וועמען?

עממא. מיט א שיינער יונגער מיידעל.

מרס. הערריס. אָבער גאנץ געוויס. אין דעם האָב איך נישט געצווייפעלט.

מר. הערריס. דער הערר פּראָפעסאָר מיט זיין גע־שמאַק — איך קאָן מיר שוין פאָרשטעלען. א רעכט יונגינקע, ווי, פּראָפעסאָר?

מרס. הערריס. דארפסט נאָך פרעגען? ווען איך וואָלט געוועזען א יונג מיידעל, וואָלט איך מיך די ערסטע פערליעבט אין פּראָפעסאָר.

מר. הערריס. רעד נישט, איך וועל אייפערזיכטיג ווערען.

מרס. הערריס. אך, איך בין שוין קיין יונג מיידעל נישט, און פאר מיין יאָהרגאנג האָט דער פּראָפעסאָר קיין אויגען נישט. האהאהא... אלזאָ, ווער איז די גליקליכע?

עממא. דיין טאָכטער, מאמע.

מר. און מרס. הערריס. ווי?!

עממא. איך האָב געטאָן, וואָס די מאמע וואָלט געטאָן, ווען זי וואָלט געוועזען א יונג מיידעל — (ארומנעמענדיג אַרטור'ן) — און מיט דער גאנצער נשמה פערליעבט מיך אין מיין טייערען,

ליעבען, גרויסען קינסטלער און פּאמעליך ארייננע'גנב'עט זיך צו איהם אין הארצען — (ווענדט זיך צו די עלטערן) — און אַט שטעהען מיר פאר אייך — —

מרס. העררים (פאַלט איהר אויפ'ן האַלז). מזל טוב דיר, מיין טאָכטער! (בעדעקט זי מיט קושען.)

מר. העררים. איך בין — איך בין — פּראָפּעסאָר, גיט א גוטען האנדדרוק! (זיי דריקען זיך די האנד וואַרם און האַר־ציג.) איך גיב אייך מיין ברכה. מיר זאָלען דערלעבען פון אייך ביידען א סך נחת!

מרס. העררים. און מיין ברכה, פּראָפּעסאָר. (גיט איהם די האַנד.)

מר. העררים (נעמט אַרום עממאַ'ן און קושט זי).

מרס. העררים (צו אַרטור'ן). לאַנגע, לאַנגע יאָהרען — איהר זאָלט אייך צוזאמען עלטערן און... און... איהר ווייסט דאָך! איך בין אזוי איבערראַשט און אזוי דערפרעהט, אז איך קאָן גאָר קיין ווערטער נישט געפינען! מזל טוב דיר, טאַטע! (פאַלט מר. העררים'ן אויפ'ן האַלז און צוקושט זיך מיט איהם.)

עממא (אָננעמענדיג אַרטור'ן פאר ביידע הענד). ביזטו נישט פרעהליך? ביזטו נישט איבערגליקליך?

ארטור. ביז אין דער טיעפסטער טיעפענים פון מיין נשמה. עס מאַכט מיך גאַנץ שטום.

מרס. העררים. אַך, וועט דאָס די באָבע איבערראַשט זיין!

עממא. ארטור, דיין מוטער!

מרס. העררים. אַך, מרס. ברענער וויים נאָך נישט?

ארטור (דריקענדיג עממאַ'ן די הענד). א דאנק! א גרויסען דאנק! (איילט צו דער טיר.) מוטער! מוטער!

מרס. העררים. מיר וועלען געהן צו איהר. צו וואָס זי בעמיהען אהער?

אַרטור. זעהר ליעבענסווירדיג. ביטע. (ווייזט אָן אויף דער רעכטער טיר.) אַך, דאָ איז זי שוין!

מרס. ברענער (אין דער טיר). דיין קול קלינגט ווי פון גרויסער פרייד.

אַרטור. דו זאָלסט אונז מזל טוב אָבגעבען, מיר מיט עממאַ'ן. און דאָ זיינען אויך מר. און מרס. הערריס.

מרס. ברענער. מזל טוב! פיעל גליק און פיעל פרייד דיר, מיין זוהן! (נעמט איהם אַרום און קוסט איהם.) און דיר, מיין טאָכטער! (שטרעקט אויס די האַנד, וועלכע עממא כאַפּט אָן און קוסט מיט ווארמקייט). פיעל גליק און פיעל פרייד! (קוסט זי האַרציג. שטרעקט אויס די הענד צו די הערריסעס.) און אייך, פאָטער און מוטער! (מר. און מרס. הערריס נעמען אָן איהרע הענד און דריקען זיי.)

מר. הערריס. מזל טוב! מזל טוב!

מרס. הערריס. מזל טוב! מיר האָבען שוין געוואָלט געהן צו אייך —

מרס. ברענער. בין איך געוועזען פלינקער. זיין רוף האָט מיך געטראָגען.

אַרטור (טראָגט איהר אונטער אַ שטול). זעץ דיך, מאַמוניו.

מרס. ברענער (זעצט זיך).

עממא (לאָזט זיך אַראָב פאַר איהר אויף די קני).

אַרטור. זעצט אייך, מרס. הערריס. מר. הערריס, ביטע, נעמט פּלאַץ.

מרס. הערריס. אַ דאַנק. (זעצט זיך.) ווער קאָן גאָר זיצען? איך וואָלט יעצט... אייבערהעם, וואָס שטעהסטו עפּעס ווי אַ חתן־בחור? זעהט נאָר דעם מחותן?

מר. הערריס. וואָס ווילסטו דען? צום ערסטען מאָל אין אַזאַ וויכטיגער ראָליע און אַזוי איבערראַשט. איך שטעה די גאַנצע צייט און טראַכט, וואָס איך זאָל רעדען, וואָס איך זאָל

זאָגען. זעהסט דאָך, דער פראָפעסאָר אליין איז אויך וואָרטקאַרג. עס רעדט זיך נישט.

מרס. הערריס. ווען דאָס האַרץ איז איבערגעפילט.

מרס. ברענער. יאָ, יאָ, עס רעדט זיך נישט. אַט איך האָב אַ סך צו זאָגען. מיר דוכט אַ גאַנץ לעבען אויסצורעד־ען. און עס ווילט זיך מיר שווייגען. איך פיהל, אַז מען ווייס שוין, וואָס איך וויל זאָגען. (גלעטענדיג עממאַ'ס קאָפּ.) יאָ, טאָכטער, דו ווייסט שוין, וואָס איך וויל זאָגען. פיהלסט עס, יאָ? דאָס גאַנצע גליק פון דער וועלט ווינש איך דיר. און דער עיקר, זאָלסט קיינמאָל נישט חרטה האָבען. דו ווייסט, ווען דו האָסט דיר אויסגעקליבען, ווען דו האָסט דיין ליעבע געשיינקט. דו קענסט איהם, דו זעהסט איהם מיט זיינע גרויע האָר און זיינע קנויטשען אויפ'ן געזיכט.

• מרס. הערריס. אָך, וואָס!

מר. הערריס. זאָל נאָר דער פראָפעסאָר אָבראַזירען באָרד און וואָנצעס אזוי ווי איך...

מרס. ברענער. ליעב איהם שטענדיג. ער פערדיענט געליעבט צו ווערען. זעה אין איהם שטענדיג דעם יונגען, שאַ־פענדיגען. און געדיינק, דו קאָנסט איהם נאָך אינגער מאַכען. — — אָך, ווי טוט מיר וועה, וואָס איך קאָן דיך נישט זעהן, וואָס איך קען דיך נישט. (טאַפּט אַרום עממאַ'ס געזיכט.) אַרטור האָט מיר שוין אפילו אַ סך מאָל בעשריעבען דיין געזיכט, און איך רוף עפּעס אַרויס אַ געזיכט פון אַ יונגער מיידעל פאַר מיינע אויגען, אָבער דאָס איז געוויס נישט דיין געזיכט. איך האָב עס געוויס אָראָבגעגנב'עט פון אַ פּאָרטרעט, וואָס איך האָב געזעהן איידער איך בין בלינד געוואָרען. אָבער קאָנסט זיין שטאָלץ, דאָס פּאָר־טרעט איז געוועזען זעהר שיין. און איך ליעב דיך סיי ווי סיי. און איהר, מרס. הערריס, וועט דאָך זיין אַ גוטער פריינד מיין אַרטור'ען. און אויך איהר, מר. הערריס. איהר וועט ערסט דער־קענען דעם פראָפעסאָר...

מרס. הערריס (גערירט און טריקענדיג זיך די אויגען). אָה, מיר קענען איהם זעהר גוט. מיר וועלען זיין די בעסטע פריינד און וועלען איהם הארציג ליעבען.

מר. הערריס. אָבער גאַנץ געוויס. דער פּראָפעסאָר וועט נאָר דארפען אויסלערנען זיך וויהסט שפּיעלען, דאַן האָט ער מיך פאר אן אייביגען פריינד. נאַטירליך, וועט ער מוזען ביי מיר פערליערען.

מרס. הערריס. און איך שטעל קיין שום בעדינגונג נישט, ווי נאָר ער זאָל שטענדיג ליעבען מיין עממא׳ן, און אז ער וועט מאָלען מיין בילד, זאָל ער מיך מאכען וואָס שענער...

מרס. ברענער. קומט יעצט מיט מיר אין עסצימער, מיר וועלען עפּעס געניסען.

מרס. הערריס. א גרויסען דאנק. מיר וואָלטען עס גאַנץ געוויס. מען דארף דאָך עפּעס טרינקען „לחיים“. אָבער מיין מוטערווארט שוין אויף אונז. זי מוז שוין דאָרטין אונ־געדולדיג זיין, און אז זי ווערט אונגעדולדיג, איז נאָכדעם נישט צו בערוהיגען זי. וועלען מיר טאקע גלייך געהן.

מרס. ברענער. אָבער עממא בלייבט דאָ. זי האָט מיר נעכטען פערשפּראָכען היינט צו זיין מיין גאַסט ביים טיי.

עממא. יא, יא, איך וועל בלייבען דאָ.

מרס. הערריס. דאָך, דאָך... די באָבע וועט זיך שטארק בעליידיגען.

עממא. אַך, איך וועל זי איבערבעטען. איך וועל אונטער־קומען שפּעטער מיט ארטור׳ן.

מרס. הערריס. דאָס איז גוט. זאָל זיין אזוי.

מרס. הערריס. ווערסט מיך אָבער בעגלייטען צום אויטאָ־מאָביל. איך וויל דיר עפּעס זאָגען. א גוטען טאָג, מרס. ברענער! (צוקוקט זיך מיט איהר.) א גוטען טאָג, פּראָפעסאָר! אָדער — ארטור! יא?

ארטור. אָבער נאַטירליך. א גוטען טאָג!

מר. הערריס. אַ גוטען טאָג, מרס. ברענער! אַ גוטען טאָג, צוקינפטיגער איידים!

ארטור. אַ גוטען טאָג, שווער!

מר. הערריס. אַ גוטען טאָג! אַ גוטען טאָג! (צו מרס. הערריס.) דו, יעצט מעהר דרך ארץ פאַר מיר. איך בין דער שווער פון פּראָפעסאָר ברענער!

מרס. הערריס. און איך די שוויגער. בין איך נאָך אלץ בעל־הבית'טע איבער'ן הויזשליסעל, האהאהא. (געהען ארויס, בעגלייט פון עממאַ'ן.)

ארטור (בעגלייט זיי ביז דער טיר, דאַן קעהרט ער זיך אום צו מרס. ברענער). נו, מאַמוניו?

מרס. ברענער. פיעל גליק דיר, מיין זוהן, פיעל גליק, און קיינמאָל קיין חרטה נישט האָבען.

ארטור. אין דו ביזט ווירקליך פרעהליך און צופריעדען?

מרס. ברענער. דו פרעגסט, ווי דו אליין וואָלסט אין דיר אונרוהיג געוועזען!

ארטור (לאַכט פערלעגען).

מרס. ברענער. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? איז דאָס דיין גליקסגעפיהל?

ארטור. איך בין איבערגליקליך, מאַמוניו. איך וואָלט נעקאָנט שרייען פאַר פרייד. אָבער ערגעץ־וואו זיצט עפּעס אין מיר און נאָגט און נאָגט.

מרס. ברענער. הער דיך נישט צו. טאָרסט דיך יעצט נישט צוהערען. האָסט געטאָן דעם ערסטען שריט, יעצט מאַרשיר ווייטער פעסט און שטארק און זיעגעסבעוואוסט. איך בין געוועזען געגען דעם ערסטען שריט, דאָך יעצט בעשווער איך דיך, דו זאָלסט פערטרייבען פון דיר אלע צווייפעל און אלע בייזע פערטראַכטעניסען.

ארטור. אָבער בעגרייף...

מרס. ברענער. איך וויל גאָרנישט בעגרייפען.

אַרטור. זי האָט מיך ליעב אַלס דעם קינסטלער...

מרס. ברענער. געווים. געווים. ווי דען זאָל זי דיך ליעבען?

אַרטור. זי איז פערליעבט אין מיין קונסט, אין מיין טאַלאַנט.

מרס. ברענער. נו יא, נו יא. האָסט געוואָלט, זי זאָל זיך פערליעבען אין דיין גרויען באָרד, אין דיינע קנויטשען?

אַרטור. אַך, עס איז נאַריש, אָבער עס נאָגט. עס ווילט זיך אַזוי, אַז כאָטש א ביסעלע זאָל זי מיך ליעבען פון מיינטוועגען; אַזוי צו זאָגען, די פּערזאָן, דעם מאַן....

מרס. ברענער. א ביסעלע — טוט זי מסתמא.

אַרטור. ווי, ווען מיין שאַפונגסקראַפט וועט געבראָכען ווערען?

מרס. ברענער. זאָל נאָט אויסהיטען! וואָס רעדסטו עפּעס אַזוינס?!

אַרטור. איך בין שוין איין און פופציג. ווי לאַנג קאָן מיין קראַפט וואַקסען? אָדער אַפילו אָנהאַלטען?

מרס. ברענער. איך האָף און גלויב, אַז מיין זוהן'ס טאַלאַנט וועט אייביג יונג זיין און אייביג פריש.

אַרטור. יא, יא. אָבער דאָך.

מרס. ברענער. און דאַן וועט זי דיר אַ נייע יוגענד זיין, א לעבענסקוואַל.

אַרטור. דאָס איז עס. מיר איז, אַז זי קאָן עס מיר זיין, נאָר ווען זי זאָל דעם מאַן אין מיר ליעבען.

מרס. ברענער. דו העבסט מיך אָן צו שרעקען, אַרטור.

אַרטור. ניין, ניין, מאַמוניו. דו קענסט דאָך מיך. איך מוז צווייפלען, גריבלען, אויסטייטשען אויף שלעכט. אָבער אין דער איינענער צייט ווייס איך, אַז ווען איך וועל צוגעהן צו מיין קומענדיגען נייעם ווערק, וועט אַלץ אין מיר זינגען און יובלען אין דעם גרויסען געפיהל פון איהר ליעבע, און איך וועל וואָס גרויסעס,

הערליכעס שאַפען. — אך, אָט קומט זי. איך הער איהרע טריט. געבענשט זאָלסטו מיר זיין, מיין גליק! (עפענט אויף די טיר און שטעלט זיך אויף מיט אויסגעשפּרייטע אָרמס.)

עממא (קומט אריין און וואַרפט זיך אריין מיט אַ גליקליכען לאַכען אין זיינע אָרמס).

מרס. ברענער (שאָקעלט שווער מיט'ן קאָפּ).

(פאָרהאַנגג פאלט).

דריטער אַקט

אַ צימער ביי די הערריס'עס. אין דער הינטערוואַנד אַ גרויסע נישע מיט אַ לעדערבאַנק איבער איהר גאַנצער לייגג; אין דער לינקער וואַנד צוויי טירען, פאָרנט און הינטען; אין דער רעכטער אַ גרויסער „מענטעל פּיס" און אַ פייערפּלאַץ; פיער גרויסע לעדערנע פאָטעלס שטעהען פאר איהם. צווישען ביידע טירען לינקס אַ גרויסער ביכערשראַנק. דעם מיטען צימער פערנעמט אַ קיילעכדיגער טיש מיט לעדערשטולען ארום איהם; איבער איהם איין עלעקטרישע שענדאליער. אין די ווינקלען סטאַטועטקעס; אויף די ווענד בילדער. — אַ גערויש פון אַ סך שטימען דרינגט אריין, פון רעדען און לאַכען. פון דער הינטערסטער טיר קומען אריין דער קוזין, מר. קופּער און מר. פרענק.

ד ע ר ק ו ז י ן. איך בין אָבער גאנץ מיד געוואָרען פון זיצען ביים טיש.

ק ו פ ע ר. די רעדעס זיינען געווען צופיעל און צו לאַנג.

פ ר ע נ ק. זיי זיינען געוועזען אין גאַנצען איבריג, און די פערלאָבונג בכלל האָט געמאָגט נישט אזוי שרייענדיג זיין.

ק ו ז י ן. מיין טאַנטע האָט עס געוואָלט זעהר פאַראַדנע.

ק ו פ ע ר. נו, עפּעס דאָך אַ בעריהמטהייט.

ק ו ז י ן. ביי מיר האָט זיך געריסען פון צונג אַ שפּאָט־טאָסט אויף איך יונגעלייט, וועלכע האָבען געלאָזען אוועקנעמען ביי זיך אזא פּערל ווי מיין קוזינע.

ק ו פ ע ר. אָן מיר איז קיין מניעה ניט געוועזען. איך האָב געטאָן מיין בעסטס. איך בין אָבער קיין בעריהמטהייט נישט.

פ ר ע נ ק. חתונה האָבענדיג מיט אן אלטער בעריהמטהייט, איז זי נאָך פאר אונז ניט פערלאָרען.

ק ו ז י ן. ניין, מיין קוזינע איז נישט פון דעם שטאָף. איהר

וועט מוזען וואַרטען, ביז ער וועט צומאַכען די אויגען, און דאָס קאָן געוועהרען אַ היבש ביסעל צייט.

קופער. דאָס איז, וואָס איך האַלט פאַר פערקעהרט. האָסטו שוין חתונה מיט אַן אַלטען, האָב דאָך חתונה מיט אַזאַ, וואָס זאָל זיך באַלד אָבטראָגען. ווי אַלט איז דער פּראָפעסאָר?

פרענק. שש... ער קומט. (אַ גרופּע יונגעלייט און מיידלעך קומען אריין מיט רעש, הינטער זיי אַרטור און פינקעל.)

אַרטור. גאָט זיי דאַנק, וואָס דער רעדנערצעטעל איז נישט לייגגער געוועזען. זיצען און הערען לויבערעדען און ברכות איז נישט מיין ליעבלינגסאַרבייט. איך האָב זיי שטענדיג אויסגעמידען, און גראָד היינט האָב איך געמוזט דערמיט בעשטראָפט ווערען. מיר וואָלטען נעקאָנט פערברייגגען די צייט פיעל שטיעפּעריישער און שפּיעלערישער. (שטעלט זיך ביים ביבערשראַנק; איבער־הויפּט סטאַרעט ער זיך אַזוי צו שטעהן, אַז הינטער איהם זאָל זיך קיינער נישט געפינען, אַז זיין רוקען זאָל זיין פריי. זיין בליק איז דאָס רוב אונרוהיג און ער וואַרפט איהם אין אַלע זייטען, פאַרשענדיג, אריינדרינגענדיג.)

פינקעל. דער אָוועגד איז נאָך פאַר אונז. מיר וועלען נאָך האָבען צייט פאַר אַלץ.

איין מיידעל. לאָמיר טאַקע אין עפּעס שפּיעלען.

אַ צווייטע. טאַנצען!

פינקעל. עס איז דאָ אַ פאָרשלאַג אויף אין עפּיס שפּיעלען און אַן אַנדער פאָרשלאַג אויף טאַנצען. ווער וויל דאָס וואָרט?

אַרטור. געגוג גערעדט שוין היינט.

אַ יונגערמאַן. אָבשטימען!

אַלע. אָבשטימען! אָבשטימען! אָבשטימען!

פינקעל. איך וואָלט געמיינט, אַז ווער עס וויל נישט טאַנצען, זאָל שפּיעלען, און ווער עס וויל ניט שפּיעלען, זאָל טאַנצען.

אַרטור. דאָס וואָלט הייסען צוטיילען די געזעלשאַפט.

פינקעל. בעסער ווי אַרויפצווינגען אַ שפּיעלערישע מאַיאָריטעט אויף אַ טאַנצענדיגער מינאָריטעט אָדער אומגעקעהרט.

קופּער. מיר זיינען אין אַ לאַנד, וואו די מאַיאָריטעט רעגיערט.

פרענק. עס דוכט זיך בלויז.

קוזין. נישט פּאָליטיש ווערען.

שטימען. אָבשטימען! אָבשטימען! אָבשטימען!

פינקעל. איך גיב מיך אונטער. ווער עס איז פאַר שפּיעלען, זאָל אויפהעבען די האַנד. (הענד העבען זיך אויף. פינקעל צעהלט.) איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף, זעקס, זיעבען... דאַנקע. ווער איז פאַר טאַנצען, זאָל אויפהעבען די האַנד. (הענד העבען זיך אויף. פינקעל צעהלט ווידער.) איינס צוויי, דריי, פיער, פינף, זעקס, זיעבען... דאַנקע. אַ גלייכע צאָהל.

ערסטע מיידעל. דער הערר פּראָפעסאָר האָט נישט געשטימט.

אַרטור. איך בין פאַר ביידע זאַכען.

ערסטע. דאָס געהט נישט. איהר מוזט אויסקלייבען איינס.

אַרטור. דאָס איז מיר די שווערסטע זאַך. גאַנץ אונמעגליך.

צווייטע. וואָס ווילט איהר צוערסט?

אַרטור. איך צוברעך מיר שוין דעם קאָפּ און קאָן ביי מיר נישט אויסמאַכען. דאָס טאַנצען זיצט מיר אין די פיס, און דאָס שפּיעלען ליעגט מיר אין זין...

קופּער. דער הערר פּראָפעסאָר מאַכט שפּאַס. ער וויל ביידע זאַכען נישט.

אַרטור. וואָס פאַלט אייך איין!

ערסטע מיידעל. וואו איז עממאַ?

קוזין. זי אונטערהאַלט זיך מיט מרס. ברענער און איז שטאַרק פערטאָן.

קופּער (שטיל). זי האַלט יעצט מיט אַלטע יאָהרגייננ.

ארטור (וואַרפט אויף איהם זיין אונרוהיגען פאַרשענדיגען בליק, ווי ער וואָלט וועלען וויסען, וואָס שעפּטשעט יענער).

צווייטע מיידעל. לאָמיר צונויפקלייבען דאָס גאַנצע יונגוואַרג.

פינקעל. לאָמיר ציהען קניפּלעך.

שטימען. יאָ, יאָ! קניפּלעך! קניפּלעך!

ארטור. דאָס איז אַ גליקליכער איינפאַל. אָט איז מיין טאַשענטוך. (בינדט אַ קניפּעל.) איך זאָל נאָר נישט פערגעסען אָבבינדען איהם, אַז נישט וועל איך מיר דערנאָך ברעכען דעם קאָפּ, וואָס אַזוינס דארף ער מיר דערמאָנען. אַלזאָ, דער קניפּעל איז פאַרטיג. (שליעסט איין דאָס טאַשענטוך אין דער פויסט, לאָזענדיג אַרויסשטעקען צוויי עקען. ווענדט זיך צום ערסטען מיידעל.) מיסס וואולף, איהר האָט גראַד געקוקט אָן אַ זייט און מיינע קניפּעל־בעוועגונגען נישט נאָכגעפאָלגט, זייט אַזוי פריינדליך און ציהט. דער קניפּעל וועט בעדייטען — וואָס? זאָל זיין טאַנצען — יאָ?

שטימען. טאַנצען! טאַנצען!

ארטור. אַלזאָ, ציהט איהר אַרויס דעם קניפּעל, וועלען מיר טאַנצען.

מיסס וואולף (מאַכט אַ קניקס און ציהט אַרויס דעם קניפּעל).

אויסגעשרייען. טאַנצען! טאַנצען! טאַנצען! (מען לאָזט זיך צו די טירען.)

קופּער (געהענדיג מיט פרענקען צו דער פאָרנסטער טיר). איך וואָלט מיך געפיהלט פרייער, ווען דער פּראָפעסאָר וואָלט אוועק צו די שפּיעלער ביי די גרינע טישלעך.

פרענק. איהם ווילט זיך אָבער זיין יונג מיט די יונגע.

קופּער. אַ רחמנות אויף די יונגע.

פרענק. און אויף איהם. (געהען אַרויס.)

ארטור (שטעהענדיג נישט ווייט פון דער הינטערסטער טיר און פארביילאָזענדיג פארביי זיך די אַרויסגעהענדיגע, וואַרפט זיין בליק

אויף קופער'ן און פרענק'ען, פערבייסט די אויבערסטע ליפּ, גרייזעלט זיך דעם באָרד און געהט לאַנגזאַם אַרויס. — דאָס צימער איז אַ ווײַלע לעדיג. פון אַ ווייטערען צימער דערהערט זיך טאַנצמוזיק, פּיסקלאַפּען און אַ געמיש פון שטימען. עממאַ קומט אַריין, פיהרענדיג מרס. ברענער).

מרס. ברענער). ניין, ווירקליך, געה דאָך בעסער טאַנצען מיט איהם.

עממא. איך וועל שוין. איך וועל שוין. (פיהרט זי צו די גרויסע פאָטעלס. זיי זעצען זיך.)

מרס. ברענער. איך וועל מיך דאָ אין דער איינזאַמקייט אַ ביסעל פעררוהען.

עממא. איך בין אַזוי פעראינטערעסירט. דערצעהלט מיר נאָך עפּעס פון איהם.

מרס. ברענער. טאָכטער מיינע, ער וועט דיר שוין אַליץ דערצעהלען, און אַ סך בעסער ווי איך. און ווען ער וועט דיר דערצעהלען, קוק איהם אין די אויגען. זיי זיינען גאַנץ וואונדערבאַר, ווען ער דערצעהלט וואָס.

עממא. דאָס ווייס איך. איך קען זייער מאַכט. איך באָד מיך אין זיי.

מרס. ברענער. קוקט מען אין זיינע אויגען, ווייס מען, אַז ער איז וואָס. ער האָט זיין טאַטען'ס אויגען. איבערהויפּט איז ער זעהר עהנליך אויף זיין טאַטען.

עממא. מר. ברענער איז שוין לאַנג געשטאָרבען?

מרס. ברענער. ניינצעהן יאָהר. — אָבער אויב שטאַרבען הייסט פערגעסען ווערען, איז ער נאָך נישט געשטאָרבען. היינט האָב איך אפילו געהאַט אַ גרויסען פערדראָס איבער איהם.

עממא. אַ פערדראָס?

מרס. ברענער. איך האָב מיך דערמאָנט, אַז איך האָב איהם עפּעס פערגעסען צו דערצעהלען. אַ קלייניגקייט. טאַקע וועגען אַרטור'ן. דאָס וואָלט איהם שטאַרק אינטערעסירט און הנאה געטאָן.

עממא. ווי גליקליך אזא צוזאמענלעבען!

מרס. ברענער (שמייכלענדיג גליקזעליג, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, ווי זי וואָלט עפּעס איבערגעלעבט): טאָכטער מיינע, דו ווייסט דאָך, וואָס ליעבע איז, און דאָס געפיהל האָט געהאלטען ביי אונז אין שטענדיגען וואקסען. שטענדיג זיינען מיר געוועזען איינס אין איינס. גוף און נשמה, הארץ און אָטעם.

עממא. דאָס וועט זיין אונזער לעבען אויך!

מרס. ברענער. הלואי, טאָכטערקע, הלואי!

עממא. העדר ברענער איז געוועזען... (רייסט זיך איבער און לאָזט פערלעגען אָב.)

מרס. ברענער (זוכט־אויף איהר האַנד און גלעט זי). מיט פינף יאָהר עלטער, מיין טאָכטער.

עממא. נאריש. איך וואונדער מיך, ווי קום איך דאָס צו פרעגען.

מרס. ברענער. עס מאכט נישט אויס. דאָס ליעגט אויף דער האנד.

עממא. פינף אָדער פינף און צוואנציג — וואו ליעבע איז, דאָרטין איז גליק! און ארטור'ס היים וועט זיין דאָס גליקליכסטע. ער וועט ניט דארפען מקנא זיין זיין פאָטער.

מרס. ברענער. געבענשט זאָלסטו זיין!

עממא. איך וועל —

ארטור (איילט אריין). נו, איך האָב גענוג געוואַרט, יעצט אָבער מוזטו מיט מיר.

עממא (שפּרינגט אויף). מיט'ן גרעסטען פערגניגען. (כאַפּט זיך.) אָבער די מוטער?

מרס. ברענער. לאָזט אייך ניט שטערן. איך וועל מיך פעררוהען. אפשר גאָר כאַפּען א דרימעל.

ארטור. מיר וועלען באלד וויעדער קומען. נאָר א ביסעל דורכטאנצען זיך.

מרס. ברענער. און אפילו אַ פּולע. לאָזט אייך נישט שטערן. איך וועל מיך פּעררוהען, וועל איך ארויסקומען אין זאַל.

עממא. אפשר טאַנצען מיר דאָ?

ארטור. מען וועט מיינען, אַז איך שעם מיך פאר לייטען צו טאַנצען.

מרס. ברענער. יא, יא. געהט, געהט אין זאַל. אָדער דאָך. טאנצט אַ ביסעל דאָ. איך וויל הערען, ווי איהר טאנצט. דארפסט וויסען, עממא, אז איך בין אַ מאָל געווען אַ גרויסע טענצערין.

ארטור. מען הערט די פּיאנאָ נישט דייטליך.

מרס. ברענער: דאָך... דאָך... (זי כאַפּט־אויף די טאַקטען פון דעם וואַלצער, וואָס ווערט געשפּיעלט אין זאַל.)

ארטור און עממא (טאַנצען, עממאַ אונטערזינגענדיג. אַרטור טאַנצט אונגעשיקט, ווי איינער, וועלכער איז נישט זיכער אין זיין קאָנען).

מרס. ברענער: גוט... גוט... פיין... פיין... טאַנצט ווייטער... טאנצט ארויס... צו דער מוזיק... אין זאַל. טאַנצט.. לאָזט אייך נישט שטערן. (אַרטור און עממאַ טאַנצען אַרויס פון דער הינטערסטער טיר. מרס. ברענער שמייכעלט אַ ווייַלע, באַלד ווערט איהר געזיכט ערנסט. זי שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.) נע, נע, נע...

פינקעל (איילט אריין פון דער פאָרנסטער טיר). נא, וואו זייט איהר, התן־כלה? (קוקט זיך אַרום.) ווי? ניטאָ דאָ גאָר? (צו מרס. ברענער.) און איהר גאָר גאַנץ אַליין?

מרס. ברענער. דער פּראָפעסאָר האָט ערסט ארויס־געטאַנצט אין זאַל מיט מיסס הערריס. און איך וויל מיך אַ ביסעל פּעררוהען.

פינקעל. לויף איך צו מיין טאַנץ. (איילט צו דער טיר.)

מרס. ברענער. פּינקעל!

פינקעל. איהר ווינשט וואָס?

מרס. ברענער. ווי זעהט אויס דער פּראָפעסאָר?

פינקעל. שטראַהלענדיג.

מרס. ברענער. גרייזעלט ער דעם באָרד?

פינקעל. נישט בעמערקט.

מרס. ברענער. און ער איז די גאַנצע צייט מיט די יונגע?

פינקעל. פאַר וואָס דען נישט?

מרס. ברענער. העהע.

פינקעל. וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען?

מרס. ברענער. איהר קענט דאָך דעם פּראָפעסאָר נישט.

פינקעל. ארויס מיט קלאָרע דיבורים!

מרס. ברענער. איין אַנדערס מאָל. יעצט געהט צו אייער טאַנץ. אָדער וואַרט. קוקט ארויס און זאָגט מיר, ווי טאַנצט דער פּראָפעסאָר.

פינקעל (געהט צו דער הינטערסטער טיר, קוקט ארויס, זוכט אַ ביסעל). וואו איז ער נאָר? אָ, יאָ. איך זעה איך שוין. גאַנץ אויסגעצייכענט. טאַנצט אָבער אויסגעצייכענט.

מרס. ברענער. נו, נו, איהר זייט גלייך מיט אייער התפעלות.

פינקעל. אָבער ווירקליך. פלינק, געשיקט, ווי גאָר יונג.

מרס. ברענער. ער האָט דאָ געטאַנצט אַ ביסעל פאַר מיר. איך האָב געהערט זיין טאַנצען און ווייס, ווי אויסגעציי־כענט.

פינקעל. ער האָט שוין בלויז לאַנג נישט געטאַנצט.

מרס. ברענער. אַהאַ!

פינקעל. אָבער...

מרס. ברענער. נו, גענוג. איך האָב אָבער צו אייך נאָך אַ בקשה. זעהט, אַז דער פּראָפעסאָר זאָל נישט בלייבען אליין. האַלט אַן אויג אויף איהם.

פינקעל. וואָס זייט איהר חושד?

מרס. ברענער. איהם קאָן זיך פערוועלען גריבלען זיך

א ביסעל, און דאָס דאַרף ער ווירקליך נישט היינטיגען אָוועגד. פערשטעהט איהר מיך?

פינקעל. אָבער געווים.

מרס. ברענער. און ווייסט איהר גאָר וואָס? (שטעהט אויף.) פיהרט מיך ארויס אין זאַל. ארטור און עממא וועלען זיך רוהיגער פיהלען.

פינקעל. און טאַקע פאַר איך גלייכער, ווי זיצען דאָ איינע אליין. (פיהרט זי ארויס פון דער פאָרנסטער טיר. אַ ווײַלע שטעהט דאָס צימער לעדיג. עס הערט זיך די מוזיק, דאָס טאַנצען, שטימענגערויש. באַלד טאַנצען אריין אַרטור מיט עממאַ'ן.)

עממא. איך וואָלט געשוואָרען, אז איך האָב געזעהן די מוטער מיט פינקלען. (קוקט ארויס אין טיר.) יא, דאָרט איז זי טאַקע.

אַרטור (אָנגעמענדיג זי פאַר דער האַנד). איז גוט, עממא. זי וועט שוין דאָרטען ניט זיין אליין. קום, מיר וועלען אונז דאָ צוזעצען.

עממא. ביזטו מיד?

ארטור. מיד? פון דעם ביסעל אונגעשיקטען טאַנצען? דאָס גראָד נישט. זעה איך דען מיד אוים? — ווי דו קוקסט מיך אָן! איך זעה יעצט אוים אַלט, ווי?

עממא. אַך, וואָס! דו האָסט מיך געפרעגט, צו זעהסטו אוים מיד...

ארטור. ניין, ניין, איך בין לגמרי נישט מיד. אָבער איך וויל מיט דיר בלייבען אַ ווײַלע גאַנץ אליין. האָסטו נישט דאָס בעדירפנים?

עממא (לאַסצענדיג זיך צו איהם). שטאַרק אפילו. זעהר שטאַרק.

ארטור. נא, אלזאָ. (זיי זעצען זיך ביים פייערפּלאַץ.) מיר איז גאָר אנדערש צו מוט, ווען איך בין מיט דיר אליין.

עממא (צודריקענדיג זיך צו איהם). דאָס פיהל איך אויך.

אַרטור. וואָלסטו געוואָלט מיט מיר אין איינזאַמקייט?
עממא. מיט דיר וועל איך ערגיץ נישט איינזאַם זיין.
אַרטור. ערגיץ אויף איין איינזאַמער אינזעל —
עממא. פערוואָרפען אין מיטען ים —
אַרטור. אין איין איינזאַמען פּאַלאַץ —
עממא. בעהאַלטען אין אַ געדיכטען וואַלד צווישען הימעל־הויכע בוימער —
אַרטור. ווי אין אַ מעשה'לע!
עממא. ווי אין אַ קינסטלער'ס טרוים!
אַרטור. מיינסט עס ערנסט?
עממא. דאָס דאַרפסטו דאָך פיהלען. איך מיין עס מיט מיין גאַנצער נשמה.
אַרטור. און דו וואָלסט אויסגעהאַלטען אַזאַ איינזאַמקייט?
עממא. פאַר וואָס דען נישט?
אַרטור. דו מיט דיין גרויסער יוגענד?
עממא. איך מיט מיין גרויסער ליעבע!
אַרטור. און שטעל דיר פאָר, איך בין יונג...
עממא. איז וואָס?
אַרטור. וואָלסטו — יעמאָלט אויך געוואָלט — בעהאַלטען זיך מיט מיר?
עממא (גאַניץ דערשראָקען). ווי טייטשסטו אויס מיינע רעד!
אַרטור (קושט און לאַכצעט זי). אַך, דו דאַרפסט אויף מיר קיין פּאַראיבעל נישט האָבען. איך ווייס אַליין נישט, וואָס עס רעדט אין מיר.
עממא. ווען דו וואָלסט געוועזען יונג, גאַניץ יונג, און וואָלסט דאָך געוואָלט די איינזאַמקייט, איך וואָלט זי מיט דיר געטיילט, ווען איך וואָלט דיך געליעבט, ווי איך ליעב דיך יעצט. איך וויל דיך און דיין קונסט און דיין שאַפען — וואָס געהט מיך אָן די גאַנצע וועלט?

אַרטור. מערקווירדיג: עס איז שטענדיג געווען אין מיר אַ נייגונג צו איינזאַמקייט, אויך אַלס סטודענט. און דאָך, ווען איך וואָלט יונגערהייט פערזעצט זיך מיט דיר אין איינזאַמ־קייט, וואָלט איך געוואוסט, אַז איך טו עס דורך איינגעבאָרענער נייגונג און ווייל איך האָב אין דיר אַלץ, וואָס דאָס לעבען און די וועלט קאָנען מיר געבען. און יעצט —

עממא. און יעצט?

אַרטור. דוכט זיך מיר אויס, אַז איך וויל עס טאָן, ווייל איך וויל מיך בעהאַלטען. אָדער — דיך בעהאַלטען.

עממא. טראַכט נישט אַזוי, טייערער! מאַך דיר דאָך נישט אומזיסטע שווערע געדאַנקען. דאַרפסט דיך ניט בעהאַלטען און מיך אויך נישט. אין דער גרעסטער מאַסע און דעם גרעסטען טומעל וועלען מיר דאָך געהן אונזער אייגענעם וועג, האַרץ אין האַרץ, נשמה אין נשמה.

אַרטור. דו — מיין ליעבע און לעבען!

עממא. טראַכט נישט, טראַכט נישט דיינע בייזע געדאַנ־קען! זאָג מיר צו, אַז דו וועסט זיי נישט טראַכטען.

אַרטור. געדאַנקען קומען און געהען. איך וויל זיי גאָר נישט האָבען. איך בין אַ ביסעל ציטערדיג, דאָס איז אַלץ.

עממא. יאָ, וועלכער האָט געשאַפען קראַפטגעשטאַלטען!

אַרטור. דאָס איז עס. איך קאָן מיך אויפהעבען צו דער גרעסטער ענערגיע אין מיין קונסט, און דערנאָך ווי אָבגעשוואַכט ווערען און זיין גאַנץ קראַפטלאָז אין מיין אייגענעם לעבען, פול צווייפעל און מורא. זעהסט, אַז דו וועסט מיך נעהנטער דער־קענען, וועסטו נאָך חרטה האָבען...

עממא. פאַר דאָס וואָרט קריגסטו... (וויל איהם שלאָגען אויפ'ן מויל.)

אַרטור (האַלט אָב איהר האַנד לאַבענדיג, נעמט זי אַרום, קוסט זי, קוקט איהר אַריין אין די אויגען). זאָג, וועסט מיך שטענדיג ליעבען?

עממא. דאָס זאָלסטו גאָרנישט פרעגען!

ארטור. און ווי אז מיינע בילדער וועלען מיר פלוצלונג נישט געלינגען...

עממא. שוין ווידער! שוין ווידער בייזע געדאנקען!

ארטור. איך מיין, איך בין דאָך נישט קיין מלאך. איך שאַף גוט, גוט, גוט — און פלוצלונג... און דו ליעבסט דאָך דעם קינסטלער אין מיר...

עממא. יעצט שלאָג איך דיך אָבער אויפ'ן מויל!

ארטור (האַלטענדיג איהרע הענד צוריק). וועט עס זיין אַן ענטפער?

עממא. און דערנאָך וועל איך דיך קוסען און קוסען, ארויס־קוסען אַלע דיינע צווייפעל. אָבער צוערסט מוז איך דיך שלאָגען אויפ'ן מויל. וועלכע רעד! וועלכע געדאנקען! גאָט! דאָ האָסטו! (קלאַפּט איהם אויפ'ן מויל.)

ארטור. נו, און יעצט קוסען!

עממא. וואַרט, קיינער קוקט נישט? (קוקט זיך אַרום.) איז שנעל איינס... צוויי... דריי. (קוקט זיך אַרום.) פיער... פינף... זעקס... זיעבען... אכט... וועסטו דיך ארומטראָגען מיט אזעלכע געדאנקען?

ארטור. עס לוינט זיך שוין.

עממא. מיינע קוסען וועסטו סיי ווי סיי קריגען. פון גאנצען הארצען בעט איך דיך, שלאָג דיר ארויס פון קאָפּ אַלע אזעלכע געדאנקען. לאָז זיי נישט צו צו דיר. פערגעס גאָר אין גאנצען, אז דו ביזט עלטער פאַר מיר, ווי איך טראַכט נישט פון דעם. איך טראַכט בלויז, אז דו ביזט מיין מאַן, מיין לעבענס־גענאָסע, מיין לעהרער, מיין געליעבטער, געליעבט ארטורל. איך בעט דיך...

קופּער (לויפט אריין פון דער הינטערסטער טיר, קוקט זיך אַרום, דערזעהט זיי). אַך, ענטשולדיגט! (קומט־צו, פערבויגט זיך פאַר עממא'ן.) מיסס הערריס, מיין וואַליז.

עממא. אַך, יעצט...

קופּער. יעצט האָט אויף אייך קיינער קיין רעכט נישט, אויסער מיר. איך האָב אייער וואָרט. איך לאָז עס אייך נישט אָב.

עממא. דעם נעכסטען...

קופּער. ניין, איך בעשטעה אויף מיין רעכט.

עממא. איהר זייט א שלעכטער. — איין מאָמענט, ביטע.

קופּער. אָבער נאַטירליך! (דרעהט זיך אָב אָן א זייט.)

עממא (צו אַרטור'ן, שטיל). קום מיט. איך וויל דיך דאָ אליין נישט לאָזען.

ארטור. ניין, נאָכ'ן טאַנצען וועסטו קומען אהער. וועט זיין לייכטער, ווי מירביידע זאָלען ווידער פערשווינדען.

עממא. און דיינע געדאַנקען?

ארטור. איך וועל אויסזוכען די פּרעהליכסטע.

עממא. געדענק עס! (ווענדט זיך צו קופּער'ן.) מיין הערר!

קופּער (שטעלט איהר אונטער דעם אָרם און זיי געהען ארויס).

ארטור (קוקט איהר נאָך, מאַכט באַלד צו די אויגען, קלאַפּט מיט דער רעכטער פויסט אין דער לינקער האַנד, שטעהט אויף און הערבט אָן ארומצוגעהן). די פּרעהליכסטע! פּרעהליכסטע!... (באַלד הערבט ער אָן אונטערצוזינגען עטוואָס גאַנץ טרויעריגס.)

פינקעל (קומט אריין). אליין גאָר?

ארטור (בלייבט שטעהן און קוקט ארויס אין פענסטער). יאָ.

פינקעל. און א טרויעריגער ניגון?

ארטור (לאַכט־אויף).

פינקעל. פּראָפעסאָר, וואָס איז מיט אייך?

ארטור. איהר ווייסט, אויף וואָס האָב איך מיך יעצט דערמאָנט? איך האָב א מאָל געלייענט אין א צייטונג, אז אַן עלטערער מענש איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווייל ער האָט דערפּיהלט, אז זיין יונג ווייב איז נישט אין גאַנצען גליקליך. ער איז קוים עלטער געוועזען פאַר מיר. פינף און פופציג איז ער געוועזען.

פ י נ ק ע ל. פראָפעסאָר, וואָס פאר געדאַנקען!

א ר ט ו ר. אייגענטליך פערפאָלגט מיך די דאָזיגע צייטונגס־נאָטיץ שוין זעהר לאַנג. אָבער יעצט איז זי ווידער ארויפ־געשוואומען.

פ י נ ק ע ל. זיצט נישט אַליין! איהר זייט קראַנק! איהר שרעקט מיך! קומט ארויס צו די טאַנצענדיגע!

א ר ט ו ר (הערט אָן ארומצוגעהן). מיינע געדאַנקען וועט עס נישט פערטרייבען, פינקעל. צווישען די טאַנצענדיגע וועט מיר נאָך שווערער זיין.

פ י נ ק ע ל. וואָס זאָל עס בעדייטען?!

א ר ט ו ר. איהר ווייסט, איך האָב קיינמאָל נישט מורא געהאַט פאר דער יוגענד. אלס לעהרער האָב איך געזעהן צו געבען דער יוגענד דאָס בעסטע אין מיר און וועקען אין איהר דאָס בעס־טע, און נישט מורא געהאַט, אז א תלמיד וועט מיך אריבער־יאָגען, פערדונקלען מיין רוהם. יעדע יונגע קראַפט האָט מיך יונג געמאַכט, געוועקט מיינע כחות, אָנגעטריבען זיי. איהר ווייסט דאָך. און יעצט געה איך דאָ ארום און האָב מורא פאר דער יוגענד. פון אָט דער געפאהר האָב איך קיינמאָל גאָרנישט גע־טראַכט. זי האָט זיך מיר ערסט היינט ארויסגעשטעלט. אלע יונגעלייט ארום עממא'ן זיינען מיר שרעקליך. נישט אייפער־זוכט, פערשטעהט מיך, נאָך עטוואָס עקעלהאַפטיגעס: מורא! א מורא נעמט מיך אָן. איך האָב מורא פאר א פיזישען פער־גלייך מיט יעדען יונגען מאַן. פינקעל, וואָס זאָגט איהר דערצו?

פ י נ ק ע ל. איך לאַך.

א ר ט ו ר. איהר לאַכט — און איך האָב מורא לעבערליך צו ווערען. דענקט אייך, עס איז מיר איינגעפאַלען צו שפּיעלען דעם יונגען מענשען, דרעהען זיך צווישען יונגע, רעדען און קוואַ־טשען און שפּרינגען און נאַריש מאַכען מיך ווי אלע יונגע. קאָן עס לעבערליכער זיין?

פ י נ ק ע ל. ווער הייסט אייך עס? צו וואָס טוט איהר עס?

אַרטור. אָבער מיר איז עס דאָך איינגעפאַלען! איך האָב עס דאָך געטאָן! פאַר וואָס איז דאָס מיר איינגעפאַלען? און פאַר וואָס זעה איך, ווי מען שמייכעלט הינטער מיין רוקען?

פינקעל. ווער שמייכעלט? קיינער שמייכעלט נישט. די מוטערס און טעכטער זיינען מקנא מיסס הערריס איהר גליק!

אַרטור. איך האָב שוין אָבער דעם שמייכעל פערשפּירט! און איך ווייס, אַז וואו איך וועל מיך בעווייזען מיט מיסס הערריס, וועט מען אונז אָננעהמען פאַר פאָטער און טאָכטער, און אַז מען וועט זיך דערוויסען אונזערע אמת'ע בעציהונגען, וועט מען שמייכלען הינטער מיין רוקען. און היינט האָב איך שוין דעם שמייכעל בעמערקט. מיין הויט איז מיר צו עמפּפינדליך, און אַ שמייכעל אפילו הינטער'ן רוקען, מאכט זי מיר גענזיג. און דאָס וועל איך איבערלעבען יאָהר־אויס יאָהר־איין... יאָהר־אויס יאָהר־איין... יאָהר־אויס יאָהר־איין...

פינקעל. איהר זייט קראנק! איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען, פּראָפעסאָר, איהר ליידט פון פערפאָלגונגסוואהן!

אַרטור. און דאָס איז דאָך די ריינע לאָגיק. דאָס איז דאָך דיווירקליכקייט.

פינקעל. צו וואָס פיהרט עס? וואָס וועט אייך ארויסקומען פון אזעלכע געדאנקען?

אַרטור. זיי פלאָנטערן זיך אין קאָפּ ווי אונגעבעטענע געסט.

פינקעל. קומט ארויס צו די געסט. עס איז גלאט נישט שיין, מוז איך אייך בעמערקען.

אַרטור. דאָס זייט איהר באלד גערעכט. איך וועל באלד ארויסקומען.

פינקעל. פערשפּרעכט איהר עס מיר?

אַרטור. איהר האָט געהערט.

פינקעל. איז גוט. (איילט אַרויס.)

אַרטור (העבט אן וויעדער ארומצוגעהן, זינגט אונטער טרויע־

ריג, געהט צו צום פענסטער און קוקט אַרויס. נאָך אַ קלײנער פּויזע).
װען — איך — װאַרף — מיך יעצט — אזוי ארויס, װאָלט עס —
געהייסען צופאַל — (רוקט ארויף דאָס פענסטער און זעצט זיך ארויף.)

מרס. ברענער (טאַפּט זיך אריין אין צימער). ארטור...
(העכער.) אַרטור!

ארטור (שפּרינגט אויף, דערשראָקען, בלייך װערענדיג). די
מוטער!

מרס. ברענער. אַרטור, ביזטו דאָ?

ארטור (רייסט זיך אָב פון פענסטער און געהט צו איהר, מיד,
קוים שלעפענדיג די פיס, שעפּטשענדיג). מוטער!

(פאָרהאַנג פאַלט.)

יעדער מיט זיין גאָט

דראמע אין פיער אַקטען

(סעפּטעמבער, 1912)

פערזאָנען:

מנשה ריוווקין.
דאָבע, זיין צווייטע פרוי.
אייזיק, זיין זוהן.
איידע, אייזיק'ס פרוי.
שפרה קונין, זיין פלימעניצע.
מאָררים נעלסאָן, א שריפטשטעלער.
יוסף נייםאן.
א שכנה.

די האנדלונג קומט פאָר אין ניו יאָרק, ארום 1910.

ערסטער אַקט

(אַ טענעמענט־קיך, וואָס איז אויך דאָס עס־צימער און ארויסגאנגס־צימער. רעכטס פאָרנט די אַריינגאנגס־טיר. ווייטער הינטען דער „סינק“ און דער „וואַשטאָב“. לינקס פאָרנט די טיר צו די שלאָפציממער, ווייטער הינטען דער גאַז־אויוועז און דער גלעזער־שראַנק. אין דער הינטער־וואַנד די ברייטע רוק־טיר צום „פראָנט־רום“. אין מיטען גאַנץ פאָרנט אַ טיש מיט שטולען. די ארויסגאַנגס־טיר איז אָפען. איידע, וועלכע איז בעשעפטיגט מיט דעקען דעם טיש און אָנשטעלען אויף איהם טעלער און גלעזער און ארויפלעגען אויף אַ טעלער ווארשט און צונג, לויפט צו איטליכע ווײלע צו דער טיר, קוקט אַרויס, הערט זיך צו. ביים דריטען־פיערטען מאָל ווערט זי אָבגעשטעלט פון דער שכנה.)

די שכנה: וואָס, ניטאָ נאָך אייערע „גרינע“?

איידא (אריינטרעטענדיג): נאָך ניטאָ. שוין דריי א זייגער. איך ווייס שוין נישט וואָס איבערצוקלערען.

די שכנה (אריינטרעטענדיג): „עלענד“־איילענד! א קליינינקייט, ביז מען קריגט עמיצען פון דאָרטין ארויס.

איידע: איך בין גאנץ אויסער זיך. שוין אכט זייגערנע שעה, אז מיין אייזיק איז נאָך זיי אוועק.

די שכנה: אפשר האָט מען זיי פערהאַלטען?

איידע: זאָל נאָט אויסהיטען! פאר וואָס זאָל מען זיי עפּעס פערהאַלטען? מיין שווער איז נאָך גאָר אַ יונגער מאַן און האָט ביי זיך געלט.

די שכנה: איז עס גלאַט אזוי עפּעס. קיינער איז דאָך פון זיי נישט קראַנק געוואָרען?

איידע: אוי, איך וויל עס גאָר נישט טראַכטען.

די שכנה: איך ווייס, מען קאָן דאָרטין גוט קראַנק ווערען.

איידע: אך, רעדט שוין בעסער נישט.

די שכנה: וואָס מען ליגט זיך אַלץ אָן אין די פּייפּערס, און איך ווייס, אז איך בין אריבערגעקומען — —

איידע: שא — איך וואלט געשוואָרען — מיין אייזיק'ס שטימע! (לויפט צו דער טיר, די שכנה געהט אַרויס. א געמיש פון שטימען. מען הערט מנשה'ן רופען: „הויך, אָבער הויך וואוינ־סטו!" אייזיק, מנשה און דאָבע — די ערסטע ביידע מיט טשעמאָ־דאַנעס אין די הענד, די לעצטע מיט פערשיעדענע בינדלעך — קומען אריין. איידע מאַכט צו די טיר.)

מנשה (אראָבלאָזענדיג דעם טשעמאָדאַן, ווישט זיך אָב דעם שוויס און גיט איידע'ן די האַנד): איז אָט דאָס ביזטו? מיין אייזיק'ס ווייבעל? מיין שנור? מיין טאָכטער? מעגען מיר, הייסט עס, צוקוקען זיך. וואָרום איך בין איך — אייזיק'ס טאַטע אליין. (נעמט זי אַרום און קוסט זי האַרציג. דערנאָך ציינט ער אויף דאָבע'ן.) און דאָס איז זי — פרוי ריווקין נומער צוויי. אָדער ווי איהר זאָגט דאָ: מיסיס ריווקין. זעהסט, איך קען שוין ענגליש.

איידע און דאָבע (גיבען זיך די הענד און קוקען זיך אָן, נישט געפינענדיג קיין ווערטער).

מנשה (אויסטוענדיג פון זיך דעם מאַנטעל, ווענדעט אייזיק נעמט פון איהם אַוועק): שלום עליכם — עליכם שלום! צוקוקט איך! (ברייננט צונויף זייערע קעפּ.) א שטיפשוויגער קאָן דאָך נישט זיין ערגער ווי אַן אמת'ע שוויגער.

איידע און דאָבע (צוקוקען זיך).

מנשה: אָט אזוי אָ. און זייט גוטע פריינד! שטיפּ־שוויגער — שטיפשנור — זייט גוטע פריינד!

דאָבע (אויסטוענדיג איהר מאַנטעל מיט אייזיק'ס הילף): קאָן איך מיך איבערהויפּט א ביסעל איבערטאָן?

א י י ז י ק: געוויס, קומט, איך וועל אייך אריינברייננגען אין אייער צימער. (צו איידע'ן.) שטעהט דאָרטען שוין פריש וואסער?

א י י ד ע: זעלבסטפערשטענדליך.

א י י ז י ק: וועט איהר אייך דאָרטען ארומוואשען און איבערטאָן. אין וועלכען טשעמאָדאן — ? איך וועל שוין נעמען ביידע. (נעמט ביידע טשעמאָדאַנעס און טראָגט לינקס.)

ד אָ ב ע (געהט איהם נאָך).

מ נ ש ה (וועלכער האָט זיך מיד אַראָבגעלאָזען אויף אַ שטול, קוקט אָן איידע'ן): איז אזוי, ביזטו דאָס איידעלע? קום נאָר אהער, איך וויל דיך אַ ביסעל ארוממוסטירען. (נעמט זי אָן פאַר דער האַנד און דרעהט זי אַרום.) גוט. — און יעצט לאָך. איך וויל הערען, ווי דו לאכסט. האָט דיר אייזיק גאָרניט געזאָגט, אז ביי מיר מוז מען קאָנען גוט לאכען? קאָנסטו גוט לאכען, האלטסטו ביי מיר אוים דעם עקזאמען אויף פינפען.

א י י ד ע (לאַכט אויף).

מ נ ש ה: דאָס איז אַ ביסעל נעצוואונגען, אזוי זיך א געלעכטער. ווארט, איך וועל דיר פאָרלאכען. (צולאַכט זיך.)

א י י ד ע (ברעכט אוים אין אַ האַרציגען געלעכטער).

מ נ ש ה: דאָס איז גוט, אויסגעצייכענט. עהרליך, הארציג. (קלאַפט איהר אויף דער פלייצע, נעמט זי ארום און קוסט זי.)

א י י ז י ק (קומט אַריין): נא, דו האָסט זי שוין געמאכט צו לאכען. ווי איז דיר עפּעס געפעלען מיין שידוך?

מ נ ש ה: נאָך א מאָל מזל טוב דיר, מיין זוהן. (נעמט איהם אַרום, קוסט און גלעט איהם.) עס געפעלט מיר דיין שידוך. און — ווי געפעלט דיר עפּעס מיין שידוך? — יא. איך וויים, איך וויים — דו וואָלסט בעסער געוואָלט, די מאמע זאָל לעבען און קומען מיט מיר. (זיפצט אויף.) יא, נישט צו מאכען. האָט נעבעך שטארק געליטען. — האָסט דאָך אויף מיר קיין פאראיבעל נישט, וואָס איך האָב חתונה געהאט. איך בין דאָך נישט קיין

אלטער מאן, און אליין זיין — נאַ! (קלאַפּט איהם אויפ'ן רוקען.) דו פערשטעהסט דאָך! —

אייזיק (זיפצט אויף): יאַ! — ווילסטו זיך נישט איבערטאָן?

מנשה: דאָס וואָלט טאקע געווען אַ גוטע זאך, איז אפילו גאַנץ נויטיג. אָבער עפּעס קאָן איך מיך ניט אוועקרייסען פון איידעלען. אזוי וואָלט איך געקוקט און געקוקט אויף איהר.

איידע: און איהר מוזט דאָך מסתמא שטארק הונגעריג זיין.

מנשה: ניין. איך וועל אָבער עפּעס צובייסען. דער עיקר אָבער — טיי, טיי! און אויך ארומוואַשען זיך אביסעל.

איידע: איך וועל גלייך אריינברייננגען אַ האנדטוך. (איילט אין פראָנט־רום.)

מנשה: איז אזוי־אָ זעהען מיר אונז, און אין אמעריקא, אין נעוו יאָרק. זעקס יאָהר ניט געזעהן זיך. יאַ. זעקס יאָהר. די מאמע געשטאָרבען, אַ פּאָגראָם דורכגעמאכט, דאָס געלט פערלאָרען, און —

איידא (קומט אריין מיט אַ האנדטוך און גיט עס מנשה'ן): און דאָ איז זייף. (לעגט עס אַוועק איבער'ן סינק.)

מנשה: אַ גרויסען דאנק. איז וואו וואשט מען זיך דאָ ארום?

איידע (צייגט אויפ'ן סינק): אָט־אָ דאָ. (דרעהט אויף דעם קראַנט און לאָזט דאָס וואַסער לויפען.)

מנשה: אָט דאָ טאקע גופא. איז גאָר גוט. (הויבט אָן צו וואַשען זיך.) ארומוואַשען זיך, מאכען אַ שנאַפּס — געבראַכט מיט זיך אמת'ען רוסישען שנאַפּס. האָבט שוין לאַנג געטרונקען רוסישען שנאַפּס, אייזיק? קריגט מען איהם דאָ? — איהר זוייסט, דאָס וואסער איז דאָ אויך — נאַס. פּונקט ווי ביי אונז — האָבען מיר זיך גאָר נישט וואָס צו שעמען. און די זייף איז זייף — עסט אין די אויגען — ביטער, פּע! — פּונקט ווי

ביי אונז. — נאַ אָבגעוואשען זיך, ריין, שיין. געה נאָר, אייזיק, אין דעם קלענערען טשעמאָדאנטשיק וועסטו געפינען דאָס פלעשעל.

אייזיק: די — די — איז אפשר נאָך נישט פארטיג.

מנשה: אהא, ווילסטו נישט אריין. אויך גערעכט. דעם טאטען׳ס ווייב און דאָך נישט קיין מאמע. אויך גערעכט. אָבער מיט „די — די —“ וועסטו נישט קאָנען אויסקומען. רוף זי מאמע, מוהמע, דאָבע. רוף זי דאָבע. די גלייכסטע זאך. זי איז דאָך כמעט אין איינע יאָהרען מיט דיר, זי איז איין־און־דרייסיג און דו ביזט באלד זיעבען־און־צוואנציג. רוף זי דאָבע. איהרץ זי, איהרץ זי נישט, דאָס מאכט שוין אוים צווישען אייך. אָבער דערווייל קלאפ איהר אָן אין טיר און זאָג איהר, אז זי זאָל ארויסברייגען דעם שנאפס.

אייזיק (געהט אַרויס).

מנשה: נו, איידעלע, ווי געפעל איך דיר עפּעס אָן אָבגעוואשענער? ווארט, איך וועל מיך נאָך פערקעמען, פערבארשטען דעם באָרד — (טוט עס. דאָבע און אייזיק קומען אריין. אייזיק שטעלט אַרויף שנאַפּס־גלעזלעך אויפ׳ן טיש.)

דאָבע: איך בין שוין פארטיג.

מנשה: און איך אויך. אָבער דאָס מאָל האָב איך מיך געפוצט נישט פון דיינטוועגען, נאָר פון איידעלע׳ס וועגען.

איידע (שטעלט אַרויף גלעזער טיי אויפ׳ן טיש).

דאָבע: אך, טיי! טיי! (זעצט זיך און העבט אָן צו טרינקען.)

מנשה: און איך וועל מאכען א לחיים, פערבייסען מיט א שטיקעל ווורסט און נעמען זיך אויך צום טיי. (גיסט אָן די גלעזלעך.) לחיים, קינדערלעך! עס זאָל עפּעס אָנהעבען דאָ א ניי לעבען מיט א נייעם מזל פאר אונז אלעמען. (טרינקט און פערבייסט.)

איידע (צו דאָבע׳ן): בייסט עפּעס צו. אָוועגד־ברויט וועלען מיר עסען, ווען שפרה וועט קומען. איך האָב דאָך נישט

געוואוסט, ווען איהר וועט קומען, האָב איך מורא געהאט צו קאָכען דינער.

מנשה: וואָס קאָכען? דינער? אָה, איך פערשטעהע! ווארמעס. דינער בלע״ז. דינער, דינער, דינער, קנעכט, עבד, שקלאַף. — און שפרה קומט ערסט אין אָוועגד. אָה, איך וואָלט זי שוין אַזוי געוואָלט זעהן. ווי האָסטו געזאָגט, וואָס איז זי היינט?

איייזיק: ביזי.

מנשה: ביזי. א סך ארבייט הייסט עס. און ארביי־טערקע געוואָרען. שפרה א פּשוט׳ע ארבייטערקע געוואָרען. גע־שטודירט, גימנאזיום געענדיגט און אַן ארבייטערקע געוואָרען. אמעריקא! און אַזוי ווי איז זי עפּעס? ווי זעהט זי עפּעס אויס? און מסתמא פערטאָן אין חברות, רעוואָלוציעס...

שפרה (לויפט אַריין, גאַנץ פערסאפּעט, אָטעמלאָז, און בלייבט איין מאָמענט שטעהן אין טיר).

מנשה: זעה, דאָס איז זי דאָך! (שפּרינגט אויף.)

שפרה (שרייט אויס): פעטער! (לאָזט זיך צו איהם און וואַרפט זיך איהם אויפ׳ן האַלז.)

מנשה (קוסענדיג זי און קלאַפּענדיג איהר אויפ׳ן רוקען): שפרהטשקע! שפרהטשקע!

שפרה (האַלטענדיג מנשה׳ן מיט דער לינקער האַנד, גיט דאָבע׳ן די רעכטע): שלום עליכם, מוהמע!

דאָבע (אויפשטעהענדיג): עליכם שלום, פלימעניצע! (צוקוסען זיך.)

שפרה (ווענדט זיך צוריק צו מנשה׳ן, אַנגעמענדיג איהם מיט ביידע הענד): זייט איהר דאָ! איך האָב ניט געקאָנט איינ־זיצען אין שאפּ. עס האָט מיך געהויבען פון אָרט. ביז איך האָב א וואָרף געטאָן די ארבייט און געפלויגען אהער, נישט טויט נישט לעבעדיג. איז וואָס מאכט איהר עפּעס? לאָזט איך אָנ־זעהן. א ביסעל עלטער געוואָרען. גרויע האָר. — און איהר,

ראָבע, קוים אַ ביסעל עלטער. דער פּאַריק בלויז. אַך, פּעטער, ווי פרעה איך מיך! ווידער אין איינעם. וואָס קוקט איהר אזוי אויף מיר?

מנשה: ווי האָסט דו זיך געענדערט פאר די פינף יאָהר! דו זעהסט מיר אויס — אַ גאַנץ אַנדער שפרה עפּעס.

דאָבע: יא, איך וואָלט אויך געשוואָרען, אַז —

מנשה: ביזט דאָ אַן ארבייטערקע געוואָרען. געשטודירט, געשטודירט און געוואָרען אַן — וואָס ארבייטסטו דאָ? (צו אייזיק'ען.) ווי האָסטו אָנגערופען ביי וואָס זי ארבייט?

אייזיק: ביי ווייסטס, ביי בלוזקעס.

מנשה: בלוזקעס. פּשוט אַ שניידערקע געוואָרען. און ווי שטעהט דאָ עפּעס מיט איבערקעהרען אַ וועלט, אראָבוזעצען קיסרים? אַ שיינע זאַך האָט זיך אויסגעלאָזען פון דיין רעוואָלוציע. הא? אַ בוידעם — איך מעג עס דאָך זאָגען? ווי? ווי דו זעהסט מיר עפּעס אויס! אזא טרויעריגע, בלאַס, רענדער אונטער די אויגען... איך וואָלט שווערען, אַז דו האָסט שוין אויך גרויע האָר!

שפרה: עקזאַמינירט, פּעטער, עקזאַמינירט.

מנשה: ווייסט איהר גאָר וואָס, קינדער, פערנעמט אייך מיט אייער טיי — איך וויל מיך דורכרעדען אַ ביסעל מיט איהר. אָדער מיר וועלען אונז פערנעמען מיט אונזער טיי.

שפרה (איבערראַשט): וואָס איז פאראַן דורכצורעדען זיך. איך האָב קיין סודות נישט. איך זעה אַ ביסעל מיד אויס, פון דער ארבייט איינפאַך. איך האָב היינט שווער געארבייט, איבערהויפּט די לעצטע פּאָר וואָכען. און איך בין דאָך דאָ נישט אינגער געוואָרען, פּעטערקע.

מנשה: דאָך, דאָך.

איידע: מיר זיינען שוין ניטאָ. (צו דאָבע'ן.) איהר האָט דאָך נאָך נישט געזעהן אונזער פראָנט־רום. קומט, מיר וועלען אריין אין פראָנט־רום. (געהט אַהין מיט די גלעזער.)

דאָבע: „פראָנט־רום“ — וואָס איז דאָס? (געהט נאָך איידע'ן.)

שפרה: אָבער ווירקליך, איהר דארפט נישט.

אייזיק: אז דער טאטע וויל, ווייסטו דאָך. (פערגעסט צוקער און זיין גלאָז און געהט אַרויס, צומאַכענדיג הינטער זיך די פראָנט־רום־טיר.)

מנשה: נו, שפרהטשקע, זאָג, וואָס איז מיט דיר, זיי זיך מתודה.

שפרה: ווער האָט אייך געזאָגט, אז מיט מיר איז עפּעס, אז איך האָב מיך וואָס מתודה צו זיין?

מנשה: מיר זיינען דאָך עפּעס אַלטע גוטע פריינד. און ווייסט דאָך, מיר דארפסטו קיין פינגער אין מויל נישט אריינלעגען. איך זעה, אז עפּעס דריקט דיך. איך האָב דיך שוין פינף יאָהר נישט געזעהן און וויים נאטירליך נישט אלץ, וואָס איז פאָרגעקומען דאָ אין דיין לעבען, אָבער איך קאָן שווערען...

שפרה (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אין די הענד).

מנשה: זעהסטו, זעהסטו — קום יעצט ארויס מיט דער שפּראַך, מאַך לייכטער דיין הארץ. (גלעט זי איבער'ן קאָפּ.)

שפרה (טאָנלאָז, מיט די אויגען אויסגעגלאָצט ערגעץ וויים): בעטער, ווייסט איהר, וואָס הייסט גאָט פערליערען?

מנשה (איבערראשט): גאָט פערליערען? (ווייזט מיט דער האַנד צום הימעל.) גאָט?

שפרה: ניין. (צייגענדיג אויפ'ן הארץ.) דעם אייגענעם גאָט, דעם גאָט, וועלכער איז אייך געזעסען אין הארצען, וועלכער האָט אויסגעפילט אייער גאַנץ וועזען, וועלכער האָט אויסגעמאַכט אייער נשמה?

מנשה: איך וויל ווייטער הערען, וועל איך בעסער פערשטעהן. דאָס איז פאר מיר א ביסעל חקירה. איך וויים, א יעדער מוז האָבען גאָט אין הארצען; האָט ער איהם נישט, איז ער א שלעכטער מענש, פעהיג צו אַל דאָס בייז. אזוי מיינסט

דו עס דאָך נישט? ביזט דאָך דאָ נישט שלעכט געוואָרען?

שפרה: איהר ווייסט, וואָס מיך האָט אויסגעפּילט אין רוסלאנד, איהר ווייסט, אויף וואָס איך האָב דאָרטען אוועקגעגעבען מיינע טעג און יאָהרען, מיין גאַנץ לעבען. די רעוואָלוציע, דער סאָציאַליזם — דאָס איז געוועזען מיין גאָט, וועלכען איך האָב געדיענט מיט מעהר טרייהייט און פייער, ווי דער פרימסטער איד צו זיין גאָט. און איהם —

מנשה: האָסטו דאָ פערלאָרען?

שפרה: האָב איך דאָ פערלאָרען.

מנשה: אין דער פרייער אמעריקא?

שפרה: אין דער פרייער אמעריקא.

מנשה: האָסטו איהם פערלאָרען, דארפסטו דאָ איהם מסתמא נישט האָבען. דאָס איז געוועזען מסתמא אַ רוסישער אָבגאָט, וועלכער פּאַסט זיך נישט פאַר אמעריקא. מיר האָבען איין גאָט אָן אמת'ען פאַר דער גאַנצער וועלט און אַ סך אָבגעטער פאַר פערשיעדענע פעלקער און לענדער און מענשען.

שפרה: עס קאָן זיין, אז איהר זייט גערעכט. אָבער דער רוסישער אָבגאָט איז געוועזען מיין לעבען, האָט גענעהרט מיין נשמה. יעצט אָהן איהם בין איך פּוסט, פערגעהט מיין נשמה פאַר הונגער, וויים איך נישט, צו וואָס איך לעב אויף דער וועלט.

מנשה: קום, איך וועל דיר זאָגען אויפ'ן אויער. זועסט התונה האָבען, האָבען קינדער און לעבען, ווי אַלע אידישע טעכטער לעבען. וואָלסטו זעהן, אין רוסלאנד אליין איז דער אָבגאָט געשטאָרבען אָדער פערלאָרען געוואָרען — דער גוטער רוח וויים איהם. וואָלסטו זעהן, אַלע דיינע חבר'טעס און חברים האָבען התונה געהאט, האָבען קינדער, טוען געשעפטען, פּראַקטיצירען, זיינען מענשען מיט אַלעמען צוגלייך. בורזשויעס געוואָרען.

שפרה (כאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ): ווי שרעקליך! ווי שרעקליך!

מנשה: זאָג דעם אמת, האָט זיך עפּעס נישט געמאכט

קיין ליטישער יונגערמאַן? זאָל זיין אַ ליעבע אָדער נישט קיין ליעבע.

שפרה (כאַפּט איהם אָן): פּעטער! (בייסט איהר אָרבעל, אום איינצוהאַלטען זיך פון וויינען.)

מנשה: אָבער, שפרהטשקע! אָבער גאָט איז מיט דיר!

שפרה: אז איך זאָל קאָנען אויסהערען אַזעלכע רייד און נישט צושרייען זיך און נישט אויסזידלען אייך! אָבער איהר האָט געטראָפען דעם אמת, פּעטער. ווי איך האָב מיין גאָט פערלאָרען, ווי איך האָב דערפיהלט, אַז אין מיר ווערט עס פּוסט און לעער, האָט מיר מיין האַרץ אָנגעהויבען וועה צו טאָן פאַר מיין פערלאָרענער יוגענד, פאַר אַלע פערלאָרענע יאָהרען, און דער ערכטער געדאַנק איז געוועזען: התונה האָבען!

מנשה: נו, וואָס דען!

שפרה: איך קאָן די מענשהייט נישט גליקליך מאַכען, לאָמיך אַליין כאַטש אַ ביסעל גליקליך זיין. מיין אייגענעם ווינקעל האָבען, מיין אייגענע היים.

מנשה: נו, יא! נו, יא! אַלזאָ, נו?

שפרה: איהר זעהט דאָך, פּעטער, קיינער האָט מיך נאָך נישט אויסגעכאַפּט.

מנשה: וועט נאָך קומען.

שפרה: אָבער בעגרייפט איהר, פּעטער, וואָס הייסט פאַר מיר זיצען און וואַרטען און אויסקוקען די אויגען, אַז „וועט נאָך קומען“? פאַר מיר, אַ מיידעל מיט הויכע אידעען און אידעאַלען, וועלכע האָט דאָך געגלויבט עהרליך און אמת אין דעם, אין וואָס זי האָט געגלויבט! אָבער עס קומט נאָך ערגער.

מנשה: ערגער?! שפרה!

שפרה (זוכענדיג ביי זיך אין האַנד־ביימעל): איך בין גאַנץ טיעף געזונקען.

מנשה (שרייט אויף): שפרה! שפרה! דאָס איז דאָך אונמעגליך!

ש פ ר ה (אַרויסנעמענדיג אַן אויסשניט פון אַ צייטונג): פערטראַכט אויף גאָרנישט, פעטער. נאַט, לייענט.

מ נ ש ה (כאַפּט אָן מיט ציטערדיגע הענד דעם אויסשניט און לייענט): „איך בין זיעבען־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, שיין, קלוג, געבילדעט, אין דער היים געענדיגט גימנאַזיום, מיטגעמאַכט די רעוואָלוציאָן, דאָ געוואָרען אַ „ווייסטמייקערין“. איך פיהל מיך זעהר עלענד דאָ אין אַמעריקא — זוך איך די בעקאַנטשאַפט פון אַ יונגען מאַן אין מיינע יאָהרען און אויך אַ ביסעל עלטער, מיט דיזעלבע מעלות, וועלכע איך האָב אויסגערעכענט אין מיר אַליין, און וועלכער איז דאָ אויך אַזוי עלענד, ווי איך. די מיד געוואָרענע“. (איבערלייענדיג, קוקט ער עס נאָך אַ מאָל איבער, דרעהט עס איבער אויף דער אַנדער זייט, און ענדליך קוקט ער אַרויף צו איהר, ווי ער וואָלט נישט גאַנץ פערשטאַנען.)

ש פ ר ה: דאָס איז אַן אַדווערטייזמענט, אַן אַנאָנסע אין אַ טעגליכער צייטונג.

מ נ ש ה: אַן אַנאָנסע?

ש פ ר ה: איך האָב זי אריינגעגעבען. דאָס האָב איך אַנאָנסירט, דאָס האָט אין מיר געפּלאַצט די געדולד צו וואַרטען און איך האָב אַנאָנסירט: דאָ בין איך, איך וויל חתונה האָבען. ווער עס וויל, זאָל קומען און נעמען מיך. ווי איז דאָרטען אין דער הגדה פאַר די פיער קשיות? ווער.... ווער עס וויל, זאָל קומען און עסען!... שפרה קונין, וועלכע האָט געקעמפּפט פאַר נייע אידעען, פאַר אַ נייער מענשהייט, וועלכע איז געזעסען איבער אַ יאָהר אין אַסטראָג און איז שיער ניט געהאַנגען געוואָרען פאַר איהרע אידעען — שפרה קונין אַנאָנסירט נאָך אַ חתן, נאָך אַ מאַן! טראָגט זיך אַרויס אין מאַרק אַריין: קויפט מיך! איך בין צום קויפען! (בייסט זיך וויעדער דעם אַרבעל.)

מ נ ש ה: ווען האָסטו זי אַריינגעגעבען, די אַנאָנסע?

ש פ ר ה: האַ־האַ־האַ, איהר טראַכט שוין וועגען תכלית, איהר געהט צום פּונקט. האַ־האַ־האַ. — מיט פיער טעג צוריק,

און נעבעטען איז זי געווען געדרוקט. איך האָב מיך געאײַלט פאַר אייער קומען. איך האָב געפיהלט, אַז איך וועל עס נישט קאָנען טאָן, ווען איהר וועט דאָ זיין. איהר וועט מיר אָנברייגגען היימישע ליפּט, אריינטראָגען א ביסעל פון דעם גלאַנץ פון די אַמאָליגע יאָהרען. איהר וועט מיך דערמאָנען, וואָס איך בין געווען. האָב איך מיך בעאײַלט. אויף גיך! אויף גיך! זיי וואָס שנעלער מקבר דיין גאָט און דיין גאַנצע פערגאַנגענהייט! האַ־האַ־האַ.

מנשה (גלעטענדיג און בערוהיגענדיג זי): איך בין א איד פון אַן אַנדער וועלט מיט אַנדערע געדאַנקען און אַנדערע השגות. אריינשטעלען אין א צייטונג, אַז איך זוך אַ כלה, וואָלט איך אפשר ניט געקאָנט. אי, פאַרוואָס אַ שדכן יאָ און א צייטונג נישט? איז עס פשוט. מיט אַ שדכן רעד איך אונטער פיער אויגען אין מיינע פיער ווענד. אָבער א צייטונג איז שוין צופיעל עפענטליך. ווי דו האָסט געזאָגט: ארויסגעטראָגען זיך אין מאַרק. עס פעהלט די בושה. אָבער אויב דאָ איז דאָס אָנגענומען אין עולם, זעה איך נישט איין —

שפרה: פעטער, איהר ווייסט נישט, וואָס דאָס האָט מיך געקאָסט! איך וואונדער מיך, וואָס איך לעב נאָך, וואָס איך האָב מיר קיין מיתה נישט אָנגעטאָן. איך האָב מיך געדאַרפט צוזאַמענעמען מיט אַלע כחות אויף אויפשרייבען די פּאָר שורות. איך האָב זיך בעגאָסען מיט ביטערע טרערען, עס האָט אין מיר געציטערט יעדער אבר. און אַז איך האָב אריינגעוואָרפען דעם בריעף אין קאַסטען, האָב איך מיך אַזוי דערשראָקען פאַר דעם קלאַפּ, אַז איך האָב געמיינט, דער הימעל איז איינגעפאַלען אויף מיר. איך האָב מיך געלאָזט לויפען איבער די גאַסען, איך האָב מורא געהאַט אומצוקוקען זיך אהיים אין מיין צימער, איך האָב מורא געהאַט, איך וועל משוגע ווערען.

מנשה: אַך, רעד נישט, דערצעהל נישט. דו האָסט עס דאָך שוין אָבגעטאָן, און די אַנאָנסע איז דאָך שוין געדרוקט. און

ווי איך פערשטעה, טוען עס דאָך דאָ א סך, איז עס דאָך דאָ אזא מנהג — איינפאך א פאפיערענער שדכן. איז וואָס איז פאראן צו רעדען? זאָג מיר בעסער, ווען קאָנסטו ערווארטען עפעס רעזולטאטען?

ש פ ר ה (צולאַכט זיך היסטעריש, פערגראָבענדיג דאָס געזיכט אין איהר לינקען אָרם און ציטערנדיג מיט אַלע אברים. — עס קלינגעלט. זי נעמט זיך צוזאמען, דריקט אָב די קנאָפקע און ענטלויפט לינקס אין צימער. איידע, אייזיק און דאָבע קומען אַרויס פון פראָנט־רום).

א י י ד ע: עמיצער קומט. איהר האָט דאָ שוין אָבגערעדט? וואו איז שפרה?

מ נ ש ה: זי איז אריין אהער אין צימער. (געהט צו דער טיר, הערט זיך צו, מאַכט זי אויף.) וועסט באלד ארויסקומען, שפרהטשקע?

ש פ ר ה: באלד. (עס קלאַפּט אין דרויסען־טיר.)

א י י ד ע: קאַם־אין!

מ נ ש ה: אריין, הייסט עס. קאַם־אין — אריין, קאַם־אין — אריין... (נעלסאָן קומט אַריין.)

נ ע ל ס אָ ן (געהט צו צו מנשה'ן, גיט איהם די האַנד): שלום עליכם, פאַני ריזוקין!

מ נ ש ה (קוקט איהם פערוואונדערט אָן): עליכם שלום! — ווער איז א איד? אן אונזעריגער?

נ ע ל ס אָ ן: אדרבא, טרעפט. (גיט די האַנד דאָבע'ן.) שלום עליכם, דאָבע רב קאלמען דעם דיין'ס.

ד אָ ב ע: אָי, איך וואָלט געשוואָרען, אז דאָס איז —

נ ע ל ס אָ ן: נו, שווערט, שווערט.

ד אָ ב ע: מאָאיסיי קאטצענעלענסאָן!

נ ע ל ס אָ ן: געטראָפען! און איז אפילו רויט געוואָרען.

מ נ ש ה: מאָאיסיי קאטצענעלענסאָן? וואָס דו גישט

זאָגסט? טאקע, יעצט דערקען איך איהם אויך! וואו איז דאָס אהינגעקומען אייער בערדעל מיט די וואָנצעס?

נעלסאָן: אמעריקא האָט זיי ביי מיר אָבגעגריזשעט.

דאָבע: מאַאיסיי קאטצענעלענסאָן — ווי שווער צו דערקענען.

נעלסאָן: איהר האָט דאָך אָבער.

דאָבע: אָן די אויגען עפּעס. — איהר זייט דאָך גאָר איינגער געוואָרען.

נעלסאָן: וואָס דען, מיינט איהר, ווערט מען אין אמעריקא? און איהר ווערט נאָך אַלץ רויט?

איידע: א גלעזעל טיי, מיסטער נעלסאָן?

נעלסאָן: איך וועל מיך נישט אָבזאָגען.

מנשה: ווי האָסטו איהם גערופען? אוי יאָ, דאָ הייסט איהר דאָך מאָרים נעלסאָן!

נעלסאָן: אוהום.

מנשה: מיר האָבען זיך דאָרטין אַלץ געוואונדערט, ווי ווערט עס פון קאטצענעלענסאָן — נעלסאָן? יעצט זעה איך: אמעריקא האָט אָבגעגריזשעט. אָבער ווי ווערט עס מאָרים פון מישה?

נעלסאָן: הלמאי וועט איהר דאָ באלד הייסען מייק?

מנשה: אזוי אפילו? מייק! עס איז דאָ, הייסט עס, אזא גזרה, אז מנשה מוז הייסען מייק. נישט צו מאכען. יעמוד רב מייק ברב — מיין טאַטע האָט געהייסען נפתלי — שא, און ווי וועט עס עפּעס הייסען דאָבע?

נעלסאָן: לאכט, לאכט, אָבער איהר וועט שוין א סימן האָבען. אייער נאָמען וועט געענדערט ווערען, אייער באָרד וועט נעלם ווערען — —

מנשה: מיין באָרד?! מיין שיינער באָרד?

נעלסאָן: און אייער שיין ווייב וועט אויסטאָן דעם פּאריק און וועט נאָך שענער ווערען.

מנשה: הערסט, ווי ער מאכט דאָס קאָמפּלימענטען!...
דאָס אַרט מיך שוין גראָד נישט. איך האָב איהר אויך אין אונזער שטעדטעל נישט געהייסען איהם טראָגען. אָבער מיין באָרד! אלץ יא, און דאָס נישט! זאָל פון „מנשה" אוועקגענאשט ווערען דאָס גאנצע „נשה", אָבער מיין באָרד טאָר אַ האָר נישט געריהרט ווערען.

נעלסאָן: נישקשה, אז שקצים אין גאס וועלען אייך אָנהעבען צו צופּען פאר'ן באָרד...

מנשה: ווי? מעשה רוסלאנד גאָר?! דאָבע, צוריק!

נעלסאָן: דער חילוק איז, וואָס דאָרטין טוט מען עס אויס אידען־האס און דאָ אויס האס צום אידישען באָרד. אידישע אינגלעך אליין וועלען אייך צופּען פאר'ן באָרד.

מנשה: מיר איז אלץ איינס. דאָבע, צוריק! נעם האק און פּאק און צוריק!

דאָבע: האָסטו אויף הוצאות?

מנשה: שא, שטיל, זאָג נישט אויס. אין מחשבות'ן, ווי ווערט מען דאָ עפּעס רייך? אין די גאסען, וועלכע איך בין דורכגעגאנגען, האָט זיך קיין געלד נישט געוואלגערט. אפשר האָב איך נישט געקוקט אונטער די פיס, ווייל איך האָב אלץ געדארפט פעררייסען דעם קאָפּ ארויף. איז ווי אן ערך...

נעלסאָן (וויכטיג, מעשה פּראָפעסאָר): אמעריקא איז א לאנד פון אונבעגרענצטע מעגליכקייטען. עס וואלגערט זיך טאקע גאָלד אין די גאסען, גאנצע אוצרות, נאָר דארף מען עס קאָנען דערזעהן און אויפהעבען. מען דארף דערקענען, אזוי צו זאָגען, די אייגענע מעגליכקייט. מאָמענט און פלאַן און געלעגענהייט און אייגענע פעהיגקייט. אונצעהליגע זיינען אהער געקומען אָהן א גראָשען געלד און זיינען דאָ געוואָרען ריעזיגע מיליאָנערען. אפשר זייט איהר אזא איינער.

מנשה: וואָס מיינט איהר? מיט פינף־און־צוואנציג יאָהר צוריק בין איך געקומען אין מאָסקווע מיט א הונדערט רובעל

אין קעשענע, א יונגערמאַנטשיקעל, ערשט פון דער איי ארויס, און א קליינשטעדטעלדיגער נאָך דערצו. און אין איינע פיער יאָהר בין איך שוין געוואָרען איינער פון די גרעסטע קאָמיביאָ־נערען. ווען נישט די גזרה אויף אידען — ווען נישט דאָס ארויסטרייבען פון מאָסקווע, ווער ווייס, וואו איך וואָלט יעצט געהאלטען. דער גירוש מאָסקווע האָט מיך גאנץ רואינירט. פּאָליציי האָט מיך אין גאנצען אויפגעגעסען, און צום סוף האָב איך ערשט געמוזט פערלאָזען מאָסקווע עירום ובחסר כל. ווי איך בין געקומען, אזוי האָב איך זי פערלאָזען. אין איהר ווייסט דאָך, ווי איך האָב מיך דערנאָך ארויפגעשלאָגען אין אונזער שטעדטעל. נישט צו פערזינדיגען געוועזען, ווי? וויפיעל האָט איהר איבערגענומען ביי מיר לעהר־געלט פאר איהם? האָב איך עפּעס גוט געצאָהלט, הא? האָט איהר א השגה, וויפיעל איך בין ווערט געוועזען? איז עס אָבער רוסלאנד. דארף זיין א פּאָגראָם, און אלץ ווערט פערברענט און צושטערט אין בערא־בעוועט. קוים מיט'ן לעבען זיך ארויסגעראַטעוועט. דאָס גאנצע קאַפּיטאַל אין איין טאָג אוועק, ווי נישט געוועזען.

נעלסאָן: איז וואָס מיינט איהר, פאר אזא מענשען ווי איהר קאָן אמעריקא טאקע ווערען א גאָלד־לאנד.

איידע: אוי, הלואי!

מנשה: ווארט נאָר, איך פערקאַשער מיינע ארבעל און ביים צונויף די ציין. עס מוז ווערען!

איידע: דאָס וועט עפּעס פאר אונז אלעמען א גליק זיין.

מנשה: עס מוז ווערען! איהר ווייסט, איך וואָלט דאכט זיך גלייך ארויסגעלאָפען אין גאס, גלייך עפּעס אָנגעהייבען צו טאָן, גלייך אָנגעהויבען צו זיבען, ווי איהר זאָגט, מיין מעגליכקייט. אין מחשבות'ן, וואָס העבט מען אָן צו טאָן? צו וואָס נעמט מען זיך?

נעלסאָן: עס היינגט אָב דערפון, וואָס איהר האָט אין קעשענע.

מנשה: לעבער. אַ צוגעווינד בלאָזט דאָרטין, אַז אַ סכנות נפשות. מען קען לייכט קריגען לונגענענטצינדונג און טשאַכאָטקע. און דערפון וועט מען דארפען אויסגעבען אויף א דירה, אויף א ביסעל מעבעל...

נעלסאָן: איך זעה שוין, איהר וועט מוזען ווערען א שניידער, ווי אלע אידען. נייען בלוזקעס אָדער הויזען, אויס־נייען לעבער, אייננייען קנעפּלעך, דערווייל וועט איהר זעהן אָפּשפּאָרען א ביסעל געלט, ווי אלע אזעלכע אידען טוען, און דערווייל וועט איהר אייך א ביסעל ארומקוקען...

מנשה (אין געדאנקען): יא, יא, איך פערשטעה. א ביסעל אַ צו לאַנגער וועג, אַ „פּאָלג־מיך־אַ־גאנג“. העב אָן מיט דער נאָדעל, כאָטש דו האָסט דיין גאנץ לעבען קיין נאָדעל נישט געהאלטען אין דער האנד, און ענדיג מיט — (זיפצט.) יא, יא! — נאַ, און איהר? ווי שטעהט עס דאָ מיט אייך? האָט איהר שוין דאָ ענטדעקט אייער מעגליכקייט? אָדער איהר מאכט זיך נאָך אַלץ נישט אויס פון געלט? איהר זייט דאָ דאכט זיך געוואָרען א גאנצער שרייבער?

נעלסאָן: א גאנצער שרייבער.

מנשה: און נו? ווי שטעהט עס מיט מיליאָנער ווערען?

אייזיק: יא, ער האָט שוין ביי מיר געבאָרגט פינף דאָלאר.

נעלסאָן: און נאָך נישט אוועקגעגעבען.

מנשה: זייט איהר הייסט עס געבליבען דער אייגענער. געלעבט פון האנד אין מויל, וועגען מאָרגען זאָל גאָט זאָרגען. גליקליך אזא מענש! און נאטירליך, סאָציאליזם, פערזאמלונגען, פארטייען — יא, יא, א יעדער האָט זיך זיין וועג אין לעבען. דאָס איז עס. א יעדער זיין וועג. בין איך געוועזען א סוחר, וועל איך ווערען א שניידער, דערנאָך — מען דארף פרעגען שפרה'ן, וואָס זאָגט זי דערצו. (געהט צו דער טיר לינקס, קלאַפּט אָן און עפענט זי פּאַמעליך אויף.) וואָס זאָגסטו עפּעס? זעה, דו ליעגסט גאָר? וואָס ליעגסטו? (געהט אריין אין צימער.)

אײדע: זי ליענט גאָר? (געהט אויך אַהין.)

איזיק: מסתמא שוין ווידער מיגרען. (געהט צו שפרה'ן.)

דאָבע (מאַכט אַ בעוועגונג אויפצושטעהן).

נעלסאָן (שנעל): האָט איהר מיך דערקאַנט. איהר ווייסט, אַז איהר האָט אייך גאָר נישט געביטען. נאָר דער פּאריק, וועלכען איהר טראָגט — פּע! — זאָגט דעם אמת, האָט איהר אָנגעטאָן דעם פּאריק, ווייל איהר האָט אַליין געוואָלט, אָדער ווייל איהר האָט אנדערש נישט געקאָנט, ווייל איהר האָט נישט געקאָנט געהן געגען אייער טאַטען דעם דיין און געגען אַלע ווילדע דאָרטין.

דאָבע (פערלעגען, שעמעוודיג): מען וואָלט דאָך דאָרטין געטייט אויף מיר מיט די פינגער, ווען איך וואָלט איהם נישט געטראָגען.

נעלסאָן: דאָ אָבער וועט מען אויף אייך טייטען מיט די פינגער, ווען איהר וועט איהם יאָ טראָגען. און ס'איז איינפאַך אַ פערברעכען, איהר זאָלט טראָגען אַ פּאריק. איהר האָט דאָך געהאַט אַזעלכע וואונדערבארע האָר. איך האָב מיר געווינשט, אַז אויב די רוסישע רעגיערונג וועט מיך אַ מאָל פער'משפט'ען צום טויט, זאָל איך אויפגעהאנגען ווערען אויף אייער צאָפּ, אויף מיין עהרענוואָרט. זיינען אייערע האָר אַלץ נאָך אַזוי שיין, אָדער איהר האָט זיי אָבגעשאָרען און אָבגעגאָלט? דאָס וואָלט געוועזען דאָס גרעסטע פערברעכען, וואָס איז בעגאַנגען געוואָרען אונטער'ן הימעל, אויף מיין עהרענוואָרט. וואַרט, דאָ קוקען זיי ארויס פון אונטער'ן פּאריק. דאָ קוקען זיי ארויס, די שיינע, בלאָנדע...

דאָבע (לאַכט).

נעלסאָן: איך בין אַ בעלן צו פאַלען פאַר אייך אויף די קני, איהר זאָלט אראָפּנעמען אייער פּאריק, און איך זאָל ווידער קענען בעוואונדערען אייערע האָר.

דאָבע (לאַכט).

נעלסאָן: וואָס קוקט איהר און לאַכט אזוי קאַלט און איראָניש? וואונדערט איהר אייך נישט, וואָס נאָך אזויפיעל יאָהרען האָב איך נאָך נישט פערגעסען, וואָס פאר א האָר איהר האָט געהאט? איך וועל אייך נאָך דערצעהלען, ווי איהר האָט זיי געטראָגען. איך געדענק נאָך גוט, ווי איהר פלעגט אייך פערקעמען. איך האָב אייך איבערהויפּט א האָר נישט פערגעסען. און ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווי איך האָב אייך שוין געוואָלט זעהן — איהר וואָלט דאָך אלין געלאכט אזוי קאַלט און נישט־ריהר־מיך־אָן, דיזעלביגע דאָבע רב קאַלמען דעם דיין׳ס, אָן אייז־קאַלטע שיינהייט, א פער׳כישופ׳טע פּרינצעסין, וועלכע איז פאַר איהר קאַלטקייט און שטרייגקייט בעשטראָפט געוואָרען מיט אן אַלטען מאַן!

דאָבע (שטרענג): גאָספּאָדין קאַטצענעלענסאָן!

נעלסאָן: אך וואָס, איך האָב ליעב צו זאָגען דעם אמת!

מנשה (בעווייזט זיך אין טיר, אייזיק און איידע הינטער איהם): אָבגעמאכט, איך ווער א שניידער! זעהט, ווי שנעל איך מאך א נאָדעל־פּאָדים. איינס—צוויי—פּארטיג! איך ווער א שניידער!

שווער צו זיצען איינגעבויגען,
ארויסצונעמען זיך די אויגען,
שווער, ׳ך לעבען, שווער —
דאָס שווער איך ביי מיין שער!
א מעלה איז דאָך א גרויסע
ביי אונזער שניידעריי:
מען קנאקט אריין א כוסה,
ווערט מען ווידער חי!

האַ־האַ־האַ־האַ! (אַריינגעמענדיג דעם באָרד אין האַנד, ערנסט, מיט א זיפץ.) רב מנשה ריוקין ווערט א שניידער!

פאָרהאנג.

צווייטער אַקט

אין אַ חדש ארום. ביי מנשה'ן. אַ קוים מעבלירט „פּראָנטרום" — אַ טיש אין מיטען צימער, אַ סאָפע צווישען ביידע מיט גאַרדינען פערהאַנגענע פענסטער ביי דער לינקער וואַנד, עטליכע שטולען. אין דער הינטער־וואַנד אַ גרויסע טיר צו דער קיך, אין דער רעכטער האַנד די טיר צו די אַנדערע צימער. — עס איז שבת־צו־נאַכט נאָך הבדלה. דאָס צימער איז בעלויכטען פון אַ גאַז־מאַנטעל און איז זעהר ריין און זויבער. אויפ'ן טיש ליעגט אַ טעפּיך־טישטוך. — פון דרויסען לאָזט זיך אָפּט הערען אַ פארבייגעהענדיגע עלעקטרישע קאַר. — מ נ ש ה, שבת'דיג אָנגעטאָן, געהט אום איבער'ן צימער און זינגט די זמירות: „אליהו הנביא, אליהו התשבי..." ד אָ ב ע, אין אייגענע האָר, מאָדיש פערקעמט, שטעהט פאַר'ן שפּיעגעל, וועלכער הייגגט רעכטס אויף דער הינטער־סטער וואַנד, און ענדיגט איהר טואַלעט.

מ נ ש ה (איבעררייסענדיג די זמירות): אָבער טיי וועסטו דאָך מיט מיר טרינקען?

ד אָ ב ע: איך וויל קיין טיי נישט.

מ נ ש ה: דאָס טעאַטער העבט זיך אָן האלב נאָך אכט, און נעלסאָן איז נאָך ניטאָ, קאָנסטו דיך דאָך אוועקזעצען און אויס־טרינקען מיט מיר א גלעזעל טיי.

ד אָ ב ע: אַז איך וויל קיין טיי נישט.

מ נ ש ה: איז ווי דו ווילסט דיר! וועל איך אליין טרינקען. אָבער דעם טיי צושטעלען און אָנגיסען?

ד אָ ב ע: אַז איך וועל פאַרטיג ווערען, קאָנסט דאָך אָבער אליין אונטערצינדען די גאַז און ארויפשטעלען דעם טשייניק.

מ נ ש ה: איך נע'פועל'ט. אָבער אָנגיסען דעם טיי וועסטו

מיר. (קוקט זי אָן, אָבער זי קוקט זיך אויף איהם נישט אום, און ער געהט אַרויס, דריקענדיג די ציין און אונטערבורטשענדיג די זמרות.)

דאָבע (וואַרפט איהם נאָך אַ בייזען, פערעכטליכען בליק).

מנשה (אריינקומענדיג, אונטערזינגענדיג און דורכגעהענדיג זיך אַ ביסעל איבער'ן צימער): און דו ביזט טאקע בייז? — קוקסט אפילו נישט אין מיין זייט, אזוי בייז ביזט דו. — וואָס פאר אַ טעם וועט האָבען דיין טעאטער, אז דו ביזט אזוי בייז? — זאָג דאָך כאָטש אַ וואָרט.

דאָבע: איך האָב נישט וואָס צו רעדען.

מנשה: איז וויים איך. איז האָב איך געהערט. האָסט נישט מיט מיר וואָס צו רעדען, איז פארטיג. (פּעסט דריקענדיג די ציין.) און אז איך וועל וועלען, דו זאָלסט מיט מיר רעדען?

דאָבע (פארטיג מיט איהר טואַלעט, נעמט אַראָב דאָס טעפּיך־טישטוך און לעגט עס צונויף).

מנשה: איך וויל, דו זאָלסט מיט מיר רעדען.

דאָבע: וואָס ביזט דו צוגעשטאַנען? וואָס טשעפּעסט דו זיך?

מנשה: קום זעץ דיך צו, קוק מיר גלייך אין די אויגען אריין, און איך וועל דיר זאָגען, וואָס איך טשעפּע מיך.

דאָבע: איך קאָן הערען פון וויטען.

מנשה: איך וויל, דו זאָלסט מיר קוקען אין די אויגען.

דאָבע: איך האָב נישט וואָס צו קוקען דיר אין די אויגען. איך האָב ביי דיר גאָרנישט גע'גנב'עט. (טראָגט אַוועק רעכטס אין צימער דאָס טישטוך.)

מנשה (געהט אום איבער'ן צימער אונטערזינגענדיג דעם זמרות־ניגון).

דאָבע (קומט אריין מיט אַ ווייסען טישטוך און לעגט עס אויפ'ן טיש).

מנשה (איבערנייסענדיג אַ ווייל
ע שפּעטער דאָס זינגען): מיינסט דו, אז איך בין געוואָרען אַ שניידער, בין איך געוואָרען

אויס מאַן? מיינסט דו, אז איך פערדיען וועניג, האָב איך פערלאָרען די דעה? איך בין ווייך, ווייך, און פלוצלונג — —

דאָבע: שרעק נאָר נישט די גענז.

מנשה: לאָמיר זיך דורכרעדען מיט גוטען, דאָבע. איך מיין עס גאַנץ ערנסט. נעכטען אין אָוועגד און היינט דעם גאַנצען טאָג האָב איך עפּעס דעם שבת נישט געוואָלט פערשטערען. האָבט דיך געבלאָזען, האָסט קיין פריינדליך וואָרט נישט געזאָגט, האָב איך געליטען, געקוקט און געשוויגען. אָבער יעצט וועט עס מיזען נעמען א סוף. איך האָב פיינט צו רעדען צו דער וואַנד. קום, זעץ דיך צו צו מיר און — (עס קלינגעלט.) שוין נעלסאָן?

דאָבע (געהט עפענען).

מנשה (געהט צו דער טיר): אָה, דאָס זייט איהר? (אייזיק און איידע קומען אריין.) גוט וואָך אייך, קינדערלעך.

אייזיק: גוט וואָך, טאַטע!

איידע: גוט וואָך, שווער. ווי געהט'ס? וואָס מאַכט איהר, דאָבע?

מנשה: ששש, זי איז בייז.

דאָבע: וועסטו אויפהערען!

איידע: וואָס איז עפּעס?

מנשה: אָט דאָס האָב איך מיך געוואָלט מיט איהר אויספּטענ'ען, איידער איהר זייט אריינגעקומען. טוט אייך אויס, קינדערלעך, לעגט אָב די מאַנטלען.

איידע: מיר זיינען נאָר אויף א ווייל'ע, דאָס זיינען מיר ארוים עפּעס קויפען.

מנשה (אראָבנעמענדיג פון איהר דעם מאַנטעל): דאָך, דאָך. וועט איהר טרינקען טיי מיט מיר, קינדערלעך?

אייזיק (אָבלעגענדיג זיין מאַנטעל): טיי זאָל זיין טיי. וואָס האָסטו עפּעס אויסגעמאַכט די וואָך, טאַטע?

מנשה: ששש, וועגען דעם שפּעטער. יעצט, דאָבע, טיי. דאָס וואסער מוז שוין קאָכען.

דאָבע (געהט אַרויס אין קיך).

מנשה (צו איידע'ן): ווערסטו אויך אזוי בייז? דו קאָנסט נישט אזוי בייז זיין.

איידע: אָט זאָל ער אייך זאָגען.

מנשה: און ווען ער פערדיענט ווייניג?

אייזיק: ווען פערדיען איך דען אַ סך?

מנשה: זיין מאמע האָט אויך נישט געקאָנט זיין אין כעס. — נו, יאָ. — האָסט דאָך געוואָלט וויסען, וואָס האָב איך אויסגעמאכט די וואָך? ניין דאָלער דרייסיג סענט.

איידע: הם!

מנשה: ווייניג, וואָס? דערפאַר ארבייט איך אָבער פינף און אַ האלב טעג בלויז.

איידע: ניין דרייסיג. ווי קאָן מען גאָר אויסקומען?

מנשה: אויסקומען מוז מען שוין. אָבער ווי קאָן מען ארויסקומען? ארויסדרעהען זיך פון שניידעריי און דערשלאָגען זיך צו עפּעס. זי איז אין כעס, וואָס איך — (עס קלינגעלט.) דאָס מוז זיין נעלסאָן. ער נעמט זי אין טעאטער.

איידע: נעלסאָן? זי אליין?

מנשה: נו, וואָס דען? ער קריגט אומזיסטע בילעטען. צוויי בלויז. קאָן איך דאָך נישט מיטגעהן. און צאָהלען האָב איך נישט —

דאָבע (קומט אַריין מיט דריי גלאָז טיי אויף אַ טאַץ).

נעלסאָן (הינטער איהר): אַ גוט אָוועגד אייך אלעמען.

דאָבע (אַוועקשטעלענדיג דעם טאַץ אויפ'ן טיש): דאָ האָט איהר טיי. יעצט געה איך.

מנשה: איז עס שוין אזוי שפּעט?

נעלסאָן: ניין, עס איז נאָך פריה, איהר קאָנט נאָך מיך אויך מכבד זיין מיט אַ גלאָז טיי.

דאָבע (אונגעדולדיג): איז עס דען נאָך אזוי פריה?

מנשה: אז ער זאגט, ווייס ער. (קוקט אויף זיין זייגערל.) עס איז ערסט קוים נאָך זיעבען. פויל דיך נישט און גיס איהם אָן א גלאָז טיי. אפשר וועסטו יעצט אויך טרינקען? איהר דארפט וויסען זיין, מיסטער נעלסאָן, זי איז ברגז.

דאָבע (געהט ארויס).

מנשה: זי וועט אייך נאָך פערדארבען דאָס גאנצע טעאַטער. סיידען איהר האָט עפּעס א תרופה צו כעס. עפּעס א מין בוימעל.

נעלסאָן: נאָר א פּאָר מאָל א לאָך טאָן, און יעדער כעס איז פארביי. און היינט וועט זי זיך שוין אביסעל אָנלאכען. — האָט איהר נאָך עפּעס פון אייערע רוסישע פּאפּיראָסען?

מנשה (גיט איהם זיין פּאָרטסיגאַר): זייט אייך מכבד.

דאָבע (קומט אריין מיט צוויי גלאָז טיי).

מנשה: זעהסט, איך האָב גאָר פערגעסען די בעסטע תרופה צו דיין כעס. געדארפט דיך א ביסעל קיצלען, דו זאָלסט לאכען.

נעלסאָן: דארף מען וויסען, פאר וואָס עפּעס אין כעס?

מנשה (צו דאָבע'ן): זאָל איך זאָגען? דעם דיין'ס טאָכטער איז אין כעס, פאר וואָס איך ארבייט נישט אום שבת.

איידע: אזוי גאָר?

מנשה: וואונדערסט דיך?

נעלסאָן: ניטאָ זיך וואָס צו וואונדערען. זי איז אויך גערעכט.

מנשה: שלעכט, איהר פערדארבט מיר די דאָליע!

נעלסאָן: ניין, אין ערנסט טאקע. וואָס זייט איהר מיט א מאָל פרום געוואָרען? איך געדענק דאָך גוט די צייט, ווען מיר האָבעןביידע געהאָרעוועט אום שבת.

דאָבע: און איך ווייס עס דען נישט, וואָס?

מנשה: אָבער איך האָב קיין מאָל אום שבת נישט געארבייט.

דאָבע: וואו האָסטו געזאָלט ארבייטען אום שבת? ביי אונז אין שטעדטעל?

מנשה: אויך אין מאָסקווע האָב איך נישט געארביים.

דאָבע: איך וויים נישט, וואָס אין מאָסקווע איז געוועזען.

מנשה: מיין עהרענוואָרט. אייזיק, דו גערענקסט דאָך א ביסעל די מאָסקוועער יאָהרען — ווי איז ביי אונז שבת צוגעגאנגען? איך האָב אפילו בריעף נישט אויפגעעפענט. גערויכערט, אָבער געשעפטס־בריעף נישט געלייענט. שבת איז שבת, האָב איך געזאָגט. גערוהט דאַרף ווערען! אוים געשעפט, קאָפּ פריי. איין מאָל אין וואָך מוז א מענש וויסען, אז ער איז קיין לאסט־פערד נישט. אזוי איז עס ביי מיר געוועזען אפילו אין מאָסקווע, אין א גויאישער שטאָדט.

דאָבע: נו, איז עס ביי דיר אזוי געוועזען אין מאָסקווע!

איידע: אָבער ווי קומט עס, איהר זאָלט וועלען, ער זאָל ארבייטען אום שבת?

מנשה: מיט דעם אראָבוואַרפען דעם פאבריק איז איהר דער קאָפּ אויפגעדעקט און אויפגעעפענט געוואָרען, און זי איז מיט א מאָל געוואָרען אַן אויפגעקלערטע.

דאָבע: וואָס איך בין געוואָרען, מאכט נישט אוים. איך זאָג אָבער, אז אויב דו האָסט געקאָנט רויכערען פאפּיראָסען אום שבת, קאָנסטו אויך ארבייטען אום שבת, און אַז דאָ ארבייטען הונדערטער טויזענדער אידען, וועלכע האָבען אין דער היים נישט גערויכערט אום שבת, מאָגסט דו דאָך א ודאי. און אַז דו ארבייטסט נישט, זאָג איך, אז דו פוילסט דיך, אז דו ווילסט נישט ארבייטען, אז דיך ארט נישט, אז דו פערדיענסט ניין דאָלאר א וואָך, באָטש דאָס מיינט אייביגע אָרמקייט.

מנשה (הארט): דו ווייסט, אז דו זאָגסט ליגען.

נעלסאָן: אָבער, מיסטער ריווקין!

מנשה: זי זאָגט ליגען! זי וויים, אז איך פויל מיך נישט.

זי ווייס, אז איך וואָלט געארבייט יעדען טאָג כאָטש פיער־און־צוואנציג שעה.

נעלסאָן: אָבער אין א כשר'ען אידישען שאפ, וואו מען ארבייט נישט שבת, קאָנט איהר זיך דאָך נישט ארויפארבייטען!

מנשה: דאָס איז וואָס אנדערס. זאָל זי מיר אָבער נישט זאָגען, אז איך פויל מיך.

נעלסאָן: פוילט איהר אייך נישט, איז דאָך אן עברה אייערע כחות.

מנשה: שבת ארבייטען וועל איך נישט. וואָס איך האָב נישט געטאָן אין מאָסקווע, וועל איך נישט טאָן אין ניו יאָרק.

נעלסאָן: אין מאָסקווע האָט איהר נישט געדארפט, דאָ מוזט איהר עס. אין מאָסקווע זייט איהר געווען רייך, האָט איהר אייך געקאָנט פערגינען אזא לוקסוס, דאָ אָבער איז עס א ברויט־פראגע.

מנשה: ווען איך וואָלט אין מאָסקווע געפיהרט געשעפט אום שבת, וואָלט איך פיעל רייכער געווען, און ווען איך וואָלט קיין איד נישט געוואָלט זיין, וואָלט איך נאָך יעצט געווען אין מאָסקווע און וואָלט פון קיין שום צרות נישט געוואוסט.

נעלסאָן: א איד בלייבען און שבת ארבייטען זיינען צוויי בעזונדערע זאכען.

מנשה: דער שבת איז ביי מיר א נשמה־זאך, און איך וועל מיין נשמה נישט פערקויפען פאר א רובעל.

דאָבע: און איך זאָל פער'חשך'ן אין אָרמקייט, אָבאר־בייטען זיך אויף וועש וואשען, אויסגעריסען ווערען נאָך מיינע יאָהרען און טעג.

מנשה: איך וועל שבת נישט ארבייטען.

נעלסאָן: פון וואנען קומט צו אייך פלוצלונג אזא פרינ־ציפען־פעסטקייט?

מנשה: נישט אומזיסט זיינט איהר געווען א לעהרער ביי מיר אין שטוב אזויפיעל יאָהר.

נעלסאָן: איהר שמעכט זיך?

מנשה: איך מיין עס ערנסט. זייט איהר דאָך געוועזען בערייט צו זיצען אין אָסטראָג און צו געהן אין סיביר פאר אייערע פרינציפּען. און וואָס זייט איהר יעצט? נישט קיין סאָציאַליסט? האָט איהר זיך דאָ עפּעס געביטען?

אייזיק: האהאהא! אויב דו וועסט וועלען ווייטער אָבלערנען זיך פון איהם, טאטע, וועסט דו מוזען אָנהעבען ארבייטען אום שבת. זעהסט דו דעם סאָציאַליסט? ער שרייבט אין נישט־סאָציאַליסטישע צייטונגען גאנץ נישט־סאָציאַליסטישע ארטיקלען.

נעלסאָן: און בין נישט קיין ערגערער סאָציאַליסט ווי געוועזען. עס איז ביי מיר א לעבענס־פראגע. איך מוז מאכען א לעבען. איך מוז עסען. גיט מיר א סאָציאַליסטישע צייטונג און בעצאָהלט מיר גוט, וועל איך אייך שרייבען סאָציאַליזמוס, אָבער אז איך האָב נישט קיין סאָציאַליסטישע צייטונג, שרייב איך אין א קאפּיטאַליסטישער, און נאטירליך מוז איך שרייבען, וואָס מיין ברויטגעבער פערלאנגט.

מנשה: אזוי איז עס מיט אייך? (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.) איך וועל מיך פון אייך מעהר גאָרנישט אָבלערנען... דאָבע, דו וועסט נישט — גאָרנישט, גאָרנישט. עס מוז שוין שפּעט זיין, איהר דארפט שוין געהן אין טעאטער. ווייסט איהר, נעלסאָן, אלס קאטצענעלענסאָן ביי אונז אין שטעדטעל זייט איהר מיר א סך מעהר געפעלען געוועזען.

נעלסאָן: איך האָב מורא, אז איך וועל עס אייך דארפען זאָגען. איהר ווערט א פאנאטיקער.

מנשה: דאָס, וואָס איהר זייט געוועזען. און איך וועל אייך בעטען, רעדט מיט איהר, מיט מיין ווייב, וועגען טעאטער, אקטיאָרען, וועטער, פאר־א־יאָהריגען שניי, אָבער נישט וועגען אייערע נייע געדאנקען און אידעען.

נעלסאָן: אפשר וועט איהר מיר אויפשרייבען דאָס גע־

שפּרעך? האהאהא... נא, איך וועל זי שוין פון וועג נישט אראָב־פיהרען.

דאָבע (אָנגעטאָן אין מאַנטעל): קומט, עס איז שפּעט.

נעלסאָן: יא, מיר געהען, א גוטע נאכט אייך אלעמען. נאָך א רוכ־ישען פּאַפּיראָס? איך וועל נעמען עטליכע. מאָג איך? דהענק יו! גוטע נאכט. (גיט אַלעמען די האַנד.)

דאָבע (אין טיר): גוטע נאַכט.

מנשה: ווילסט גאָר קיין האנר נישט געבען? מילא מיר — ביזטו ברגז, אָבער אייזיק'ען און איידע'ן?

דאָבע (געהט אַוועק. נעלסאָן נאָך איהר).

מנשה: איהר דארפט אויף איהר קיין פּאראיבעל נישט האָבען.

איידע: איך וואָלט זי נישט געלאָזען געהן אליין מיט נעלסאָנ'ען אין טעאטער.

מנשה: דו וואָלסט נישט — וואָס וואָלסטו נישט? — וואָלסט דו געוואָלט, אז אייזיק זאָל דיך נישט לאָזען מיט נעלסאָנען אליין?

איידע: איך ווייס נישט, איך —

מנשה: רעד קיין נארישקייט נישט.

אייזיק: טו אזוי ווי איך.

איידע: דו שווייגסט דאָך גאָר.

אייזיק: דאָס מיין איך טאקע. — און יעצט קום.

מנשה: ווארט נאָך, קינדערלעך. וואָס איילט איהר אייך? דער אָוועגד האָט זיך דאָך ערסט אָנגעהויבען, די קראָמען זיינען שפּעט אָפען. ווארט כאָטש ביז שפּרה וועט קומען. איך וואָלט מיט דיר געשפּיעלט א שאָך, האָבען די פּאַגראָמטשיקעס צובראָכען מיין גוטען שאָך, און צו קיין נייעם האָב איך מיך שוין מעהר נישט דערשלאָגען. (צו איידע'ן.) איז מיינסטו אויך, אז איך האָב זי נישט געדארפט לאָזען?

איידע: אויך? ווער מיינט עס נאָך? קיינער מיינט

עס דאָך נישט, און ביי מיר האָט זיך ארויסגערעדט א נארישקייט.

מנשה: און מיינט איהר, איך האָב אויף איהר פאר־איבעל, וואָס זי איז אין כעס? עס איז אויף איהר טאקע א גרויסער רחמנות. זי האָט דאָך איהר גאַנץ לעבען נישט געוואשען קיין וועש. און וואָס מיינט איהר, האָבען אי אן אלטען מאן אי קיין ברויטגעבער נישט — — — —

דאָבע: אך, אן אלטען מאן!

מנשה: מיט נײַנצעהן יאָהר עלטער פאר איהר. — ווייסט איהר, מיט שניידערײַ וועט זיך גאָרנישט אויסלאָזען. איך וועל מוזען אָבזאָגען זיך פון שניידערײַ. שבת ארבייטען וועל איך נישט, בשום אופן נישט. זאָל זיין, אז דאָס איז ביי מיר א קאפריז, א משוגעת. איך וועל מיך נישט אונטערגעבען! אין דער פרייער אמעריקא פערקויפען זיך דעם דאָלאר? בשום אופן נישט! אָט פיהר איך אויס און טראָג מיין באָרד. לאכט מען פון מיר, זאָל מען לאכען. און ווער לאכט? שקצים! לויפערס! די רוסישע שקצים נישט נאָכגעגעבען, און די אמעריקאנער שקצים יאָ נאָכגעבען? און דער אמעריקאנער דאָלאר וועט ניט זיין שטארקער ווי דער רוסישער רובעל. שבת איז ביי מיר שבת. מיין רוה־טאָג. גערוהט צוזאמען מיט גאָט, האהאהא... נו, וואָס שוויינט איהר אזוי איידע? (גלעט איידע'ס האַנד.) קעצעלע מיינס! וואָס גיט מען היינט אין טעאטער? ווען איך האָב געלד, געהען מיר יעצט אלע דריי אין טעאטער. ווארט, איך וויים אפילו נישט, אין וועלכען טעאטער זי איז געגאנגען. דאָ זיינען דאָך עפּעס פאראן א סך טעאטערס. נו, איז ז'צען מיר אין דער היים.

אייזיק: צו וואָס ווערסטו דיך יעצט נעמען, טאטע?

מנשה (ווי אויפגעוואכט): צו וואָס? — אך, יאָ... דאָס איז שוין ביי מיר אן אָבגעמאכטע זאך. איך בעווייז עס גלייך. (איילט אַרויס אין קיך.)

איידע: א רחמנות אויפ'ן טאטען.

אייזיק: נאָר פאַרזיכטיג רעדען מיט איהם. ער האָט וואונדען אין הארצען און מען דארף שטארק פאַרזיכטיג זיין מיט ווערטער, וועלכע קאָנען בלויז שיטען איהם זאַלץ אויף די וואונדען.

איידע (זיפצט): יאָ, יאָ. (זיצען שטיל.)

מנשה: (קומט אריין מיט א גרויסען זאַק): דאָס!

אייזיק: ווי?

איידע: אַ זאַק איז עס דאָך!

מנשה: נו יאָ, אַ זאַק. (וואַרפט אַרויף דעם זאַק אויף דער פּליינצע.) אַי קעיש קלאָטה! אַי קעיש קלאָטה! אַי קעיש קלאָטה!

שפרה (קומט אַריין): גוט וואָך! וואָס איז דאָס?

איידע (מיט גרויס שרעק אין די אויגען): אַ פּעדלער וויל ער ווערען!

מנשה: האָט עס דיך אַזוי דערשראָקען? קעצעלע מיינס! וואָס פאַר אויגען זי האָט דאָס געמאכט! מיט וואָס איז עס ערגער און מיאוסער ווי שניידעריי? אַבי נאָר עהרליך דאָס ברויט פערדיענען. און איך האָב אויסגעפונען, אַז מיט פּעדלעריי קאָן איך אַ סך בעסער אויסמאכען. אויסערדעם בין איך מיר מיין אייגענער בעל הבית, און שבת איז שוין גאָר קיין פראַגע נישט. איך בין געווען אַ סוחר און מוז זיין אַ סוחר. צו פּעדלעריי דאַרף מען האָבען אַ ביסעל קאָפּ און אַ סך שטימע, און דאָס האָב איך. הערט נאָר, ווי דאָס וועט ביי מיר קלינגען, ווי ביי אַן אמת'ען בעל־תפלה. (לעגט אונטער אַ פינגער אונטער דער גאָרגעל.) „אַי קעיש קלאָטה! אַי קעיש קלאָטה!“ גוט, האַ? (צו איידע'ן.) וואָס וויינסטו, נאַרעלע? זי וויינט נאָר! האַ־האַ־האַ!...

אייזיק: קום, איידע, מיר וועלען געהן.

מנשה: געהט, געהט, קינדערלעך. מיט מיר איז איצט דאָ נישט פרעהליך. (צו איידע'ן.) אויף מיין נגינה פערשטעהסטו זיך נישט. געה, איך האָב פון דיר מעהר געהאַלטען.

איידע: איז אַז נישט שניידעריי, מוז עס זיין פּעדלעריי?

מנשה: איך קאָן אויך זיין אַ באַנקיר, אויב דו ווילסט. איך פערשטעה מיך גאַנץ גוט אויף באַנקגעשעפט. אָבער צוערסט, פערשטעהסטו, מוז איך דורכגעהן די שולע פון פּעדלעריי. דאָס איז שוין דאָ אזוי. האָסטו דאָס גאָר נישט געהערט פון נעלסאָנען?

אייזיק: אַ גוטע נאַכט, שפרה!

מנשה: אַ גוטע נאַכט, אייזיק! אַ גוטע וואָך, זוהן! ווערסט דיך דאָך ניט שעמען מיט דיין טאַטען.

אייזיק: וואַרט נאָך, אפשר מאַכען מיר נאָך שותפות.

מנשה: איך אויף איין זייט גאַס, דו אויף דער אנדערער! גוט!

אייזיק (קלאַפּט איהם אויפ'ן רוקען גוט־ברידערליך און ליעבע־פול און געהט צו דער טיר).

איידע (דורך טרערען): אַ גוטע נאַכט, שווער! אַ גוטע נאַכט, שפרה!

מנשה: אַ גוטע נאַכט דיר, קינד מיינס. (צערטעלט איהר האַנד.) וואַרט, איך וויים נאָך ניט, צו זאָל איך איהר זאָגען פון מיין נייער בעשעפטיגונג אָדער נישט. זי קאָן נאָך גאָר נעמען און אנטלויפען פון מיר, העהעהע. איהר וועט אפשר גאָר נישט פערשטעהן. אָדער — אָדער — — איהר זאָגט איהר גאָרנישט. איך וועל שוין זעהן. איך וועל מיר — אַ גוטע נאַכט דיר, קעצעלע! (בויגט איין איהר קאָפּ און קוסט זי.) האַנדעל איז גוטע מציאות. איך האָב אפילו פערגעסען צו פרעגען, וואָס איהר געהט קויפען. נאַ, אַ גוטע וואָך אייך.

אייזיק און איידע (געהען אַוועק).

שפרה (וועלכע איז געשטאַנען אין מיטען צימער מיט אַ שווערען, ליידענדיגען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט, אָפּט צומאַכענדיג די אויגען אין טיעפען שמערץ און קוים ענטפערענדיג אייזיקען און איידען אויף זייער „גוטע נאַכט", ווענדט זיך יעצט אָב או העבט אָן אָראָבצונעהמען פון זיך דאָס היטעלע און דעם מאַנטעל).

מנשה: נו, און דו, וואָס ביזטו אזוי געשטאַנען, אז אָט־

אָט פאַלסטו אין חלשות? וואָס האָסטו געדענקט, וועט דיין פעטער דאָ ווערען?

שפרה (טראָגט אַריין איהרע זאַכען אין דאָס אַנדערע צימער).

מנשה: העהעהע. (נעמט דעם זאַק, בעטראַכט איהם פון אַלע זייטען און קריכט אַריין מיט דער האַנד, צו זעהן, ווי טיעף ער איז. לאַכט ווידער.) העהעהע. „אי קעש קלאָטה!"

שפרה (קומט אַריין): וואו איז עפּעס די מוהמע?

מנשה: אין טעאַטער. מיט נעלסאָנען אַוועק אין טעאַטער. ער האָט געבראַכט צוויי בילעטען, דריי קריגט ער נישט. איי־גענטליך, פאַר וואָס זאָל אַ קריטיקער נישט קריגען דריי בילעטען? און ווי, אַז ער האָט אַ ווייב און אַ שוויגער? העהעהע. זעה נאָר, פאַר אַן ערנסט געזיכט! איך מאַך אַ וויז, און דו לאַכסט גאָר נישט. ביזט אויך דאַגעגען, וואָס איך האָב זי געלאָזען געהן מיט נעלסאָנען אַליין אין טעאַטער?

שפרה: איך בין גאָר הונגעריג. איך גיה מיר נעמען מיין עסען. (געהט אין קיך.)

מנשה (אין טיר): זעהסט טאַקע, איך האָב גאָר פערגעסען, אַז דו דאַרפסט עסען. ווייסט דו, איך וועל אויך עפּעס עסען. מיר וועלען מאַכען אַ סעודה. וואַרט, דו מאַך צורעכט די גע־ריכטען, און איך דעק דאָ דעם טיש. (נעמט אַראָב די גלעזער, לעגט אַרויף אויפ'ן טיש מעסער, גאָפּעל, טעלער, ברויט און זאַלץ, אונטער־זינגענדיג אונטער דער נאָז.) „אי קעש קלאָטה!" „אי קעש קלאָטה!"

שפרה (אַריינברענגענדיג דאָס עסען): איהר חזר'ט איין, איהר זאָלט ניט פערגעסען.

מנשה: ווי? וואָס מיינסטו? אָה, „אי קעש קלאָטה"! העהעהע. גאַניץ אין געדאַנקען עפּעס. גאַניץ אין געדאַנקען.

שפרה (זעצט זיך און הויבט אָן צו עסען).

מנשה (טוט עס אויך): איז וואָס זאָגסטו צו מיין נייער בעשעפטיגונג?

שפרה: אַ בעשעפטיגונג ווי אַלע. וואָס מאַכט עס אויס,

צו איהר האָט אָבגעשטעפּט א בלוזקע אָדער אָבגעקויפט אן אלטען ראָק?

מנשה: געזונד זאָלסטו מיר זיין. זי אָבער, דאָבע, האָב איך מורא, וועט זיך שטעלען אויף די הינטערפיס, וועט מאכען א סקאנדאל מיט א יללה. זי דעם דיין׳ס טאָכטער! דאָס שטעהט אין אונזערע תנאים נישט, אז איך זאָל ווערען א פּעדלער.

שפרה: און א בלוזקע־נייהער?

מנשה: דאָס איז עפּעס גאנץ אנדערס. דאָס איז דאָך נעלסאָן אויך געוועזען, איידער ער איז געוואָרען א שרייבער. האָט ער, הייסט עס, געאַדעלט די פּראָפעסיאָן. ווייסט, איך האָב אַלץ דיר נישט געוואָלט גלויבען וועגען איהם, וועגען נעלסאָנען. איך האָב געמיינט, ווייל איהר האָט געהערט צו פערשיעדענע פּאר־טייען — אן אַלטע שנאה. אָבער יעצט ווייס איך, אז ער טויג טאַקע נישט. וואָלסטו דאָ געהערט פון איהם דיבורים! איך האָב זי נישט געדאַרפט לאָזען מיט איהם אין טעאַטער.

שפרה: שלאָגט אייך עס ארויס פון קאָפּ, פעטער. א וואָרים טאָטשעט אין אייך און גאנץ אומזיסט.

מנשה: איך האָב איהר שוין געוואָלט זאָגען, אז זי וועט נישט געהן. אָבער איך האָב מיך אָבגעשטעלט, פערכאַפּט זיך.

שפרה: גאנץ גוט געטאָן.

מנשה: נישט אזוי וואָס? נאָר א סקאנדאל וואָלט ארויס־געקומען און נישט מעהר. ווארט, איך וועל איהם אָבטאָן. איך וועל ווערען א פּעדלער, וועט ער זיך שעמען ארומצוגעהן מיט דער ווייב פון א פּעדלער, האַ־האַ־האַ. וואָס זאָגסטו צו דעם איינפאַל? האַ־האַ־האַ! אַך, דו לאַכסט אַלץ נישט!

שפרה: אייערע וויצען זיינען ביטער, פעטער. שלעכטע וויצען פון אן אונרוהיגען הארץ, איבער זיי לאַכט מען דאָך נישט. איך ווייס, איהר קאָנט מאכען בעסערע וויצען. איך ווייס, ווי איהר קאָנט לאַכען. ווארט, איך וועל אייך גלייך פרעהליך מאַכען.

וואונדערט אייך, איך וועל אייך פרעהליך מאכען. (איילט אין דאָס צווייטע צימער.)

מנשה (לעגט אַוועק דעם קאָפּ אויפ'ן ברעג טיש, זיצט אַזוי אַ ווײלע, נעמט ארויס דאָס טאַשענטוך און טריקענט זיך די אויגען, שטאַרקט זיך, עטעמט אָב און נעמט זיך צום עסען).

שפרה (קומט אריין מיט אַ פּעקעל בריעף אין האַנד): איך האָב בריעף.

מנשה: בריעף?

שפרה: נאָך בריעף. אַ סך.

מנשה: אהא! נו?

שפרה: זעהט נאַר. אַלע, וועלכע האָבען אָנגעפרעגט מיין אַדרעס דורך דער צייטונג, האָבען יעצט צוגעשיקט בריעף. דער סאן פראנציסקאָער, דער אָמאהאר, דער האמילטאָנער, אלע, אַלע. אַלע ווילען זיי האָבען די געוועזענע גימנאזיסטקע און רעוואָלוציאָנערקע.

מנשה (פריידיג): נו, נו!

שפרה: „נו, נו!" יעצט העבט זיך דאָך אָן די גאנצע צרה, די גאנצע שווערקייט.

מנשה: די „צרה"? די „שווערקייט"? קינד, דאַרפסט דאָך גאָט דאנקען, אזויפיעל ווילען דיך!

שפרה: הא־הא־הא, איך קאָן דאָך אָבער אַלעמען נישט נעמען!

מנשה: אי, אי, אי, אי, אי! יעצט זעה איך!

שפרה: צופיעל, זעהט איהר, איז אויך נישט גוט. וואָס טו איך מיט אזויפיעל אָנבאָטונגען? וועמען קלייב איך אויס?

מנשה: ווארט, לאָז זעהן די בריעף.

שפרה (איבערגעבענדיג איהם די בריעף): אַלע אויף איין נוסח כמעט. איך האָב שוין געפּרואווט אפילו שטודירען די האַנדשריפטען, טאָמער וועל איך אָן זיי קאָנען דערקענען די כאראקטערען פון די שרייבער, אפילו די נעמען האָב איך שטודירט.

גאָרנישט. איך קאָן נישט קלוג ווערען. איין בריעף נאָר נעמט זיך אוים פון אַלע. וואַרט לאָזט זעהן. אָט אַ דער, פון טשיקאַגאָ. איך זאָל ווארטען צוויי חדשים. איך זאָל נישט פערלירען די געדולד און ווארטען, ביז ער וועט קומען אין ניו יאָרק אין צוויי חדשים ארום. — יוסף ניימאַן. — עפּעס דער טאָן, אין וועלכען ער שרייבט, די פּעסטקייט און קורצקייט פון די שורות — —

מנשה: ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגען? מיר וועלען ציהען די בריעף.

שפרה: גוט! גרויסארטיג! ווארט, מיר וועלען נעהמען אייער זאַק.

מנשה: צו גרוים.

שפרה: מאַכט נישט, אַזויפיעל דאָך. און איך וויל, פּער־שטעהט איהר מיך, אריינטאָן מיין מזל אין דעם זעלבינגען זאַק, אין וועלכען איהר ווילט אריינטאָן אייער מזל.

מנשה: דאָס איז פיין געזאָגט. פיין. גוט. אהער גלייך מיט די בריעף. שמיים זיי אריין. שמיים זיי אריין. (שטעלט אָן דעם זאַק.)

שפרה (וואַרפט אַריין די בריעף).

מנשה: אַזוי. אַלע? קיינער נישט געבליעבען? האָסטו נאָך וועלכע ביי דיר אין דער טאַשע?

שפרה: אַלע, אַלע. אַלע אין דעם זאַק אריין. דער סאַן פראַנציסקאָער און דער אָמאַהאַר און דער טשיקאַגאָער און — —

מנשה: ווער זאָל ציהען? איך צו דו?

שפרה: איך, פּעטער. דאָס וועט הייסען, לאָז דיך טיעף אראָב און נעם דיר אַ מאַן.

מנשה: וואָס הייסט, לאָז דיך טיעף אראָב?

שפרה: איך מיין, אין זאַק.

מנשה: ניין, איך פערשטעה דיין מיין. דו מיינסט, דו זינקסט טיעף, ווען דו טוסט עס. דו דאַרפסט אָבער אויף דעם אַזוי נישט קוקען. איך וועל דיר אָט וואָס זאָגען. קוק אויף דעם

ווי אויף אַ גאָט־זאַך. דו גלויבסט אפילו נישט אין בעשערט, אָבער זעהסט דאָך: אָט שטעהסטו פאַר אַ סך, וועלכע ווילען דיך, און דו וועסט אויסקלייבען דעם בעשערטען. ציה, שפרה׳טשקע, ציה! (עפענט פערנאַנדער דעם זאַק.)

שפרה (צולאַכט זיך): האַ־האַ־האַ, איהר מיינט עס טאַקע מיט׳ן גאַנצען אמת?

מנשה: פאַר וואָס נישט? ווערט מען דאָך בעגליקט פון אַ לאָטעריי־צעטעל. ציה, שפרה׳טשקע, ציה, און זאָל זיין מיט מזל און מיט גליק.

שפרה (היסטעריש, מיט דער לינקער האַנד אויף׳ן מויל, די אויגען פול טרערען, העבט אָן לאַנגזאַם אַראָבצוזוכען די רעכטע האַנד אין זאַק. לאַכט אויף מיט טרערען אין קול). דאָ שטעה איך מיט אַלע מיינע אידעען און אידעאַלען הינטער מיר און וויל מיר אַרויס־נעמען אַ מאַן פון זאַק! גימנאַזיום, רעוואָלוציע, סאָציאַליזם, אָסטראָג, נייער גאָט און נייע הימלען — — האַהאַהאַ... (וואַרפט זיך אויף׳ן טיש, אויסברעכענדיג אין אַ יאָמער.) לעבען, וואָס האָסטו געמאַכט פון מיר! לעבען, וואָס וועסטו נאָך פון מיר מאַכען?!

מנשה (פערלאָרען, אַריינגעמענדיג דעם זאַק אין איין האַנד, מיט דער אַנדערער גלעטענדיג איהר קאָפּ, בערוהיגענדיג זי): ששש... נו, וואָס איז צו מאַכען? וואָס איז צו מאַכען? זעהסט דאָך, וואָס איך? וואָס איך? (קעמפּפט מיט טרערען, בייסט זיך די ליפּען, וויינעריש.) „אי קעש קלאָטה!“ „אי קעש קלאָטה!“

פאָרהאַנג.

דריטער אַקט

צוויי חדשים שפּעטער. — דאָס זעלבע צימער. — נעלסאָן געהט אַרום אויפגערעגט, דאָבע שטעהט ביום פאָרנסטען פענסטער.

נעלסאָן (וואַרפט אַוועק זיין פּאַפּיראָס אין שפּיי־קעסטעל מיט האַרץ): פוי! — קאַלט! אייז! קיין האַרץ גאָר נישטאָ! א מענש קאָן לעבען איהר פערבלוטיגען, און זי וועט שטעהן און קאַלטבלוטיג אַרויסקוקען אין פענסטער. דרעהט כאָטש צו צו מיר אייער געזיכט, לאָזט מיך אייך כאָטש זעהן!

דאָבע (דרעהט זיך אום צו איהם מיט'ן געזיכט).

נעלסאָן: דאָ שטעהט זי מיט איהר שיינעם פּנים און איהרע וואונדערבאַרע אויגען — און גאָרנישט! ספינקס! ספינקס! רעטענים! מיסטעריום! פּרוי, וואָס בעהאַלטסטו אין דיין ברוסט?

דאָבע: איהר שפּיעלט גוט טעאַטער.

נעלסאָן: איך שפּיעל גוט טעאַטער! איך פיהל, אַז איך ווער משוגע, און ביי איהר הייסט עס, איך שפּיעל טעאַטער! וואָס זאָל געשעהן מיט מיר, אַז איהר זאָלט וויסען, אַז איך שפּיעל נישט טעאַטער? זאָל איך טאַקע משוגע ווערען? זאָל איך זעלבסט־מאָרד בעגעהן? אַז איך האָב מיין קאָפּ פערלאָרען, אַז איך קאָן נישט אַרבייטען, אַז איך קאָן נישט שלאָפען, אַז איך געה אום ווי א משוגע'נער, איז אייך ווייניג? געהט און הערט זיך צו, וואָס מען רעדט יעצט וועגען מיר און מיינע קרייזען, וועט איהר וויסען, אין וואָס פאַר א צושטאַנד איך געפין מיך. די גאַנצע וועלט רעדט דערפון, אַז איך מוז משוגע פערליעבט זיין, נאָר איהר אליין ווילט עס נישט איינזעהן! די גאַנצע וועלט קוקט אויף מיר מיט רחמנות און מורא, אַז מיט מיר זאָל עפּעס ניט געשעהן,

נאָר איהר אַליין קוקט מיך אָן מיט קאַלטע אייזיגע אויגען, און איך מאָג כאָטש אַ מיתה משונה איננעמען. איך וועל מיך, דאַכט זיך, באַלד צואַוויינען, אויף מיין עהרענוואָרט. אוי, איך וואָלט, דאַכט זיך, עפּעס... (זעצט זיך און פאַרגראָבט דאָס געזיכט אין ביידע הענט.)

דאָבע: ווי אַלט זייט איהר, מיסטער נעלסאָן?

נעלסאָן (היציג): איך בין מיט זעקס יאָהר עלטער פאַר אייך אין די מעטריקעס, אָבער אין דער ווירקליכקייט זייט איהר זיעבציג און איך בין זיעבצעהן.

דאָבע: זייט איהר דאָך טאַקע נעביך משוגע צו נעמען און צו פערליעבען זיך אין אַ זיעבציגיעהריגער פרוי.

נעלסאָן: בין איך טאַקע משוגע, וואָס איך האָב מיך פערליעבט אין אייך, אין אַזאַ קאַלטער אויסגערעכענטער אַוואַנ־טיוריסטקע.

דאָבע: וואָס בין איך?

נעלסאָן: ווען איהר וואָלט נישט געווען קיין פערהייראַטע, וואָלט איהר זיך געהאַלטען אייזקאַלט געגען דעמיעניגען, וואָס וואָלט געהאַט דאָס אומגליק צו פערליעבען זיך אין אייך, און וואָלט איהם געטריבען צו דער העכסטער פערצווייפלונג, ביז ער וואָלט געמוזט חתונה האָבען מיט אייך. און איצט, אַז איהר זייט פערהייראַט, ווילט איהר מיך משוגע מאַכען און אריינטרייבען אין פערצווייפלונג, ביז איך זאָל כאַפּען אַ האַק אָדער אַ רעוואָלווער און הרג'ענען ריווקינען און אייך בעפרייען פון איהם, און דאַן חתונה האָבען מיט אייך. אָבער די חתונה וועט דאַן מוזען זיין אויף דעם עלעקטריק־שטול. (ווילד.) איהר פערשטעהט, אויף דעם עלעקטריק־שטול!

דאָבע: נעלסאָן, איך וואָלט אייך געראַטען, איהר זאָלט געהן אַהיים און אויסשלאָפען זיך. איהר ווייסט נישט, וואָס איהר רעדט.

נעלסאָן (וויעדער פערגראָבענדיג דאָס געזיכט): איך ווייס

נישט, וואָס איך רעד, איך ווייס נישט, וואָס איך שרייב, איך ווייס נישט, וואָס איך טו, איך ווייס נישט, אויף וואָסער וועלט איך בין. איך ווייס בלויז, אז איך בין אונגליקליך.

דאָבע: איך בין אין דעם ניט שולדיג. איך האָב ניט געהייסען אייך פערליעבען זיך אין מיר.

נעלסאָן: קאַלטער גזלן! אַט אַזוי אַ זייט איהר דאָך אויך געזעסען פאַר צוועלף יאָהרען ביי אייער טאַטען אין שטוב, אַ נישט־ריהר־מיך־אָן, פראַסטיג קאַלט, ווי אַן אייזערנע קליאַמקע אין ווינטער, צו וועלכער מען טאָר נישט צולעגען אַ האַנד, און נישט אויסגעמאַכט זיך פון אַלע קרבנות. (שרייט אויף.) איהר זייט אַ מענער־מערדערין! אַ מענער־מערדערין זייט איהר! און איהר האָט אייך גאָרנישט אָבגעלערנט! יעמאָלט האָט איהר אַזוי געטריבען, אַז אַלע מענער זיינען זיך פון אייך צולאָפען ווי פון פייער, און יעצט אויך — —

דאָבע: אנטלויפט פון מיר. איך האַלט אייך נישט. איך האָב אייך נישט געבעטען, איהר זאָלט צו מיר קומען.

נעלסאָן: דאָס איז נישט אמת! איהר האָט מיך יאָ געבעטען! איהר האָט געוואָרט אויף מיר! איהר האָט אייך געלאָזען נעהמען פון מיר אין טעאַטער. איהר האָט אייך צוגע־הערט צו אַלץ, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. פון מיינעטוועגען האָט איהר אַראָבגענומען דעם פּאַריק — —

דאָבע: איך וואָלט איהם סיי־ווי־סיי אַראָבגענומען.

נעלסאָן: אייער גאַנצע פרומקייט האָט איהר אַוועקגע־וואָרפען דורך מיינע רייד!

דאָבע: אַזאַ פרומקייט איז עס געווען.

נעלסאָן: און אַז איהר זייט נישט פרום, און אַז איהר זייט שטענדיג נאָר אויבערפלעכליך פרום געווען, און איך בין אייך דאָך זיכער נישט צוואווידער, און איך ליעב אייך צו משוגע ווערען — —

דאָבע: זאָל איך מיך אייך וואַרפען אויפ׳ן האַלז?

נעלסאָן: קומט און נעמט מיין גרויסע ליעבע, מיין לײדענשאפט, מיין משוגעת!

דאָבע: דערצו וועט איהר מיך נישט ברײנגען בשום אופן נישט.

נעלסאָן: בשום אופן נישט! איז הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען. עס איז נישט אמת, ווען איך זאָג, אז איהר זייט קאַלט, אז איהר זייט אייז. אומגעקערט איז דאָס ריכטיגע: איהר ווערט אויפגעגעסען פון פערבאָרגענער תאוה, עס ברענט אין אייך א גאנצער גיהנום, די לוסט צו זינד איז אין אייך ווי א קעסעל זודיגע סמאָלע, אָבער איך, דער גייסטיגער מענש, דער שריפט־שטעלער, ווירק אויף אייך נישט. איהר דאַרפט האָבען עפּעס א געזונדען בעל עגלה, א פּרייז־פייטער, א פּאָליסמאַן...

דאָבע (שטרייננג): מר. נעלסאָן!

נעלסאָן: טרייבט מיך ארויס! טרייבט מיך ארויס! רופט מיך לומפּ און פּאָדליעץ! איך וועל מיר א מעשה אָנטאָן! איך וואַרף מיך ארויס פון פענסטער דאָ פאר אייך אין די אויגען! (שפּרינגט אויף און לאָזט זיך צו איהר פענסטער.)

דאָבע (אין שרעק): אוי, איהר זייט דאָך משוגע געוואָרען! (כאַפּט איהם אָן.)

נעלסאָן (לעגט אַוועק זיין קאָפּ אויף איהר אַקסעל, בלייבט אויף איהר הייגען, מיד און פערצווייפעלט).

דאָבע (רוקט איהם אָב פון זיך גאַנץ לאַנגזאַם און מיט אָנ־שטרענגעניס): בערוהיגט אייך און זייט א מענש.

נעלסאָן (פאַלט אויף אַ שטול): איך בין א נערוועז־מענש, פערשטעהט! איך לעב מיט מיינע נערוועז. איך קאָן מיך נישט בעהערשען אזוי ווי איהר. און דערצו האָט איהר קיין מאָל נישט געליעבט. איהר ווייסט נישט, וואָס ליעבע הייסט. און איהר זייט קיין מאָל קיין שריפטשטעלער נישט געווען — איהר ווייסט נישט, וואָס ליעבע הייסט פאר א שריפטשטעלער.

און איהר זייט אזוי שיין, אזוי פערפיהרעריש שיין, און איך לעב דאָך מיט שיינהייט, איך פערגעטער דאָך שיינהייט. איך האָב גלייך געוואוסט, אז איך וועל זיין אייער קרבן. פאר וואָס האָב איך געדארפט אייך צורעדען, איהר זאָלט אויסטאָן דעם פאַריק? דער פאַריק האָט אייך העסליך געמאכט, און ער וואָלט געוועזן מיין בעסטער שוץ. (שרייט אויף.) און דער עיקר, אייער צוגעלאָזענקייט צו מיר! איך בין געוועזן זיכער, אז דאָס איז ליעבע. און פאר וואָס האָב איך נישט געזאָלט זיין זיכער? איך בין מאָריס נעלסאָן. פרויען פערליעבען זיך שוין אין מיין נאָמען אליין, אין מיין בעריהמטקייט, אין מיינע ווערק. און פלוצלונג איהר, וועלכער איך האָב אוועקגעגעבען גאנצע טעג און גאנצע נעכט אין פערלויף פון חדשים, א קליינשטעדטעלדיגע, וועלכע האָט קיין מאָל אין איהר לעבען נישט געהערט דאָס ברענענדיגע וואָרט פון גרויסער ליעבע — פלוצלונג א פעסטונג! א פעסטונג, וועלכע וועט מיר דאָס לעבען קאָסטען! און איך ווייס, פאר וואָס דאָס איז. איך האָב אייך נישט געדארפט צייגען מיין ליעבע, איך האָב מיך געדארפט שטעלען קאַלט. אָבער איך קאָן נישט צבוע'ציען, איך בין א געפיהלס־מענש. איך קאָן מיך נישט בעהאַלטען. איהר'ט נאָר געדארפט אָנקוקען יעצט אייער געזיכט. קאַלט, קיין אויסדרוק, א מאַסקע — וואָס עס טוט זיך אין הארצען איז נישט אָבצולייענען, ניט אָבצולערנען. און אין הארצען מוז עס אייך דאָך קיצלען צום קראנקלאַכען זיך, וואָס איך, מאָריס נעלסאָן, דער בעריהמטער שריפטשטעלער, וואָס ביי אנדערע פרויען וואָלט געוועזן א זכיה, איך זאָל אויף זיי א קוק טאָן, ערנידעריג מיך אזוי פאר אייך, מאַך מיך צום נאַר, וויל זעלבסטמאָרד בעגעהן, און רעד און רעד, ווי צו דער וואנד, ווי צו טויבע אויערען.

דאָבע (לאַכט).

נעלסאָן: איהר לאַכט! אזוי אָ, ווייזט ארויס, ווי עס קיצעלט אייך.

דאָבע: איך לאַך פון אייך, ווי איהר רעדט און רעדט.

נעלסאָן: ווי איך רעד און רעד — — — (כאַפּט זיך עפּעס.) ווי איך רעד און רעד? איך בין טאַקע אַ נאַר — מעהר רעד איך נישט! (שפּרינגט אויף.) איך כאַפּ אייך אין מיינע אָרמס —

דאָבע (שטעלענדיג זיך הינטער אַ שטול): איהר וועט אייך נישט דערוועגען, איך וועל מאַכען אַזאַ געשריי...

נעלסאָן: איהר וועט מיר מוזען געבען אַ קוס, עס מאָג זיך איבערקעהרען די וועלט. איך וועל מיך פאַר גאָרנישט נישט אָבשטעלען. אַ פעסטונג מוז איינגענומען ווערען נישט מיט ווערטער. אַזוי איז עס, איך האָב אייך ריכטיג פערשטאַנען.

דאָבע: איהר האָט מיך גאָר נישט פערשטאַנען. און איך זאָג אייך, איהר זאָלט בלייבען גאַנץ רוהיג, אויב איהר ווילט נישט האָבען קיין בזיונות. איהר זאָלט בעסער מיט גוטען —

נעלסאָן (שרייט): איך וועל נישט — — —

מנשה (קומט אַריין. ער איז אָבגעטראָגען, געעלטערט, פיעל גרויער. ער קוקט אָן די ביידע צוערסט מיט אַ פערוואונדערטען, צאָרניגען בליק, גלייך אָבער לויכט אויף זיין געזיכט, אַ לוסטיג פייעריל צינדט זיך אָן אין די אויגען און אויף די ליפּען צולעגט זיך אַ שמייכעל): גוטען טאָג! אַזוי פערדעדט, אַז איהר האָט גאָר נישט געהערט, ווי איך בין אריינגעקומען. און אַ היציג געשפּרעך, ווייזט אויס.

נעלסאָן: גיט מיר אַ סיגאַרעט. פון אייערע רוסישע סיגאַרעטס.

מנשה: איהר ווייסט דאָך, שוין לאַנג ניטאָ. מיט אייער הילף אַלע אויסגערויכערט. איך קאָן אייך אָבער געבען אַ היגען. נאַט, זייט אייך מכבד. שטינקט. עכט הויז־מאַרק, אַ קלאַג צו קאָלומבוס׳ען. נאַט אייך אייך פייער. אָדער קאָנט איהר פערד רויכערען אָן דער איינגענער היץ? האַ־האַ־האַ. איז וועגען וואָס האָט איהר דאָ גערעדט?

נעלסאָן: נאַ, אַ גוטען טאָג אייך!

מנשה: וואָס אנטלויפט איהר? אַז איך בין געקומען,

דאַרפט איהר אנטלויפען? איך קאָן דאָך פערקלערען גאָט ווייס וואָס. איך קאָן נאָך אייפערזיכטיג ווערען.

נעלסאָן: רעדט נישט קיין נאַרישקייט. (גיט איהם די האַנד.) אַ גוטען טאָג!

מנשה (נישט נעמענדיג זיין האַנד): ווילט איהר דוקא אנטלויפען, ווען איך בין געקומען. ווי, אַז איך זאָל אייך אַ ביסעל — ארויסבעגלייטען?

נעלסאָן: וואָס הייסט עס?

מנשה: האַ־האַ־האַ, פערשטעהט ער גאָר קיין אידיש נישט! אָבער געהט אַליין, געהט אַליין. איך בין יעצט צו מיר, צו בעווייזען אייך — — — יאָ, יאָ, געהט געזונדערהייט.

נעלסאָן: איך וויל וויסען — — —

מנשה: אַך, אַך, איהר ווייסט, אַז איך ווייס, אַז איהר ווייסט — גוט פריינד — גוט פריינד —

נעלסאָן: איך בין אַ בעלן אַוועקצוזעצען זיך, אָט ווי איך האָב קיין צייט נישט, און אויסהערען פון אייך, וואָס איהר האָט מיר צו זאָגען.

מנשה: איהר זייט אַ שרייבער — יאָ? אַן אויפגעקלער־טער — יאָ? איהר שרייבט וועגען מענש און מענשליכקייט און יושר — יאָ? (קוקט איהם אָן און שמייכעלט, נערוועז ציהענדיג די קנעפּלעך פון נעלסאָן׳ס ראָק.)

נעלסאָן: איז נו? איז נו? — לאָזט דאָך דערווייל אָב מיינע קנעפּלעך.

מנשה (אָבלאָזענדיג איהם): איז גאָר נישט. איך האָב עס אייך בלויז געוואָלט דערמאָנען. אַ גוטען טאָג אייך.

נעלסאָן: איהר האָט היינט מסתמא געהאַט אַ שלעכטען טאָג. גאָר קיין געשעפט נישט געמאַכט.

מנשה (וויל אויפשטורמען, האַלט זיך אָבער איין): מיין געשעפט — — — נו, יאָ. — אָבער איהר האָט היינט אויך געהאַט אַ שלעכטען טאָג, גאָר קיין געשעפט נישט געמאַכט.

נעלסאָן: מיט איך איז יעצט נישט צו רעדען. אַ גוטען טאָג.

מנשה: הע־הע־הע.

נעלסאָן: גוד ביי, מיסיס ריווקין! (געהט אַוועק.)

מנשה (שמעלט זיך אין טיר און בעגלייט איהם מיט די אויגען, דאַן ווענדט ער זיך אום צו דאָבע'ן, וועלכע האָט זיך אַוועקגעדרעהט צום פענסטער. ער קוקט זי אָן, נערוועז צופּענדיג דעם באָרד): איך האָב, דאַכט זיך, אַלץ ריכטיג פערשטאַנען, ווי? איך האָב אָבער גוט געטאָן, וואָס איך האָב איהם נישט אַרויסגעוואָרפען, ווי? מיין אַרויסוואַרפען איז גאָר נישט, דיין שטאַרקייט איז אַלץ. מיינסט, אַז איך האָב שוין לאַנג נישט בעמערקט, וואוהין ער ציעלט? אָבער איך האָב מיך נישט געוואָלט נאַריש מאַכען. ווער קאָן וואָס איינהיטען? און דערצו האָב איך דיך ריכטיג אָבגע־שאַצט. אָט ווי דו האָסט דיך דאָ אין אַמעריקא נישט איבער־געאַנדערסט, ביזטו דאָך געבליבען אַ כשר'ע אידיש'ע טאָכטער. קיין אשת־איש ווערסטו דאָך ניט ווערען. און דאָס, כאָטש דו פּעראַכטעסט מיך יעצט, כאָטש דו ווילסט מיך גאָר נישט אָנקוקען, כאָטש דו ביזט מיר גאָר קיין ווייב נישט מעהר. און וואָס מיינסטו, דאָס וועט דיר נישט בלייבען נישט בעצאָהלט.

דאָבע (ווענדט זיך ראַש אום מיט כעס): וואָס „דאָס"?

מנשה: דיין עהרליכקייט און טרייקייט.

דאָבע: פּששש, ווי דו קאָנסט שוין בעצאָהלען! ווערסט נאָך עפּעס פער'משכונ'ען פון שטוב און אויפעסען.

מנשה: וועסט זעהן, אַז איך וועל באַלד קומען צו געלד.

דאָבע: דו? ווי אַזוי? וואָס פאַר אַ מציאה האָט זיך דיר געמאַכט?

מנשה: איך וועל קומען צו געלד, וועסט זעהן. איך דאַרף נאָר עטליכע הונדערט דאָלאַר, און דאַן בין איך שוין אויפ'ן פערד, און די עטליכע הונדערט דאָלער וועל איך קריגען.

דאָבע: ווי אַזוי?

מנשה: וועסט שוין זעהן. אויף דארויף איז מען דאָך עפּעס אין אמעריקא. איך זאָג דיר, ווי מען קומט אין אמעריקא צו געלד — אההה!

דאָבע: אדרבא, בעווייז אויך אַ קונץ און קום צו געלד, און לאָמיך זעהן, וואָס דו קאָנסט דאָ אויפטאָן.

מנשה: דאָס וויל איך אויך. איך ווייס, ווי פערהאַסט איך בין דיר, זינט איך בין געוואָרען אַ פּעדלער. און איך האָב אויף דיר קיין פּאַראיבעל נישט. צייטענווייז בין איך מיר אַליין פערהאַסט. און דאָך ביזטו אַ כשר ווייבעל, לאָזט דיך נישט פערפיהרען פון אַ שארלאַטאַן — דאָס מוז דיר בעלוינט ווערען. און איך וועל עס, דאָבע. וועסט זעהן, דאָבע. (עס קלינגעלט.) יעמאָלט אָבער וועסטו דיך מוזען איבערבעטען מיט מיר. (געהט עפענען די טיר.)

דאָבע (קוקט איהם נאָך מיט אַן איראָניש־פערעכטליכען שמייכעל אויף די ליפּען).

מנשה (קומט אַריין, אַריינלאָזענדיג פאָר זיך אייזיק'ען מיט איידע'ן, וועלכע בעגריסען דאָבע'ן מיט אַ קאַלטען „גוטען טאָג“, אויף וועלכען זי ענטפערט קוים).

מנשה: וואָס עפּעס אין מיטען טאָג? און אזוי ערנסט? וואָס איז געשעהן?

אייזיק: מיר קומען עס פון דאָקטאָר.

מנשה (מיט שרעק): נו, און?

אייזיק: און ער האָט געזאָגט, אַז איידע'ס לונגען זיינען אָנגעגריפען —

מנשה: די לונגען?!

אייזיק: און זי מוז אוועקפאָהרען אין ליבערטי.

מנשה: אָנגעגריפען? די לונגען? ווי ווייט?

איידע: אַ קליין ביסעל בלויז. די שפּיצען. מען קאָן עס, זאָגט ער, זעהר לייכט פערכאַפּען. זעהט, ווי איהר האָט זיך דערשראָקען. מעהר ווי איך.

מנשה: איך האָב פיינט צו האָבען צו טאָן מיט די לונגען. איך האָב זיי געגונג אין קאָפּ פון זיין מאַמען. איז וואוהין דאַרף זי פאָהרען? איז עס ווייט?

אייזיק: דאָס איז נישט זעהר ווייט, אָבער —

מנשה: דאָס דאַרף קאָסטען געלד. איך פערשטעהע שוין. א סך געלד?

אייזיק: לכל הפחות פופצעהן דאָלער א וואָך.

מנשה: פופצעהן דאָלער א וואָך! און וויפיעל וואָכען?

איידע: ביז איך וועל אין גאַנצען געזונד ווערען.

אייזיק: און וואָס מאכט עס אויס, וויפיעל וואָכען, אז עס איז אפילו אויף דער ערסטער וואָך נישטאָ, און אפילו נישט אויף באהנגעלד.

איידע: און איך מיין, אז עס איז גאָר נישט אזוי, ווי דער דאָקטאָר זאָגט. עס וועט אליין פאַראיבערגעהן, און אָהן ליבערטי. איך וועל מיך גאָר א ביסעל מעהר צוזעהן אין דער חיבר. ער האָט ליעב אראָבצולאָזען די נאָז ביי יעדער קלייניגקייט.

אייזיק: איך האָב גאָר נישט ליעב אראָבצולאָזען די נאָז, אָבער די נאָז לאָזט זיך ממילא אראָב. ווען איך וואָלט געזעהן כאָטש דעם מינדסטען וועג, ווי איך קאָן קומען צו געלד, ווי איך קאָן מעהר פערדיענען, וואָלט איך מיר פאַר גאָר נישט אָבגע־שטעלט. אָבער ווען דו שטעהסט, ווי פאַר אַן אייזערנער וואַנד, נישט אהין און נישט אהער, א לא יוצלח, נישט די הענט ארביי־טען און נישט דער קאָפּ — — —

מנשה: ששש! דערפאַר האָב איך גראד אַן איינפאַל, ווי צו קומען צו געלד!

אייזיק: דו? וואָס פאַר אַן איינפאַל?

מנשה: שוין גאָר א גוטער. גליקט ער מיר, קאָן איך דריגען ווייט אין די הונדערטער, איהר פערשטעהט, ווייט אין די הונדערטער! און אז איך האָב ווייט אין די הונדערטער — ווייסטו דאָך שוין, וואָס דיין טאַטע קאָן אויפטאָן!

א י י ז י ק: אָבער ווי און ווען?

מ נ ש ה: ווען? זעלבסטפערשטענדליך מוז עס געשעהן וואָס שנעלער.

ש פ ר ה (קומט אריין): גוטען טאָג!

מ נ ש ה: אַט ביזטו אויך! האָסטו געזעהן אַ מאָל, שפּרה'טשקע, אַ סאָלדאַטסקען פערד, ווען ער האָט דערשמעקט פּולווער? ער שפּרינגט און רייסט זיך און קאָן איין מינוט נישט איינרוהען — אַזוי בין איך אויך. איך האָב געלד דערשמעקט.

ש פ ר ה: געלד? מויל און אויערען עפען איך דאָך אויף.

מ נ ש ה: און אַלץ קאָכט און זידט אין מיר.

ש פ ר ה: דאָך דאָס געלד, דאָס געלד, פון וואַנען איז עס געקומען צו אייך?

ד אָ ב ע: עס איז נאָך נישט געקומען.

מ נ ש ה: נאָך נישט געקומען. איך האָב עס בלויז דער־שמעקט. אָבער איך וועל עס האָבען. ווי מיר האָבען יעצט טאָג אויף דער וועלט, איך וועל עס האָבען. און גאָר אין גיכען. עס איז אפילו אַ ביסעל, ווי זאָל איך זאָגען — אָבער איך מוז עס. איך מוז עס. קינדערלעך, איך קאָן מעהר קיין פּעדלער נישט זיין. איך האָב עפּעס פערלאָרען די אייגענע ווערדע נישט נאָר ביי א י ה ר אין די אויגען, נאָר ביי מיר אפילו אליין. אַלע קוקען אויף מיר, ווי אויף אַ בעטלער, ווי איך וואָלט געקומען בעטען אַ נדבה, נישט קויפען און צאָהלען. דאַכט זיך, אין פלוג טו איך דאָך דעם פערקויפער אַ טובה — איך קויף ביי איהם אַ זאַך, וועלכע ער קאָן שוין מעהר ניט געברויכען, און גיב איהם געלד פאַר עפּעס, וואָס ער דאַרף אַרויסוואַרפען. אָבער ווען איך פרעג ערגעץ אָן, צו האָט מען וואָס צו פערקויפען, מאַכט מען מיר צו די טיר אונטער דער נאָז, אַקוראַט ווי איך וואָלט געווען אַ בעטלער, אַ לויזיגער בעטלער! און דאָס ערגסטע איז, וואָס מע קוקט אויף מיר, ווי אויף עפּעס אַ גנב. קום איך אריין אין אַ שטוב, קוקט מען זיך צו ערסט אַרום, צו ליעגט עפּעס נישט, וואָס

איך וואלט געקענט אוועקנעמען. איהר פערשטעהט מיין געפיהל? איך וויים, זיי קענען דאך מיך נישט, זיי ווייסען דאך נישט, וואס איך בין געוועזן אין דער היים, מאָגען זיי דאך זיין פאַרזיכטיג. אבער דאך — איך פיהל, ווי עס גיסט זיך מיר מיין בלוט, עס עקען זיך מיר מיינע יאָהרען.

שפרה: איך האב עס נעוואוסט, פעטער. איך האב עס אין אייך געזעהן.

מנשה: און האסט געליטען מיט מיר.

שפרה: און האב געליטען מיט אייך.

מנשה: איך האב עס נישט געזעהן, וואס? איז אוים פעדלער! און נישט דאס נאך אליין. איך האב עס איהר פריהער געזאגט: איך מוז עס אזוי ברייננגען, אז זי זאל צוריק ווערען, ווי זי איז צו מיר געווען. איך מוז מיך ארויפשלאָגען אויף א דרך, ווערען ווידער דער גרויסער פערדיענער, און יעצט קומט נאך צו איידעלע. זי מוז — וואוהין, האסטו געזאגט, דארפסטו פאהרען?

איידע: נאך ליבערטי.

שפרה: ליבערטי?!

מנשה: די לונגען, די שפיץ לונגען. זי מוז אויסקורירט ווערען, און וואס גיכער — פערשטעהסט? און דיך, מיינסטו, האב איך נישט אין מיין חשבון?

שפרה: מיך?

מנשה: מיר געפעלט דיין אמאהאר נישט. דו ווייסט נישט, פון וואנען ער האט זיין געלד, וואס פאר א מענש ער איז, און איך וויים בכלל נישט — און דיר געפעלט ער אויך נישט. און נישט נאר געפעלט ער דיר נישט, נאר זינט דו ביזט איינגענאנגען אויפ'ן שידוך, ביזטו אוים מענש, געהסטו אוים מיט יעדען טאג.

שפרה: פעטער! פעטער!

מנשה: ווי דו האסט געזעהן אין מיר, אזוי זעה איך אין

דיר. און איך ווייס דאָך, אַז דו ביזט איינגעגאַנגען אויפ׳ן שידוך, ווייל דו ווילסט מיר ארויסהעלפען. ווילסט ברייגגען אַ גרויסען קרבן און ווערסט פאַלען אַ קרבן. ווערסט עס נישט אויסהאַלטען. איז פערשטעהסט, איז גלייכער, איך זאָל דיר אויסהעלפען.

ד אָ ב ע: דער גאַנצער וועלט אויסהעלפען. אָבער ווי ער וועט קומען צו זיין געלד, ווייס נאָך פאָרלויפיג קיינער נישט.

מ נ ש ה: און איהר וועט קיינער נישט וויסען, ביז איך וועל דאָס געלד ניט האָבען אין מיינע הענט.

ד אָ ב ע: האָסטו די גאַנצע זאַך געדארפט האַלטען בסוד. געדארפט קומען מיט אַלעם פארטיגען, מיט׳ן געלד אין קעשענע.

מ נ ש ה: דאָס ביזטו גערעכט. דאָס — ביזטו — גערעכט. דאָס האָב איך ווירקליך געדארפט. פערפאַלען. עס האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן פאר דער צונג. דו ווייסט דאָך, פאר וואָס.

ש פ ר ה: פעטער, אויב אין אייער בעשלוס האָב איך נע־שפּיעלט אַ גרויסע ראָליע, מאָגט איהר איבערבעשליסען. די מוהמע איז גערעכט: איהר דארפט נישט אויסהעלפען דער גאַנצער וועלט. און איך וועל מיין בעשלוס סיי ווי סיי נישט איבעראַנדערסען. איך האָב איהם מיין וואָרט געגעבען און וועל עס האַלטען. און איך וויל אייך דאָס נאָך זאָגען: אויב אייער פּלאַן דאָס געלד צו קריגען איז פערבונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען, זאָגט זיך אָב פון איהם. וואָרט אָב. איך וועל אייך פערשאַפען דאָס געלד, וואָס איהר דארפט. פעטער, איך האָב אָנגענומען דעם גמאַהאַר נישט אום עמיצען אַ קרבן צו ברייננגען. איהר ווייסט דאָך, איך בין מיד געוואָרען, איך וויל מיין אייגענעם ווינקעל האָבען. איך קאָן נישט מעהר ארבייטען און איך ב י ן קיין ארבייטערקע נישט. וואָרט אָב, פעטער.

מ נ ש ה (האַרט): ניין, איך ווייס געגוי וואָס איך האָב צו טאָן. דו דאַרפסט מיט דעם גמאַהאַר נישט חתונה האָבען. דו טאָרסט נישט. און איך געה נאָך היינט צו מיין פּלאַן. (עס קלינגעלט. איזיק געהט עפענען.)

ש פ ר ה: פעטער, ווייסט איהר עפּעס וועגען דעם אָמאהאַר, וואָס איך ווייס נישט?

מ נ ש ה: איך — — —

א י י ז י ק (אַריינקומענדיג צוריק): א יונגערמאַן וויל דיך זעהן, שפרה. יוסף ניימאַן פון טשיקאַגאָ.

ש פ ר ה: ניימאַן? פון טשיקאַגאָ? (לאָזט פערלעגען אויף, קוקט אָן מנשה'ן און געהט אַרויס.)

מ נ ש ה: ניימאַן פון טשיקאַגאָ? אַך, דאָס איז יענער, וואָס האָט געבעטען ווארטען! (ווינקט צו די אַנדערע.) קומט מיר וועלען אַלע ארויסגעהן, לאָזען זיי אַליין. (אייזיק, איידע און דאָבע געהען צו דער טיר, וועדליג שפרה קומט אַריין מיט ניימאַנ'ען.)

מ נ ש ה (קוקט אָן דעם אריינקומענדיגען שאַרף און נייגיעריג. שטיל צו שפרה'ן): שפרה, איך וועל ווארטען. אויב עס איז עפּעס, פערגעס דעם אָמאהאַר. (געהט אַרויס, צומאַכענדיג די טיר.)

נ י י מ א ן: איך האָב אייך געשריבען מיט צוויי חדשים צוריק.

ש פ ר ה (פערלעגען אויפלאַכענדיג): איך ווייס. זעצט אייך.

נ י י מ א ן (פערבויגט און זעצט זיך): איהר וועט מיר ערלויבען — א ווײַלע אָנצוקוקען אייך?

ש פ ר ה: גאָט! (פערדעקט זיך דאָס געזיכט מיט דער לינקער האַנד און אָטעמט שווער.)

נ י י מ א ן: איהר מיינט, איך וויל אייך אָנקוקען, ווי איינער, וועלכער איז געקומען אָנזעהן זיך א כלה, און דאָס האָט אייך א שטאָך געטאָן אין הארצען. אָבער איך בין גאָר קיין חתן נישט און בין נישט געקומען אָנצוזעהן אייך אלס א כלה.

ש פ ר ה (רוקט אַראָב די האַנד פון געזיכט און קוקט איהם פערוואונדערט אָן).

נ י י מ א ן: יעצט ווילט איהר וויסען, ווער איך בין, וואָס וויל איך פון אייך, פאַר וואָס בין איך צו אייך געקומען. איך האָב אייך דעם אמת געבראַכט.

שפרה: דעם אמת געבראַכט?

ניימאַן: דעם אמת, ווי איך פערשטעה איהם. מיין אמת. איך וויל איהם אייך בייברייננגען. אפשר וועט ער אייער טרייסט זיין און אייער ישועה.

שפרה (גאַנץ ערשטוינט): איך — פערשטעה — נישט.

ניימאַן. זיכערליך נישט. אָבער איידער איך העב אָן צו רעדען, האָב איך געוואָלט מיך איינקוקען אין אייך, אין אייערע אויגען, שטיל זיצען און קוקען אויף אייך, און אין דער שטילקייט דערהערען און דערפיהלען אייער נשמה.

שפרה (זעצט זיך איין, ווי אין שרעק, ווי אַ שול־מיידעל פאַר איהר לעהרער, גאַנץ היפּנאָטיזירט, ווילענלאָז).

ניימאַן: יעצט איז עס מיר נישט נויטיג מעהר. איך האָב שוין געזעהן, וואָס איך האָב געדאַרפט זעהן און אייער אויס־רוף „גאָט!“ האָט מיר נאָך מעהר אויפגעדעקט. איך קאָן יעצט רעדען. אָבער קוקט מיך אַזוי נישט אָן. איך וויל אייער נשמה זאָל וואַך זיין.

שפרה (פיהרט זיך איבער'ן געזיכט, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס אַראָבטרייבען, און סטאַרעט זיך צו שמייכלען).

ניימאַן: שמייכעלט, שמייכעלט, דאָס מאַכט מיך פרייער.

שפרה (אַ ביסעל אונגעדולדיג): רעדט, רעדט.

ניימאַן: איך האָב אייך געזאָגט, איך בין קיין חתן נישט און זוך מיר קיין כלה נישט. אָבער איך גלויב, אַז איך ברייננג מיט מיר מעהר ווי פאַמיליען־גליק. איך וויל אייך אומקעהרען די ליעבע, וועלכע איהר האָט פערלאָרען.

שפרה: די ליעבע, וועלכע איך האָב פערלאָרען?

ניימאַן: די ליעבע צום מענשען, צו דער מענשהייט, צו די נשמות, וועלכע געהען אום אין עלענד און פינסטערנים.

שפרה (מיט אַ שמערצליכען לאַכען, די האַנד אויפ'ן שטערן און די אויגען): אַך!

ניימאַן: איך וועל אייך דערצעהלען, ווי און פאַר וואָס

איהר זייט מיר געוואָרען, ווי איהר זייט געקומען צו אייער אדווער־טייזמענט אין דער צייטונג.

שפרה: איהר דאַרפט עס מיר נישט דערצעהלען. איך וויים עס צו גוט.

ניימאַן: איך וויל, איהר זאָלט זעהן, אַז איך וויים.

שפרה: איך גלויב אייך.

ניימאַן (נאָך אַ ווײַלע בעטראַכטען זי): אויך איך בין דאָ אזוי מיר און אָבגעעקעלט געוואָרען. מיר געוואָרען פון שטויסען וואסער, פון טאָן און גאָר נישט אויפטאָן, פון האַלטען שטענדיג ביים אָנהויב. אָבגעעקעלט געוואָרען פון דער ארומיגער געלד־יאָגענים און פרינציפּענלאָזיגקייט און אונעהרליכקייט, פון דעם אייביגען פּערראַט צו אַלע אידעאַלען און צו יעדעם אידעאַליזמוס, פון דעם אונפּערשעמטעסטען ציניזמוס. און אין אַ זעהר שווערער מינוט, ווען די נשמה האָט אין מיר פּערבלוטיגט, האָב איך געהאַט אויפגעהויבען אַ רעוואָלווער צו מיין שטערען.

שפרה (טאָנלאָז): און?

ניימאַן: איהר זעהט דאָך.

שפרה: וואָס האָט אייך אָבגעהאַלטען?

ניימאַן: די ליעבע צום לעבען און — דער אמת.

שפרה: דער אמת?

ניימאַן: איך האָב פּלוצלונג אין דער לעצטער מינוט דער־קענט דעם אמת.

שפרה: וואָס איז אייער אמת?

ניימאַן: מיר איז געוואָרען קלאָר, אַז איך בין דאָך בלויז אין די מענשען, אין די טיער און מיטקעמפּפער ענטוישט געוואָרען, אָבער נישט אין מיין אידעע. (קוקט אָן שפרה'ן פּיעלדייטיג און בעגייסטערט.)

שפרה (נישט גאַנץ בעגרייפענדיג): נו, און?

ניימאַן (בעגייסטערט): איהר הערט! דאָס איז דאָך אַלץ! איך בין מיט אַמאָל ווידער רייך געוואָרען, איך האָב דער־

פיהלט, אז איך בין קיין מאָל גאָר אָרעם נישט געווען. איך האָב אויפגעאָטעמט, מיין נשמה האָט אויפגעיובעלט. מיין גאָט לעבט אין מיר, מיין רעליגיאָן איז מיט מיר. וואָס געהען מיך אַלע פער־רעטער און פערפיהרער און אַלע ענטוישונגען אָן? וואויל מיר, ווען איך וואָלט יעצט געהאט די קראַפט פון א נביא! איך וואָלט ארויסגעטריבען פון דעם טעמפעל אַלע די פאַלשע נביאים און פער־פיהרער, אַלע די יעניגע, וועלכע דיענען זיך און מאַכען אַן אָנשטעל, אז זיי דיענען אַן אידעע. איך וואָלט זיי ארויסגעטריבען מיט דער גרעסטער אכזריות, ווייל דורך זיי האָב איך מיך געהאט פערלאָרען, און וואָלט אויפגעהויבען מיין קול אין דעם נאָמען פון מיין רעליגיאָן, אז מען זאָל מיך הערען ווייט און ברייט. אָבער די קראַפט האָב איך נישט געהאט, און איך האָב אויך פערלאָרען דעם גלויבען אין מאַס־מיטינגען אלס ערציהונגס־מיטעל. א מאַס־מיטינג איז גוט אויף צו כאַפּען א נשמה, אָבער נישט אויף צו ערציהען א נשמה. און איך האָב אויסגעקליבען מיין איינענעם וועג, מיין אידעע אַם בעסטען צו דיענען.

שפרה: וואָס איז אייער אייגענער וועג?

נייטאַן: איינציגווייז די מענשען צו ערציהען. א לאַנגער און לאַנגזאַמער וועג, אָבער פון איין פּאָר מענשען, ווערט אונז דערצעהלט, פון איין אָדם און איין חוה'ן זיינען ארויסגעוואַקסען אַלע מיליאָנען מיליאָסען מענשען, די גאַנצע מענשהייט. האָט איהר מיך פערשטאַנען? נעמען אַן איינצעלנעם און איהם ערציהען און אויפקלערען — — —

שפרה ((ביטער): האַ־האַ־האַ, גאָט! און אייער איינצעל־נער, פון אייך ערצויגענער און אויפגעקלערטער, וועט ארויס אין לעבען, און באַלד וועט איהר פון איהם הערען: איך מוז א לעבען מאַכען! איך מוז לעבען! און ער וועט אָנהעבען צו האַנדלען מיט אידעען און אידעאַלען. אַליץ וועט ער איבערלעגען אויף געלד־לשון, אויף אַליץ וועט ער קוקען פון דעם שטאַנדפּונקט פון

דעם מאָגען, פון א בעסערער דירה, פון מעהר וואָלטאָג. א לעבען מאַכען! א לעבען מאַכען! (עס קלאַפּט אין טיר.) קאָם־אין!

מנשה (קומט אריין): ענטשולדיגט, איך האָב דאָ — —

שפרה (האַרט): עס איז נישט קיין שידוך, פּעטער. מיסטער ניימאַן איז בלויז געקומען צו ראַטעווען מיין נשמה, אַרויסצופיהרען מיך צוריק אויפ'ן ריכטיגען וועג פון מענשען־רעטעריי. דאָס וועט איהם אָבער נישט גליקען, פּעטער. איך האָב פערברענט הינטער מיר מיינע שיפען. מיין וועג פיהרט יעצט נאָך אַמאַהאַ. יענער האָט מיר נישט געהייסען וואַרטען צוויי חדשים, ביז ער וועט קומען ראַטעווען מיין נשמה. יענער האָט — — —

מנשה: אָבער, שפרה, קום דאָך צו דיר. ווי רעדסטו עפּעס? בערוהיג דיך. דו ביזט אין גאַנצען אַרויס פון די כלים. (צו ניימאַנ'ען.) און איהר זייט געקומען פון טשיקאַגאָ צו — ? דאָס דאַרף מען קאָנען. ספּעציעל צוליעב דעם געקומען?

ניימאַן: און צו פערדיענען פינף איבעריגע דאָלער וואָלט איך יאָ געמאָגט קומען ספּעציעל?

מנשה: הם! פאַראַן דאָך מענשען אויף דער וועלט! הם! און מיר רוישען זיך אַלץ! מיר ווילען רייך ווערען! מען זוכט די מעגליכקייט, מען יאָגט זיך נאָך דער געלעגענהייט — איך האָב מיר מיין פּלאַן און פרעג נישט קיין סך קשיות, דו רייסט דיך נאָך אַמאַהאַ און — און — איך האָב דאָ פערגעסען מיינע סיגאַרעטס. אָט זיינען זיי טאַקע.

שפרה: וואָס ווייכט איהר וועגען דעם אַמאַהאַר, פּעטער?

מנשה: גאָר נישט. מיר געפעלט מעהר נישט, וואָס דו האָסט זיך אָנגעכאַפּט אָן איהם, ווייל ער האָט א סך געלד. ער פּאַסט מיר נישט אריין אין דיין אַדוועטייזמענט. נישט אַזאַ האָסטו פערלאַנגט.

שפרה: פּעטער, איהר ווייסט, פאַר וואָס...

מנשה: זאָג איך דיר, אַז דו דאַרפסט נישט פאָהרען. לאָז מיך נאָר אויספיהרען מיין פּלאַן.

שפרה: און אייער פּלאַן איז אַזעלכער, אויף וועלכען מען דאַרף פרעגען קשיות?

מנשה: האַ? הע־הע! קשיות! אַ פּלאַן ווי אַלע אמע־ריקאַנער פּלענער! געלד און פאַרטיג.

שפרה (איינדרינגליך): פּעטער!

מנשה (פערלאָרען): הע־הע... יאָ, איך געה יעצט.

שפרה: אפשר איז אָמאַהאַ אַ סך בעסער?

מנשה: ניין, ניין. וואָס מיינסטו, וועל איך טאָן? נאַ, נאַ, דו הער דיך שוין בעסער צו צו מיסטער ניימאַן, הע־הע... אַ גוטען טאָג אייך.

שפרה: פּעטער, איך וועל דאָך סיי ווי סיי פאָהרען נאָך אָמאַהאַ.

מנשה: נו, נו, וועגען דעם וועלען מיר נאָך רעדען. אַ גוטען טאָג. ווינש מיר גליק. (געהט צו דער טיר, בלייבט שטעהן, ווענדט זיך אום קענטיג אויפגערעגט, גאַנץ בלאַס.) שפרה'טשקע, אויב עפּעס זאָל זיך מיט מיר — — —(שטאַרקט זיך, שמייכעלט.) הע־הע, יאָ, יאָ. ווי איך בין אַ איד, איך וואָלט געוועזן אַ בעלן צו צוהערען זיך אַביסעל צו מיסטער ניימאַן, הע־הע. נאַ, איך געה.

שפרה: פּעטער, איהר זייט אונרוהיג.

מנשה: איך בין — וואָס? האַ־האַ! גוד ביי! דאָ סווידאַניאַ! אַ רעוואוואַר! האַ־האַ! (געהט אַרויס.)

שפרה (שטעהט אויף, געהט צו דער טיר, בלייבט שטעהן און פערברעכט די הענד איבער די אויגען. פּאַוזע).

ניימאַן: איך בין אייך שולדיג אַן ענטפער, מיס קונין.

שפרה (האַסטיג אראָבנעמענדיג די הענד): ווי?

ניימאַן: איהר האָט פריהער געזאָגט, אַז דער איינצעל־נער, פון מיר ערצויגענער, וועט אַרויסגעהן אין לעבען, וועט ער

אָנהעבען צו קוקען אויף אַלץ פון דעם שטאַנדפּונקט פון מאַכען א לעבען.

ש פ ר ה (מיט עקעל): און וועט ווערען אזוי שלעכט און געלד־הונגעריג ווי אַלע אַנדערע!

נ י י מ אַ ן: וועל איך אָנהעבען מיט א צווייטען, מיט א דריטען, מיט א פיערטען.

ש פ ר ה (קוקט איהם האַרט אָן): האָט איהר שוין עמיצען אויפגעצויגען, אָדער איך בין אייער ערסטער פערזוך?

נ י י מ אַ ן: די פראַגע געהערט נישט צו דער זאַך. ווען איך האָב אפילו גאָרנישט נישט אויפגעטאָן, אין מיר לעבט און וועט לעבען דער גלויבען, אַז מיט מיר איז דער אמת, און דער אמת וועט סוף כל סוף מוזען זיעגען.

ש פ ר ה (אַ ביסעל ווייכער): זייט איהר שוין לאַנג אזוי?

נ י י מ אַ ן: דאָס מאַכט ווידער נישט אויס. ווען איך וועל אייך זאָגען, אַז איך געה מיר מיין וועג אַזויפיעל און אַזויפיעל יאָהרען, וועל איך אייך דען בעסער קאָנען טרייסטען, ווי מיט דעם, וואָס קומט אַרויס פון מיין נשמה? איך וויל בלויז — —

ש פ ר ה (שרייט אויס פערצווייפעלט און בייטער): וואָס ווילט איהר פון מיר? וואָס זייט איהר געקומען? וואָס פיינינגט איהר מיך?

נ י י מ אַ ן: איך וויל אייך העלפען, איך וויל אייך אומקערען צוריק אייער נשמה־רוה, איך וויל אייך צוריקגעבען אייך אליין.

ש פ ר ה: דאָס איז נישט אמת! איך קען אייך נישט, איך ווייס נישט, וואָס איהר ווילט, וואָס איהר זוכט דאָ ביי מיר!

נ י י מ אַ ן: נאָר דאָס, וואָס איהר האָט פון מיר געהערט.

ש פ ר ה: אויב אייך איז אזוי געלעגען אין זינען צו ראַטעווען מיין נשמה, פאַר וואָס האָט איהר מיך געלאָזען וואַרטען צוויי חדשים? ווייסט איהר נישט, וואָס צוויי חדשים זיינען פאַר א פערצווייפעלטער, מיר געוואָרענער?

נ י י מ א ן: אזויפיעל האָט מיר געדארפט נעמען אָבצו־שפּאָרען אויף דער רייזע פון טשיקאגאָ נאָך ניו יאָרק.

ש פ ר ה (בלייבט שטעהן ווי בענומען): מיינט איהר עס ערנסט?

נ י י מ א ן: איך זאָג קיין ליגען נישט.

ש פ ר ה (לאָזט זיך אַראָב איבער׳ן טיש מיט אַ געוויין).

נ י י מ א ן: דאָס איז גוט. די טרערען וועלען אייך וועיכער מאכען, וועלען אראָבשווענקען די גרויסע איינגעשפּארטקייט, דעם צו־להכעיס, און איהר וועט גענעזען ווערען. אייער נשמה וועט ווידער אויפגעעפענט ווערען פאר דער מענשען־ליעבע, וועלכע האָט געלעבט און געבליהט אין איהר, אייער האַרץ וועט ווידער אָנהויבען צו שלאָגען מיט דעם אַלטען קאמפף־מוט, אייער גלויבען און אייער גאָט וועלען ווידער אויפשטראהלען אין אייך.

ש פ ר ה (דורך טרערען, ווי אין געבעט): איך קאָן נישט מעהר. איך קאָן נישט מעהר! איך קאָן נאָך בלויז לעבען פאר מיר אליין און פאר די נאָהענטע, וועלכע נויטיגען זיך אין מיין מאטעריעלער הילף. איך קאָן נאָך זעהן ארויסצוגעניסען פון לעבען כאָטש אַ מינימום געניס. איך קאָן נישט אנדערש און וויל נישט אנדערש.

נ י י מ א ן: דאָס גאנצע מאטעריעלע גליק קאָן פערשווינדען איבער אַ נאַכט, די גאַנצקייט פון דער נשמה איז דער עיקר. פערשטעהט, איך בין אויך פאר געניס און גליק, דאָך — — — (געשרייען אין גאַס).

ש פ ר ה (זעצט זיך אויף, דערשראָקען): וואָס איז דאָס?

נ י י מ א ן (איילט צום פענסטער און קוקט אַרויס): עמיצער איז דאכט זיך איבערגעפאָהרען געוואָרען פון דער קאַר.

ש פ ר ה (אין געשטייגערטען שרעק): איבערגעפאָהרען גע־וואָרען? ווער?

נ י י מ א ן: אַ איד. מען טראָגט איהם. דער אָרם, דאכט זיך... (דערשראָקען.) אוי, איך וואָלט געשוואָרען, אז...

שפרה (שפּרינגט אויף און לאָזט זיך צום אַנדער פענסטער).

ניימאַן (איילט צו איהר): ניין, ניין, ניין, איהר דאַרפט נישט...

שפרה (איז שוין ביים פענסטער און קוקט אַרויס. פּלוצלונג שרייט זי אויף מיט אַ בענומענעם קול): דער פעטער! דער פעטער!

פאָרהאַנג.

פיערטער אַקט

צוויי וואָכען שפּעטער. — די קיך און אַרויסגאַנגס־צימער אין מנשה׳ס וואוינונג. אין דער הינטערוואַנד די גרויסע טיר צום פראָנט־רום און די אַנדערע צימער. לינקס, פאָרנט, אַ פענסטער, ווייטער הינטען דער אויווען, הינטער דעם אויווען אַ גלעזערשראַנק. רעכטס, פאָרנט, די ארויסגאנגס־טיר, ווייטער הינטען דער סינק און דער וואַש־טאָב. אין מיטען, פאָרנט, אַ טיש מיט שטולען. שפרה און אײדע זיצען ביים טיש.

אײדע (ווישענדיג זיך די אויגען): ווי מאך איך, איך זאָל נישט וויינען? איך וועל איהם דערזעהן, וועל איך מיך דאָך נישט קאָנען איינהאלטען.

שפרה: טו אזוי ווי איך. זעהסט, איך נעם מיך אָן פול מיט אָטעם — און — און — (צואווייינט זיך און לעגט אַוועק דעם קאָפּ אויפ׳ן טיש.)

אײדע (וויינט שטאַרקער).

שפרה (הערבט אויף דעם קאָפּ, ווישט זיך די אויגען): אַך, מיר זיינען אַ שוואַך פאָלק! עס איז דאָך נאַריש! וואָס וויינען מיר? מיר וויינען איבער זיין פערלאָרענער האַנט, און דאַ־פּען אונז דאָך גאָר פרעהען, וואָס ער איז אונז לעבען געבליבען, וואָס ער קומט אהיים אַ געזונטער, וואָס ער וועט ווידער זיין מיט אונז (סטאַרעט זיך צו לאַכען.) דאָס ביזט דו שולדיג, וואָס איך וויין אזוי. אָבער מעהר וועל איך נישט וויינען. (שטעהט אויף.) אָט וועל איך מיך צוזאמענעמען — גענוג, אראָבגעשלונגען די טרערען, איך וויין נישט מעהר. (פעסט, מיט צונויפגעדריקטע פויסטען.) איך וויים נישט מעהר! אָט אזוי אָ דריק איך צונויף די

פויסטען, די נעגעל אריינגעשטאָכען אין דאָס פלייש און ניטאָ קיין וויינען מעהר! און וויינסטו, שלאָג איך דיך, ווארף איך דיך ארויס פון שטוב. (נעמט אָן איידע׳ן פאר ביידע אַקסלען און טרייסעלט זי.) בעגרייף, ער קומט א לעבעדיגער אהיים! און איז געזונד! בעגרייף עס! בעגרייף עס!

איידע: שפרה׳טשקע, איך בעגרייף עס דאָך, איך טראכט עס מיר אליין, אָבער איך קאָן מיך נישט געוועהנען מיט דעם געדאנק, אז ער האָט יעצט בלויז איין האנט. טויט־חלשות פלעגט מיר אונטערגעהן אין האָספיטאל, ווען איך פלעג זי קוק טאָן אויף זיין לינקער זייט און זעהן, אז דער אָרם פעהלט; א טויט־שרעק פלעגט אויך מיר אָנפאלען.

שפרה (מיט קאָפּ־שאָקלען, דעם בליק אָנגעשטעלט אין דער ווייט): ווי מוז ער אליין נעביך ליידען? פופציג יאָהר האָבען צוויי הענט און פלוצלונג — וואָס פאר א וועהטאָג דאָס איז! וואָס פאר א גרויסער נשמה־וועהטאָג דאָס איז! הערסט, איידע, מיר מוזען אונז שטארקען. מיר מוזען ארויפזעצען אויף אונז די פרעהליכסטע געזיכטער. דער עיקר קיין וואָרט מיט איהם נישט רעדען וועגען דער פעהלענדיגער האנט. קוקען אויף דעם היינ־גענדיגען ארבעל און מאכען זיך, ווי מיר זעהען נישט, אז...

איידע (צואווינט זיך ווידער).

שפרה: וויין דאָך נישט! וויין דאָך נישט! ער קאָן דאָך גלייך אריינקומען — שטארק דיך דאָך! (זי דריקט זיך דאָס מויל, זי זאָל זיך נישט צואווינען. עס קלינגט.) דאָס קומט ער א ודאי מיט אייזיק׳ען. (עפענט די טיר. נייטאַן טרעט אריין. דאָבע בעווייזט זיך אין דער פראָנטרום־טיר; דערזעהענדיג נייטאַנ׳ען, פערשווינדט זי צוריק.)

נייטאן: גוטען טאָג. אייער פעטער שוין דאָ?

שפרה: מיר ווארטען אויף איהם. איך האָב געוואָלט געהן נאָך איהם אין האָספיטאל, מוז איך אָבער זיין מיט דער

ביבי דאָ, וועלכע וויינט און וויינט אַלץ. האָט איהר עפּעס אַ תרופה צו איהר וויינען?

נ י י מ אַ ן: בין איך עפּעס אַ פּאַטענטירטער טרערען־שטילער? זי וועט זיך ביסלעכווייז צוגעוועהנען צו זיין האַנט און אויפהערען צו וויינען.

ש פ ר ה: איך וויל אָבער, זי זאָל נישט וויינען פאר דעם פעטער אין די אויגען.

נ י י מ אַ ן: ער ריכט זיך שוין אויף טרערען. ער וועט זיך וואונדערען, ווען ער וועט נישט זעהן פאר זיך פערגלעזטע אויגען.

ש פ ר ה: מאָג איך הייסט עס אויך וויינען?

נ י י מ אַ ן: ווען עס וויינט זיך אייך.

ש פ ר ה: איך וויל אָבער נישט! איך וויל אָבער נישט! איך וויל איהם בעגעגענען מיט אַ פרעהליכען געזיכט. איך וויל איהם זאָגען, ווי גליקליך איך בין, וואָס ער איז ווידער דאָ מיט אונז. איך וויל נישט וויינען.

נ י י מ אַ ן: עס קאָנען אויך זיין פריידענסטרערען.

ש פ ר ה: איהר ווילט דורכאויס, איך זאָל וויינען!

נ י י מ אַ ן: ניין. עס פרעהט מיך גאָר צו זעהן, ווי איהר קעמפפט געגען אייערע טרערען. עס איז דאָ נאָך וואָס אין אייך פון דער אַלטער קעמפּפערין, פון דעם ווילענמענש, פון דער טוערין. איבריגענס, ווי שטעהט עס מיט דעם געלט? זאָגט ער זיך נאָך אַלץ אָב פון אָנצונעהמען דאָס געלט פון דער קאָמפּאני?

ש פ ר ה (טרויעריג). ער האָט שוין אונטערגעשריעבען אַ פּאַפּיער, אַז ער זאָגט זיך אָב פון אַלע געלטמאָהנונגען, בתנאי אַז דער קאָנדוקטאָר און מאָטאָרמאַן זאָלען צוריק קריגען זייערע שטעלען און נישט בעשטראָפט ווערען.

נ י י מ אַ ן: מערקווירדיג! וואונדערבאר!

ש פ ר ה: פערשטעהט איהר אָבער יעצט, וואָס איך מוז טאָן?

נ י י מ א ן: איהר זאָלט יעצט אזוי האנדלען, ווי איהר וואָלט געהאנדעלט פאר זיעבען יאָהרען אין רוסלאנד. די אידעע איז ביי אייך געוועזען איבער דאָס פּריוואטע לעבען פון אייערע קרובים.

ש פ ר ה: די אידעע! די אי־עע! ווילט איהר נאָך אלין נישט איינזעהן, אז מיינע פליגלען זיינען מיר אָבגעהאקט געוואָרען, און איך קאָן מיך שוין מעהר נישט איבּהעבען צו די הימלען, אין וועלכע איך האָב א מאָל ארומגעשוועבט? מינטערט מיך נישט. לאָזט מיך טאָן דאָס ביסעל, וואָס איך קאָן, אין דעם איינגען קרייז פון מיינע נאָהענטע! ווען איך האָב געשריבען מיין אדוועטייזמענט, האָב איך געטראכט נאָר פון אן אייגענעם ווינקעל און אייגענעם גליק. איצט פערבינד איך מיין לעבען מיט דעם לעבען פון מיינע נאָהענטע. דאָס דערהויבט מיר אביסעל דעם ווערטה פון מיין לעבען, און איך וויל זיין צופרידען — איך וויל זיין צופרידען.

נ י י מ א ן: די גאנצע וועלט וועט אייך גערעכט געבען און קוקען אויף מיר ווי אויף א נאר, ווי אויף א „קרענק". אָבער איך קאָן מיך נישט בערוהיגען. איהר זייט צו עהרליך. עס לעבט נאָך אין אייך...

ש פ ר ה: גאָרנישט! גאָרנישט! גאָרנישט! הערט אויף!

נ י י מ א ן: עס לעבט נאָך אין אייך די בייגקענים נאָך דעם פערלאָרענעם גאָט! עס איז נאָך פריש אין אייער זכרון דאָס גליק און דאָס פרייד פון דער ארבייט פאר א גרויסער אידעע, אייער הארץ קלאפּט נאָך — —

ש פ ר ה (היסטעריש): איך וועל דעם פעטער נישט לאָזען פערהונגערען, און זי מוז נאָך ליבערטי, און איך אליין וויל האָבען רוה, מאטעריעלע רוה, און אן אייגענעם ווינקעל, און קע־פערליך גליק... (עס קלינגעלט.)

א י י ד ע (אוילט די טיר אויפצועפענען).

ד אָ ב ע (בעווייזט זיך ווידער אין דער פראָנט־רום טיר).

ש פ ר ה (מיד, טאָגלאָז): הערט אויף! הערט אויף!

נעלסאָן (קומט אריין): שוין געקומען?

דאָבע (ארייַנטרעטענדיג אין קיך): נאָך נישט.

נעלסאָן: אַלזאָ, איך האָב זיך דורכגערעדט מיט מיין פריינד, לאָיער מארקוס. מען קאָן מאַכען דעם פּראָצעס. מען וועט ערקלערען, אַז דורך דער קאַטאַסטראָפע איז ער שוואַכזיניג געוואָרען און איז נישט פערַאנטוואָרטליך פאר דאָס, וואָס ער טוט.

שפרה: אין וועמעס נאָמען וועט איהר מאַכען דעם פּראָצעס?

נעלסאָן: ווי הייסט, אין וועמעס? אין איהר, אין זיין ווייב'ס. זי איז אויך דער גרעסטער און נאָהנטסטער קרבן פון זיין משוגעת.

שפרה: און זיין זוהן וועט גאָר קיין דעה נישט האָבען?

נעלסאָן: עס איז אויך אין אייזיק'ס אינטערעסען —

איידע: ניין, אייזיק וועט קיינמאָל נישט צולאָזען, מען זאָל זיין טאַטען דערקלערען פאר משוגע.

דאָבע: ער דערקלערט זיך אליין, מען דאַרף איהם נישט דערקלערען.

נעלסאָן: א מענש, וועלכער האָט זיך עפּעס ארייַנגע־נומען אין קאָפּ א משוגעת און האָט אויף קיינעם נישט קיין רחמנות — —

שפרה: וואָס היצט איהר אייך אזוי? וואָס האָט איהר אייך אזוי דאָ אָנגענומען?

נעלסאָן: עס איז א רחמנות אויף איהר! וועגען איהר לאַגע האָט איהר קיינער נישט א טראַכט געטאָן! אייך איז קיינעם נישט אייַנגעפאַלען, וואָס וועט זיין איהר סוף מיט אַן אַלטען, משוגע'נעם, פערקריפּעלטען בעטלער!

שפרה: מר. נעלסאָן, גלייך זאָלט איהר ארויס פון דאַנען!

דאָבע: אזוי אפילו? איך בין דאָ די בעל־הבית'טע!

שפרה (צו נעלסאָנ'ען): גלייך אָבער זאָלט איהר ארויס!

נעלסאָן: איך האָב דאָך גערעדט פון מענשליכען שטאַנד־

פונקט. איך בין נישט אויסען געוועזען קיינעם נישט צו בעליי־דיגען. און אַז איהר טרייבט מיך, וועל איך אייך זאָגען, אַז איך בין צו אייך נישט געקומען און אַז איך וועל נישט אוועקגעהן פון דאַנען, ביז איך וועל נישט וויסען, אַז איהרע אינטערעסען זיינען בעשיצט. און מען לאַכט פון איך, פערשטעהט איהר — מען לאַכט — — (מנשה׳ס שטימע אויף די טרעפ.)

אײדע (שרייט אויף): דער שווער!

נעלסאָן (ווערט אַבהענגדיג, פערלאָרען).

ניימאַן (געהט לאַנגזאַם אַריין אין פראָנט־רום).

דאָבע (שעפטשעט עפּעס נעלסאָנ׳ען). נעלסאָן (געהט אַריין אין פראָנט־רום).

מנשה און אײזיק (קומען אריין. מנשה זעהט אויס פיעל עלטער און גרויער, דאָך אויף זיין לוידענדיגען, פאַר שמערין אָפּט אויפצוקענדיגען געזיכט ליעגט זיין געוועהנליכער, גוטער שמייכעל. דער לינקער אַרבעל הייגגט. אײזיק נעמט פון איהם אַראָב דעם מאַנטעל. שפרה וואַרפט זיך איהם די ערסטע אויפ׳ן האַלז. אײדע ברעכט אויס אין אַ געוויין, וועלכער ברייגגט ארוים שפרה׳ן פון איהר פאַסונג. זי לויפט אַוועק אין פראָנט־רום, אײדע לויפט איהר נאָך).

מנשה (קוקט נאָך די אנטלויפענדיגע מיט קאָפּ־שאָקלען און טרויעריגען שמייכעל): נו, וואָס איז דען? וואָס אנטלויפט איהר? (צו אײזיק׳ען, אָנווייזענדיג אויף דער פעהלענדער האַנד.) נאָך נישט צוגעוועהנט געוואָרען, הע־הע. געה בערוהיג זיי.

אײזיק (געהט אין פראָנט־רום).

מנשה (ווענדט איצט זיין בליק צו דאָבע׳ן). גוטען טאָג, דאָבע!

דאָבע (טרוקען): גוטען טאָג!

מנשה: ווילסטו מיר נישט האַנד און קום געבען צו אַ „ברוך הבא“ און „מחיה המתים“?

דאָבע (ווענדט אָב דעם קאָפּ אָן אַ זייט מיט פעראַכטונג און ביטערקייט).

מנשה: נו?

דאָבע: איך פיהל נישט, ווי צו געבען, גיב איך נישט.

מנשה: אויך גערעכט. שטעל דיר אָבער פאָר, אז איך האָב דאָס פאפיער גאָר נישט אוועקגעגעבען און האָב בעשלאָסען אָנצונעהמען דאָס געלט.

דאָבע (ווענדט זיך אום צו איהם).

מנשה: שטעל דיר עס פאָר. האָב דאָס פאפיער גאָר צוריסען און —

דאָבע: האָסט עס ווירקליך?

מנשה: ווירקליך. און איך האָב נאָך בעשלאָסען, וואָס מעהר געלט ארויסצורייסען. די האנט וועט מיך מוזען מאכען פאר א גביר.

דאָבע: האָסטו דיך דאָך איבערגעלעגט?

מנשה: איבערגעלעגט, איבערגעלעגט. ארויסגעשלאָגען פון זיך די משוגעת. האָב איינגעזעהן! וועסטו מיר יעצט געבען מיין ווארימען „ברוך הבא“?

דאָבע (איבערלעגט אַ מאָמענט, קוקט זיך אין איהם איין, צי נאַרט ער זי נישט, רייסט זיך אָב פון איהר אָרט און געהט צו איהם צו גאַנץ לאַנגזאַם און ציהט אויס די האַנד).

מנשה (נעמט נישט איהר האַנד און שאָקעלט טרויעריג דעם קאָפּ): ניין, איך וויל ביי דיר נישט אויסנארען קיין קוס. דאָס פאפיער איז ביי דער קאָמפּאני אין די הענט, איך וועל קיין איין גראָשען נישט אָננעהמען.

דאָבע (ציטערט אויף פאַר כעס און בייזקייט): אוי!

מנשה: גאָט איז מיין עדות, אז איך וואָלט געוואָלט האָבען פון דיר דעם ווארמסטען ברוך הבא. אָבער איך וועל איהם נישט קויפען פון דיר פאר דאָס געלט.

דאָבע: פאר וואָסער געלט? מיט וואָס איז דאָס געלט שלעכט? זיי האָבען דיר דאָך אליין אָנגעבאָטען דאָס געלט!

מנשה: איך בין אויף דיר א האָר נישט אין כעס. איך גיב דיר אין גאנצען גערעכט. האָסט חתונה געהאט מיט מיר

נישט אוים ליעבע. עס איז ביי דיר געווען א געלט־שידוך, און אז ניטאָ קיין געלט, איז אוים שידוך. איך ווייס עס זעהר גוט.

דאָבע: האָסט שוין דאָרטין אין שטעדטעל אויך קיין געלט נישט געהאט, בין איך עפּעס געווען אנדערש צו דיר? איך האָב געוואוסט, אז דאָס איז ניט דיין שולד, אז די פּאָגראָמ־שטשיקעס האָבען אונז רואינירט, און איך האָב געטראָגען די אָרימקייט, ווי איך וואָלט זי געטראָגען, ווען איך וואָלט מיט דיר התונה געהאט אוים ליעבע פון דער ריינסטער פראָבע. איז עס אפשר נישט אזוי?

מנשה (זיפצט טיעף אויף): עס איז אזוי, דאָבע.

דאָבע: דארפסטו מיר נישט אויפווארפען קיין געלט־שידוך. און איך וואָלט דאָ אין אמעריקא אויך געליטען, ווען דו אליין וואָלסט נישט מיט די אייגענע הענט אריינגעצייגען די אָרימקייט אין שטוב. צוערסט מיט דער פרומקייט, און יעצט מיט דער משוגעת. איך וועל גאַנץ בעשטימט נישט וועלען אויסגעהן פאר הונגער מיט א משוגע'נעם קריפּעל.

מנשה (ציטערט אויף): א משוגע'נעם קריפּעל! העהע! יא, יא, איך גיב דיר דאָך גערעכט.

דאָבע: א סך קומט מיר דערפון ארוים, אז דו גיסט מיר גערעכט.

מנשה: און אז איך וועל דיר זאָגען, פאר וואָס איך האָב מיך אָבגעזאָגט פון דעם געלט?

דאָבע: איך וויל נישט וויסען פון קיין שום פארוואָס. עס איז נישטאָ אויך קיין פארוואָס און קאָן נישט זיין. דו ביזט איבערגעפאָהרען געוואָרען, און די קאָמפּאַני אליין האָט דיר אָנגעבאָטען געלט. ניטאָ קיין פארוואָס. עס איז פּשוט א משוגעת. און אויב דאָס איז ביי דיר א מיטעל פּטור צו ווערען פון מיר, האָסטו קיין בעסערע זאך נישט געקאָנט אָבטראכטען. ווארים איך וועל זיכער מיט דיר נישט בלייבען. אמעריקא איז א פרייע מדינה, און איך וועל מיין שטעדטעל בעשטעהן.

מנשה: דו ווייסט דאָך, אז איך האָב געוואָלט אריינקריגען א סך געלט און דיך בעלוינען, אומקערען דיר פאר דיין טרייקייט.

דאָבע: שיין האָסטו מיך בעלוינט! (ווייזט איהם אויף זיין לינקען אָרם.) זעהר שיין! און נאָך שענער ווילסטו מיך בעלוינען. וועסט קריגען א פּאָר טאָרבעס און אויפהיינגען אויף דיר און אויף מיר און לאָזען זיך מיט מיר איבער די הייזער, אבי רער קאָנדוקטאָר מיט דעם מאָטאָרמאַן זיינען פערזאָרגט!

מנשה: מיר האָבען א גאָט, דאָבע! מיר האָבען א גרויסען גאָט.

דאָבע: אָט דאָס איז אלץ, וואָס מען האָט יעצט פון דיר. איז געוואָרען פרום ווי אַ שטעקען און רעדט אלץ מיט גאָט.

מנשה (קוקט זי אָן מיט פאָרוואורף, כאַפּט זיך אָן פאַר דער לינקער אַקסעל, אונטערדריקט אַ קרעכץ און ווענדט זיך צו דער פראָנט־רום טיר, עפּענענדיג זי): וואו זייט איהר, קינדער? וואָס האָט איהר אייך בעהאַלטען? (אייזיק, שפרה און איידע קומען לאַנגזאַם אריין, טרויעריגע, פערוויינטע, לאָזענדיג די טיר אָפען.) איהר האָט אייך אויסגעוויינט? אויף וואָס האָט איהר געוויינט? אויף מיין האנד, וועלכע איז מיר פערלאָרען געגאַנגען? אָדער אויף מיין שכל? אָדער אויף דאָס געלט? וואָס בין איך יעצט? האָב געוואָלט זיין אייער גאַנצע האָפנונג, ברייננגען אייך אלע ישועות, און בין יעצט א שברי כלי, א צובראָכען שערבעל, א משוגע׳נער קריפּעל, וועלכער קאָן נאָר בלויז רעדען מיט גאָט. די וואָרפט מיר דעם גט פאר די פיס. ווילט איהר עס אויך טאָן? וואָס בין איך אייך יעצט אלעמען? אוי! (כאַפּט זיך פאר דער לינקער אַקסעל.)

שפרה (האסטיג): איהר מיינט נישט, וואָס איהר זאָגט, פּעטער! איהר ווייסט גאנץ גענוי, אז ביי אונז זייט איהר נישט וועניגער געוואָרען. איהר ווייסט, פאר וואָס מיר האָבען געוויינט. מיר האָבען נישט געוואָלט ווייגען, מיר האָבען געוואָלט מאכען די פרעהליכסטע געזיכטער. איהר זעהט די נעגעל אין מיין הויט?

דאָס האָב איך מיך געוואָלט איינהאַלטען פון וויינען, אָבער עס איז נישט געלונגען. דאָך נישט מעהר, פעטער. מיר ויינען איבער־גליקליך, וואָס איהר זייט לעבען געבליבען. עס איז ביי אונז היינט דער גרעסטער יום־טוב, וואָס איהר זייט געקומען אַהיים.

מנשה (אָבווישענדיג זיך אַ טרער, סטאַרעט זיך צו לאַכען): אַ טשיקאַווע זאַך, דער אָרם פעהלט מיר און טוט מיר נאָך וועה. ביז אין דער שפּיץ פינגער טוט ער מיר וועה. אַט קאָן איך דאכט זיך אָננעמען די וועהטאָגדיגע פינגער און צודריקען זיי. אַ משונה־דיגער שמערץ. די לופט טוט וועה, העהע. — יאָ, יאָ, שפרה'טשקע. איך וויים אייך, קינדערלעך, איך וויים אייך. נאָר אין מיר אליין קלאָגט דאָס הארץ. וואָס וועט זיין מיט דיר, איידעלע? ווי דאָס וויינט אלץ. וואָס וויינסטו, קינדעלע? דו טאָרסט ניט וויינען. דאָס גיט דיר נישט צו קיין געזונד. דאָס מאכט ניט שטארקער דיינע שוואכע לונגען. מוזט נאָך ליבערטי און — (קרעמפּפט פער־צווייפעלט די רעכטע האַנד.)

איידע: אך, איך וועל געזונט ווערען אָהן ליבערטי. מיר געהט שוין אַ סך בעסער.

אייזיק: ווען דו וואָלסט אָבער אָנגענומען דאָס געלט —

מנשה: ווענען דעם זאָלסטו מיט מיר נישט רעדען, האָב איך דיך געבעטען. זאָלסט מיר עס מעהר נישט דערמאָנען.

אייזיק: און אויך דעמאָלט נישט, ווען איך וועל דיר זאָגען איידע'ן אין די אויגען, אז זי האָט געזאָגט אַ ליגען, אז איהר געהט נאָר אַ סך ערגער, אז זי מוז אין ליבערטי וואָס שנעלער?

מנשה: וואָלסטו געוואָלט, איך זאָל געהן גנב'ענען געלט און דיר געבען?

אייזיק: אָבער דו זאָגסט דיך דאָך אָב פון געלט, וואָס מען גיט דיר!

מנשה: די זעלביגע זאַך.

דאָבע: עס איז משוגע צו ווערען!

נ ע ל ס אָ ן (איילט אריין, אויסשרייענדיג): געה איך יעצט צום לאָיער!

מ נ ש ה: אהא, מר. נעלסאָן! וואָס עפּעס א י ה ר צום לאָיער?

נ ע ל ס אָ ן: מיר וועלען מאכען א פּראָצעס אָהן אייך. זי וועט מאכען דעם פּראָצעס.

ש פ ר ה (שרייט אויף): מר. נעלסאָן!

מ נ ש ה: אָהן מיר?

ש פ ר ה: איהר זאָלט שווייגען! שווייגען זאָלט איהר!

מ נ ש ה (האַלט שפרה'ן צוריק): שאַ, שטיל, לאָז זיך דורכ־רעדען. ווי איז דאָס אָהן מיר? איך בין דאָך נישט טויט. איך וועל דאָך מוזען אויפטרעטען אלס עדות. מען וועט דאָך מוזען בעווייזען, אז מיין האנד איז אָבגעשניטען.

נ ע ל ס אָ ן: דער לאָיער וועט שוין אלץ בעוואָרענען.

מ נ ש ה: מילא, וועל איך מוזען אויסשפּיעלען מיין גרעסטע קאָרט. (אַלע קוקען איהם געשפּאַנט אָן.) איהר ווילט זי טאקע וויסען מיין גרעסטע קאָרט? איך האָב זי געוואָלט האלטען בסוד, איך האָב מיך געשעמט צו דערצעהלען אייך דעם אמת. אָבער אז מען וועט מוזען, וועל איך איהם דערצעהלען אפילו אין געריכט. (קוקט שאַרף אָן די אַרומיגע און שרייט ארויס פון צווישען די ציינער.) איך האָב מיך מיט א כיון אראָבגעוואָרפען פון דער קאר!

א י י ד ע: אוי!

ש פ ר ה (ניעדערגעשלאָגען): איך האָב עס גערעכענט!

ד אָ ב ע (מיט עקעל): איך האָב עס געוואוסט!

מ נ ש ה (מיד, טאָנלאָז): איך האָב געטראכט, איך וועל מיך א ביסעל אָבשלאָגען, אפשר אויך א ביסעל צוקריינקען, דערפאר אָבער וועל איך איינקאסירען פון דער קאָמפּאני עטליכע הונדערט דאָלער וועהטאָג־געלט, און מיט דעם געלט וועל איך מיך דערנאָך ארויפשלאָגען אויף א וועג.

נ ע ל ס אָ ן (לאַכט): וואָס א מענשען קאָן איינפאלען!

מנשה: איהר לאכט? אָבער פאר מיר איז קיין אנדער ברירה נישט געוועזען. אלץ האָט זיך אָנגעקליבען אויף א מאָל: די מיאוס'ע פעדלערייַ, זי מיט איהר שנאה און פעראכטונג, איידעלע מיט איהרע לונגען, און זי מיט איהר אָמאהא. איך האָב געמוזט קומען צו געלט און קיין אנדער פלאן נישט געזעהן פאר זיך. איך האָב אָבער פערגעסען, אז מיר האָבען א גאָט אין הימעל, וועלכער זעהט אלץ און ווייס אלץ. איך האָב מיין גאנץ לעבען געהאט ריינע הענד, איך האָב קיינמאָל ניט פערנומען קיין פרעמדען גראָשען, יעצט האָב איך זיי געוואָלט בעשמוצען, פעראומריינינגען, געוואָלט ארייַנכאפען פרעמד געלד און אפילו נישט א טראכט געטאָן, אז צוויי אונשולדיגע מענשען, דער קאָנדוקטאָר און מאָטאָרמאָן, וועלען אפשר ליידען דורך דעם. איך האָב דאָך אפילו געטראכט, אז אויב איך וועל רייך ווערען, וועל איך דער קאָמפּאַני אומקעהרען צוריק איהר געלד, אָבער גאָט האָט דעם איבערעד נישט געוואָלט און האָט מיך בעשטראָפט. ווילסט פרעמד געלט האָבען, ווילסט דיינע ריינע הענד בעשמוצען, איז האָסטו דיר — איין סעקונדע און דיין האנד איז אוועק! און דיין האנד וועט דיר פעהלען, און דאָך וועט זי דיר נישט אויפהערען צו שמערצען. זי זאָל דיך שטענדיג דערמאָנען, ווי דו האָסט דיך געוואָלט פערזינדיגען געגען דיינע הענד און געגען דיין נשמה.

נעלסאָן: אבסאָלוט משוגע!

מנשה: העהעהע... וועה, וואָס אמעריקא האָט פון אייך געמאכט, גאָספּאָדין קאצענעלענסאָן!

דאָבע: מר. נעלסאָן, איך געה פון דאנען אוועק, קאָנט איהר מיך ערגעץ־וואו אונטערברייַנגען?

נעלסאָן (איבערראַשט): ווי?!

דאָבע: איך וויל פון אייך גאָר נישט האָבען. איך וועל ארבייטען, איך וועל מיר זוכען עפּעס. איך וויל בלויז פון אייך, איהר זאָלט מיך ערגעץ־וואו אונטערברייַנגען, געפינען מיר א צימער. איך קען דאָך נאָך די גאסען נישט.

נעלסאָן: אָבער געוויס! אלץ, וואָס איהר ווילט! איך לאָז אייך מיין צימער אָב, איך וועל ביי א פריינד...

דאָבע: געה איך מיר איינפּאַקען. (געהט אין פראָנטרום.)

נעלסאָן (נאָך איהר): עס איז דאָס איינציגע ריכטיגע, וואָס איהר קענט טהאָן.

איידע (וויינט ביטערליך).

מנשה (צו אייזיק'ען): נעם זי יעצט אוועק פון דאנען. זי דארף נישט אזוי וויינען.

אייזיק: טו א קוק, וואָס טוסט דיר אליין אָן.

מנשה: קאָנסט דו נאָך רעדען, נאָכדעם וואָס דו האָסט פון מיר געהערט? נעהם זי יעצט אוועק פון דאנען. זי דארף דאָ יעצט נישט זיין. נעהם זי אהיים. בערוהיג זי. געה, איידעלע, אהיים. געה. וואָס וויינסטו? וואָס וויינסטו? זי געהט אוועק! זי ווארפט מיך! קינדעניו, מיט מיין האנד האָב איך געלעבט פופציג יאָהר און מיט איהר בלויז פיער. איך וועל מיך צו אלץ צוגעוועהנען. געה אהיים, קינד מיינס, געה אהיים.

איידע: איך וויל נישט וויינען און עס וויינט זיך אלץ. שווער, שווער, וואָס וועט זיין מיט אייך?

מנשה: וואָס וועט זיין מיט מיר? (נעמט אַרויס דעם זאַק פון אונטען אין גלעזערשראַנק.) זעהסט דעם זאק? ער איז מיר נישט אָנגעשטאנען אלס פּעדלער־זאק, יעצט וועט ער מיר אָנשטעהן אלס בעטלער־זאק. איך וועל בעטלען געהן, ווען איך וועל מוזען. איך וועל בעטלען געהן און וועל מיך פיהלען גליקליך און רוהיג, ווייל מיינע הענד זיינען מיר געבליבען ריין, ווייל — (כאַפּט זיך פאַר דער לינקער אַקסעל און קרעכצט שטאַרק אויף.) געה יעצט. דו, דו מאכסט מיר בלויז — געה... א גוטען טאָג דיר. (קוסט זי.) א גוטען טאָג דיר, אייזיק!

אייזיק און איידע (געהען לאַנגזאַם אַוועק, טרויעריגע, וויינענדיגע).

שפרה: פעטער, לעגט אַוועק אייער זאַק און לאָזט די מוהמע נישט אַוועקגעהן. איך פאָהר נאָך אַמאָהל.

מנשה: דו וועסט נישט פאָהרען נאָך אַמאָהל.

שפרה: נאָך היינט, פעטער!

מנשה: אָבער ניין! סיידען דו ווילסט חתונה האָבען מיט אַ שמוציגען מענש און שמוציגען געלט.

שפרה (שרייט אויף מיט שרעק): פעטער!

מנשה: דו ווייסט נישט, וואָס דער אַמאָהל'ר ריעל עס־טייטניק איז געוועזען, איך ווייס אָבער, איך האָב מיך פערנאַנדער־געפרעגט. ער האָט אַנגעלעגט זיין קאַפּיטאַל אין בוענאָס־איירעס פון אונאָרענטליכע הייזער און ווייסע שקלאַפינען.

שפרה: אוי!

מנשה: איך האָב דאָס געוואָלט פון דיר בעהאַלטען.

שפרה: דאָס — פון — מיר — בעהאַלטען?!

מנשה. איך בין געוועזען פערבלענדט. איך האָב מיר געטראַכט, וועט מיר מיין פּלאַן געלינגען און איך וועל קומען צו געלט, וועל איך דיר אויפדעקען, וואָס פאַר אַ סחורה דיין חתן איז געוועזען אין אַרגענטינע. וועט מיר נישט געלינגען, וועסטו מיט איהם חתונה האָבען און ווי דו ווייסט נישט, אַזוי וועט דיר ניט שאַדען. איך האָב אפילו געוואָלט האָפען, אַז דו וועסט דיך קיינמאָל נישט דערוויסען פון זיינע אַמאָליגע אַרגענטינער געשעפ־טען. איך בין געווען פערבלענדט.

שפרה (דריקענדיג זיך די אויגען): פעטער! פעטער! פעטער!

דאָבע און נעלסאָן (קומען אריין, נעלסאָן טראָגענדיג אַ טשעמאָדאַן).

דאָבע (צו מנשה'ן): וועסט אַזוי גוט זיין און מאָרגען אריינגעהן מיט מיר צום לאָיער וועגען גט.

מנשה: צו וואָס צום לאָיער? צו וואָס לאָדען זיך? מיר וועלען עס מאַכען אידישליך. מיר וועלען אריינגעהן צו אַ רב.

דאָבע: אַ אידישער גט געהט דאָ נישט אָן. (צו נעלסאָנ׳ען.) גיט איהם, זייט מוחל, די אדרעסע פון דעם לאָיער.

נעלסאָן (שרייבט אויף די אַדרעסע און לעגט זי אַוועק אויפ׳ן טיש).

מנשה: נו, אז דאָס מוז זיין... אָבער אַ אידישען גט וועל איך אויך וועלען. אין צווייען איז אויך שטארקער, העהע.

דאָבע: אזוי ווילסטו דאָס פון מיר פּטור ווערען?

מנשה: איך וויים, קיין רייד און קיין טענות וועלען מיר דאָ נישט העלפען. גאָרנישט וועט נישט דערוויכען דיין הארץ. דו האסט מיך און פעראכטסט מיך.

דאָבע: עס איז דיין שולד.

מנשה: איך קאָן דיך נישט פערהאלטען. אזוי וויל מסתמא גאָט. געה דיר בשלום. אַ דאנק דיר פאר די פּאָר גוטע יאָהר, וועלכע — (קאָן נישט מעהר רעדען, זיין געזיכט צוקט, ווענדט זיך צו נעלסאָנ׳ען.) מר. נעלסאָן, זעהט, זי זאָל נישט פערלאָרען געהן, זי זאָל נישט עפּעס אראָבגעפיהרט ווערען. זי איז נאָך יונג און שיין און —

דאָבע: קומט, נעלסאָן! (געהט אַוועק).

נעלסאָן (פערציהט אַ ווייילע, וויל קענטיג עפּעס זאָגען פריינד־ליכס און געהט אַוועק).

מנשה (שרייט נאָך דאָבע׳ן): אָהן אַ גוטען טאָג?! — אוועק. — פיער יאָהר. — איינגעבאקען אין הארצען. אוי! (כאַפּט זיך פאר דער אַקסעל.) שפרה, וואָס זיצסט דו אזוי? וואו ביזט דו עפּעס?

שפרה (פיהרט זיך מיט דער האַנד איבער די אויגען און דעם קאָפּ): האָט איהר מיר נישט געגעבען מיט אַ האק איבער׳ן קאָפּ? גאָט, איבער וואָס פאר אַן אָבגרונד בין איך געשטאנען! גאָט, עס ברענט מיר מיין מוח! (רופט.) מר. נייכאן!

נייכאן (בעווייזט זיך אין דער פראָנט־רום טיר).

מנשה: אזוי, מר. ניימאַן איז דאָ! גוטען טאָג אייך, מר. ניימאַן. (זיי דריקען זיך די הענד, שטום, גערירהט.)

שפרה: מר. ניימאַן, הערט —

ניימאַן: איך האָב אלץ געהערט.

שפרה: ווי האָב איך געקאָנט אריינפאלען! עס שווינ־דעלט מיר אין קאָפּ, דער אָטעם פערכאַפּט מיר! אוי, ווי איך האָב געקאָנט אריינפאלען!

מנשה (אין געדאַנקען, מיט אַ זיפץ): מר. ניימאַן.... ווי האָב איך נישט פערשטאַנען, אז גאָט האָט עס מיר אַראָבגעשיקט זיין שליח צו ווארנען מיך!

ניימאַן: ווי מיינט איהר עס?

מנשה: איך בין יעמאָלט, אין יענעם טאָג, אוועקגעגאַנגען פון אייך מיט אַ ריס אין הארצען. איך האָב מיך געשעמט פאַר זיך אליין, מיין געוויסען האָט מיך שרעקליך געברענט און — און — און דאָך האָב איך מיך נישט צוגעהערט, נישט געוואָלט איינזעהן, אז גאָט — אה! (לעגט אַרויף די האַנד אויף די אויגען און שאָקעלט זיך.)

ניימאַן: איהר ווייסט, מר. ריווקין, איהר האָט אַ האַנד פערלאָרען, אייער ווייב פערלאָרען, פיעלייכט אויך פערלאָרען יעדע מעגליכקייט צו דערשלאָגען זיך צו עפּעס אין לעבען און דאָך האָט איהר פיעל מעהר געפונען, וויפיעל איהר האָט פערלאָרען.

מנשה (אָבדעקענדיג די אויגען): איך — איך פערשטעה אייך נישט.

ניימאַן: איהר האָט אייער גאָט געפונען, איהר זייט גאַנ־צער געוואָרען אין אייער גלויבען.

מנשה (שרייט אויף): יאָ! יאָ! דאָס איז אמת! (מיט אויפגעהויבענע אויגען צום הימעל.) אוי, ווי דאָס איז אמת!

ניימאַן: און איך, דער פריידענקער, פרעה מיך מיט אייך. זאָל יעדער געהן אין נאָמען פון זיין גאָט, אָבער אַ גאָט

מוז יעדער האָבען, און מיט איהם גאַנץ זיין און פון איהם אויס־געפילט זיין.

שפרה (מיט דער האַנד אויפ׳ן מויל, פערשטיקענדיג אַ מין היסטעריש אויפלאַכען דורך טרערען, שפּרינגט אויף און ענטלויפט אין פראָנטרום).

ניימאן (קוקט איהר נאָך): יעצט דאכט זיך וועל איך רעדען צו אָפענע אויערען. (נעמט אַ גלאָז, גיסט אָן מיט וואַסער און געהט אין פראָנטרום).

מנשה (געהט איהם נאָך מיט אַ בעגייסטערטען בליק, דאַן קוקט ער זיך אַרום אין צימער, קוקט אויף דער ארויסגאַנגסטיר מיט גרויסער בוינקענים, קרעכצט אויף, אָנבאַפענדיג זיך פאַר דער אַקסעל. דערזעהט דעם זאַק, העבט איהם אויף לאַנגזאַם, לאָזט זיך אַראָב אויף אַ שטול, בעטראכט דעם זאַק, שאָקעלט טרויעריג מיט׳ן קאָפּ, העבט אויף לאַנגזאַם די אויגען צום הימעל און ברעכט אויס אין אַ יאָמער): גאָט! שטארקינקער פאָטער!

בעסער נישט געבאָרען ווערען

דראמע אין פיער אקטען

(יולי, 1914)

פערזאָנען:

מאַטעס ראַטנער.
העניע, זיין פרוי.
אַלעקס, זייער זוהן.
נאַנסי, זייער טאָכטער.
מילדרעד, אַלעקסעס כלה.
אַ מיידעלע.
מרס. פיינס.
דער מיסטער.
שכנים. שכנות.

ערשטער אַקט

אַ גרויסע קיך אין אַ בעסערן טענעמענט־הויז, וועלכע דיענט אויך פאר אַן עסצימער. אין דער לינקער וואַנד, פאָרנט, די טיר, וועלכע פיהרט צו די אַנדערע צימער; אין דער הינטערוואַנד, מעהר צו לינקס, די טיר צום קאָרידאָר און צום ארויסגאַנג; אין דער רעכטער וואַנד הינטען די טיר צום באדעצימער. נאָהענט ביי דער באַדעצימער־טיר איז אַ „וואַשסטענד“, נישט ווייט פון איהם אַ „ראדיאַיטאָר“. ביי דער רעכטער וואַנד — גאַז־אויוועז, „וואַשטאָב“ און „אייז־באָקס“. ביי דער לינקער וואַנד אַ גרויסער, צו דער וואַנד צוגעשלאָגענער גלעזער־שראַנק. ביי דער באַדעצימער־טיר הייגגט אַ האַנדטוך. אַ גרויסער, מיט „אוילקלאָטה“ איבערגעדעקטער טיש, מיט שטולען אַרום איהם, פערנעמט דעם גאַנצען מיטען. פאָרנט לינקס אַ שאָקעל־שטול. — דאָס צימער איז לעדיג. עס איז אַ זומער־פארנאַכט און נאָך זעהר העל.

אַ ל ע ק ס, אַ יונגער מענש אין אָנהעב פון די צוואַנציגער, גלאַט ראַזירט, אַטלעטיש ענטוויקעלט, קומט אריין פון דער דרויסענטיר — שטיל, ווי אריינגע׳גנב׳עט, כמעט אויף די שפיץ פינגער. ער הערט זיך צו צו דער פאָרנסטער לינקער טיר, ד. ה. צו די איבעריגע צימער, געהט אַהין צו און קוקט אריין, מאַכט אַ בעוועגונג צום באדעצימער, שטעלט אָן דאָס אויער נאָך אויבען, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צום שטאָק איבער איהם, לאָזט אַראָב זיין בליק און טרעפט זיך אָן מיט׳ן וואַשסטענד — ער קוקט איהם אָן, ווי ער וואָלט איהם ערסט דערזעהן, און פיהרט איבער זיין בליק אויף זיינע הענד, ווי ער וואָלט זיי בעטראַכט, צו דארפען זיי אַ רייניגונג און מישב געווען זיך מיט זיך, צי זאָל ער זיי וואַשען. ער בעשליסט זיי צו וואַשען, צושמייכלענדיג זיך מיט אַ קרומען, ליידענדען שמייכעל. ער דרעהט אויף דעם קראַן, נעמט אַ שטיקעל זייף, וואָס ליעגט איבער׳ן סטענד, און העבט אָן פלייסיג צו וואַשען די הענד, דערביי העבט ער אויף אַ פּאָר מאָל דעם קאָפּ און

הערט זיך צו צו אויבען. איינמאָל שטעלט ער אפילו אָב דאָס וואַסער, דער גערויש זאָל איהם נישט שטערן אין צוהערען. ענדליך ווערט ער פאַרטיג מיט וואַשען זיך. ער נעמט דאָס האַנדטוך, וואָס הייננט ביי דער טיר, און ווישט זיך די הענד. ער טוט עס לאַנגזאַם און פּעסט, ווי ער וואָלט עפּעס אַראָבגעריבען פון זיי, בעטראַכט זיי אַ פּאָר מאָל און אין דער איינגענער צייט שטעלט ער אָן דאָס אויער נאָך אויבען, שטעהט אַ ווײַלע אין געדאַנקען, הענגט אויף דעם קאָפּ און לעגט אַרויף די הענד אויפ'ן געזיכט. פּלוצלונג דערמאָנט ער זיך עפּעס, ווי דער־שראָקען, נעמט אַרויס אַ שליסעל פון קעשענע, געהט צו צום אייזבאַקס מיט זיין גנבה'שען גאַנג, שטיל און אויף די שפּיץ פינגער, און לעגט אַוועק דעם שליסעל אונטער דעם טישטיכעל, וואָס ליעגט אויסגעשפּרייט איבער'ן אייזבאַקס. יעצט ווישט ער זיך ווײַטער די הענד, און ענדליך הייננט ער אויף דאָס האַנדטוך, נעמט אַרויס זיין פּיפּקע, שטאָפּט זי אָן און פערראַוכערט זי. געהט זיך דורך אַ פּאָר מאָל איבער'ן קיך, אָפּט צוהערענדיג זיך נאָך אויבען. באַלד פערשווינדט ער אין פאָר־צימער, קומט אַרויס פון דאָרטין מיט דעם שטרויהוט אויפ'ן קאָפּ, בעקוקט זיין טאַשענטיכעל, בעשליסט קענטיג, אז ער דאַרף האָבען א פריש טאַשענטיכעל און וויל אַריין אין די אַנדערע צימער, ווען עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ מיט דער אַרויסגאַנגטיר. ער בלייבט שטעהן, צו זעהן, ווער עס קומט.

מאַטעס (אַ קרעפּטיגער מאַן, ווייט אין די פופציגער, מיט אַ שטאַרק בעגרויטען שוואַרצען באָרד, קומט אַריין, ווישענדיג זיך דעם שווייס מיט אַ גרויסען טאַשענטוך).

אַלעקס. אָה, פּאַפּאַ, דו! שוין פון שאַפּ?

מאַטעס. שוין? פּונקט ווי אַלע טאָג. וויפיעל איז דען דער זייגער?

אַלעקס (קוקט אויף זיין קעשענע־זייגער). טאַקע. איך האָב גאָר נישט געמערקט. (געהט ווידער אַרום.)

מאַטעס (לעגט אַוועק אַ צייטונג אויפ'ן טיש און קוקט אַריין אין די צימער). איז די מאַמע אין דער היים?

אלעקס. ניין.

מאטעס. נאָך ניטאָ פון קוני איילענד?

אלעקס. שיינט.

מאַטעס. אזוי שפּעט? וואָס קאָן עס מיט איהר זיין? — און דו? קומסטו אָדער געהסט אוועק?

אלעקס. איך? — איך — בין ערסט געקומען.

מאטעס. און וואָס ביזטו עפּעס אזוי־וי־וי?

אלעקס (שטעהן בלייבענדיג). ווי?

מאטעס. אָט — עפּעס — אפילו די צייט נישט גע־מערקט. האָסט שטודירט א סך אין דיין דענטיסטרי? אָדער דו ביזט געווען ביי א בייזבאָל־גיים און די „דזשייענטס“ האָבען פערלאָרען?

אלעקס. העהע... יא... ניין... איך... איך בין אזוי ארומ־געגאנגען אין די גאסען... ארומגעבלאָנדזשעט...

מאטעס. אין אזא היץ? משוגע!... (געהט אריין אין באדעצימער.)

אלעקס (געהט ארום, רויבערט, הערט זיך צו צו אויבען, טוט אויס דעם הוט, טראָגט איהם אריין אין פאָרצימער, קומט אריין און העבט וויעדער אָן זיין ארומשפּאַצירען).

מאטעס (קומט אריין מיט נאַסע העמד און ווישט זיי מיט'ן האַנדטוך איבער'ן טיר). געדארפט אפילו נעמען א וואנע, אָבער איך בין אזוי פויל און מיד און הונגעריג. איך וועל שוין פאר'ן שלאָף.

אלעקס (בלייבט שטעהן נעבען איהם, קוקט נאָך זיינע בעווע־גונגען און שמייכעלט אָב). הע!...

מאטעס. וואָס איז? וואָס לאכסטו?

אלעקס. א פילאָזאָפישער געדאנק דורכגעפלויגען.

מאטעס. א פילאָזאָפישער געדאנק? ביי דיר? ארוים מיט איהם! לאָז הערען!

אַ ל ע ק ס. ווי אַ י י ן האַנדטוך קאָן אָבווישען די פער־שיעדענסטע הענד.

מ אַ ט ע ס (איבערהזרגנדיג, לאַנגזאַם פערגאַנדערקייענדיג די ווערטער). ווי — אַ י י ן — האַנדטוך — קאָן אָבווישען די פער־שיעדענסטע הענד — — גוט. — — אַ גוט ווערטעל. — — עס ליגט עפּעס אין איהם. — — ווי אַ י י ן האַנדטוך — די הענד פון אַן עהרליכען ארבייטער און די הענד פון אַ קעשענע־גנב, די הענד פון אַ צדיק און די הענד פון אַ מערדער.

אַ ל ע ק ס. הע״הע...

מ אַ ט ע ס. עפּעס איז אין דעם פאַראַן. אָבער וואָס געהסטו מיט דעם מאַכען? וואָס פאַר אַ מוסר געהסטו פון דעם אָבלערנען? אַנטקעגען וואָס האָסטו דאָס ארויסגעבראַכט?

אַ ל ע ק ס. אַ געדאַנק איז אַ געדאַנק, און אַ גוטער געדאַנק איז דאָך אַ ודאי גוט.

מ אַ ט ע ס. פערשרייב עס און שיק עס אריין אין די צייטונגען. זיי זוכען געדאַנקען ווי מיט ליכט. קריגסט נאָך בע־צאָהלט.

אַ ל ע ק ס. איך פאָלג. (נעמט ארויס פון קעשענע אַ נאָטיץ־ביכעל און בלייעשטיפט און שרייבט.)

מ אַ ט ע ס (אויפהייבענדיג דאָס האַנדטוך, נעמט די צייטונג, זעצט זיך אויפ׳ן שאָקעלשטול און פערטיעפט זיך אין לייענען. פּלוצלונג פרעגט ער). ביזטו געוועזען אויבען?

אַ ל ע ק ס (ציטערט אויף). אויבען?

מ אַ ט ע ס (קוקט ארויס פון דער צייטונג). נו, יאָ. אויבען. (ציינט מיט׳ן פינגער צום באַלקען.) וואָס מאַכסטו אזעלכע אויגען? אויבען, אין מילדרעד׳ס וואוינונג, האָסטו נאָכגעזעהן?

אַ ל ע ק ס. יאָ, יאָ, געווים. נאָך אין דער פריה.

מ אַ ט ע ס. און מעהר נישט? מי דאַרף עפטערס נאָכזעהן. מי לייענט זיך אָן אין די צייטונגען פון אזוי פיעל גנבות. געה טו אַ קוק.

אַלעקס. איך וועל... איך וועל... האָסטו נישט געזאָגט, אַז דו ביזט הונגעריג?

מאַטעס. יאַ, און גאָר נישט־קשה׳דיג. אָבער די מאַמע — איך ווער שוין אונרוהיג.

אַלעקס. דאַרף מען אַריינקוקען אין איהרע שפּייכלער. איך בין אויך גוט הונגעריג. (בעהאַלט די פּיפּקע. עפענט אויף דעם אייזבאַקס.) אַ פלאַש מילך, פּוטער, און אוגערקע, ראַדיסקעס, אַ שטיקעל פלייש פון נעכטען. וואָס זאָגסטו צו דעם, האַ?

מאַטעס. טאָ דעק טאַקע דעם טיש. איך וועל אַרויפשטעלען וואַסער צו טיי. (שטעהט אויף, נעמט אַ גרויסען וואַסער־קעסעל, פילט איהם אָן מיט וואַסער, שטעלט איהם אויפ׳ן אויוועץ און צינדט אונטער די גאַז.) אָבער וואָס די מאַמע איז נאָך ניטאָ, בין איך זעהר אונרוהיג.

אַלעקס. (אין דער אייגענער צייט נעמט אַרויס פון גלעזער־שראַנק אַ טישטוך, שפּרייט אויס אויפ׳ן טיש, ברייננגט טעלער, מעסער, גאָפּעל, ברויט). ניטאָ זיך וואָס צו בעאונרוהיגען. מיט איהר האָט גאָרנישט פּאַסירט. זי איז נישט קיין קליין מיידעלע. (דאָס לעצטע וואָרט שלינגט ער שנעל אַראָב, ווי ער וואָלט זיך פערכאַפּט, און לאַכט אָב פערלעגען.) העהע... זי איז נישט קיין קליין קינד. (ברייננגט אַרויף דאָס עסענוואַרג פון אייזבאַקס.) פלייש, אוגערקע, ראַדיסקעס, פּוטער, און איך ביים שוין. (לעגט אַריין אַ שטיק ברויט אין מויל און קייט שנעל.) אוּ־וּ, בין איך הונגעריג. (צו מאַטעס׳ן.) נו? (זעצט זיך ביים טיש.)

מאַטעס. איך עס נישט אָהן דער מאַמען, ווי דו ווייסט. איך האָב נאָך קיינמאָל אָהן איהר נישט געגעסען. איך האָב דיר נאָר געזאָגט, זאָלסט דעקען דעם טיש, זי זאָל האָבען ווייניגער אַרבייט, ווען זי וועט קומען, און מיר זאָלען האָבען ווייניגער צו וואַרטען.

אַלעקס. הם! (בלייבט פּלוצלונג גאַנץ פערטראַכט, קוים קייענדיג.)

מאַטעס (קוקט ארויס פון דער צייטונג). וואָס עפּעס פלוצ־לונג וויעדער פערטראַכט?

אלעקס. האַ? — איך טראַכט — אז א גלעזעל ביער — א גלעזעל ביער וואָלט יעצט גאַנץ גוט געוועזען.

מאַטעס. דארפסטו טראַכטען? טו א קוק אויבען אין אייזבאָקס.

אלעקס. אָה, יאַ! (שפּרינגט אויף און לויפט צום אייזבאָקס.)

מאַטעס. דו ביזט מיר אָבער בכלל צושטרויט און פער־טראַכט — א ביסעל א נעכטיגער.

אלעקס פאַראַן! (נעמט ארויס א פלאַש ביער.)

מאַטעס. האָסטו געקראָגען פון מילדרעד'ן א בריעף?

אלעקס (אויפעפענענדיג די פלאַש) ווילסט?

מאַטעס. א ביסעל ביער וועל איך נעמען. וואָס שרייבט זי? ווי געהט עס איהר אין דער קאָונטרי?

אלעקס (אָנגיסענדיג דאָס ביער אין גלעזער). גרויסאַרטיג! לחיים!... גוט, האַ?

מאַטעס. דאָס ביער איז גוט. אָבער דו — דו האָסט עס געטרונקען, נישט ווייל דו ביזט דורסטיג געוועזען.

אלעקס. גאָר אזוי?

מאַטעס. נאָר ווייל עפּעס דריקט דיך. אזוי ווי דו האָסט יעצט געטרונקען דאָס ביער, טרינקט מען נאָר, ווען מען וויל אין זיך עפּעס פערטרינקען.

אלעקס. האַהאַ!...

מאַטעס (שאַרף איינקוקענדיג זיך אין איהם). דיך דריקט וואָס, אלעקס.

אלעקס. מיך דריקט? העהע... וואָס אזוינס קאָן מיך דריקען?

מאַטעס. דאָס קאָנסט דו מיר זאָגען, אויב דו ווילסט. וואָס וויים איך, וואָס דיך קאָן דריקען? איך וויים א סך עפּעס פון דיין לעבען?

אַלעקס (פּלוצלונג.) טאַטע, האָלטסט מיך פאַר אַן עהר־ליכען מענש?

מאַטעס. איך וויים — איך האָף, אַז דו ביזט און וועסט זיין אַן עהרליכער מענש. איך פון מיין זייט האָב אָנגעווענדט אַלץ צו מאַכען דיך פאַר אַן עהרליכען מענש, נאָר וואָס די גאַס און די חברים, דער שטענדיגער „בייזבאָל“ און „פּרייזפייט“, דאָס גאַנצע מגושם'דיגע און ברוטאַלע פון דער גאַס, האָבען אין דיר אריינגעלעגט, וויים איך נישט. פאַר וואָס פרעגסטו דאָס אָבער מיט אַ מאָל?

אַלעקס. פאַר וואָס פרעג איך עס?

מאַטעס. איז דאָס, וואָס עס דריקט דיך?

אַלעקס. האהא... ניין... (אַ קלאַפּ מיט דער דרויסענטיר.) אָה, אָט איז די מאַמע!

העניע (אַ דיקע פרוי אין די פופציגער, קומט אריין מיט פּעק־לעך עסענוואַרג, וועלכע זי לעגט אַוועק אויפ'ן טיש).

מאַטעס. ענדליך.

העניע. וועסט מיר ענטשולדיגען, מאַטעס. אָבער — — (נעמט פון זיך אַראָב דאָס היטעלע און געהט אריין אין די צימער.)

אַלעקס (קוקט אריין אין די פּעקלעך). אייער, וואורסט, קאָרן. אָה, קאָרן! (נעמט אַ טעלער, לעגט ארויף די וואורסט און הערבט אָן צו עסען.)

מאַטעס (קוקט איהם פערזאָרגט אָן).

העניע (קומט אריין). איך האָב מיך איינפּאַך פּערפּע־בענט אין דער צייט. דאָס פאָהרען הין און צוריק און דאָס באָדען זיך...

מאַטעס. ווי איז געוועזען דאָס באָדען זיך?

העניע. וואונדערפול. אָבער דו מוזט שוין גוט הונגעריג זיין, מאַטעס? — און איהר'ט אליין געדעקט דעם טיש? דאָס איז שיין פון אייך. און איך האָב געמיינט, אַז נאַנסי איז אין דער היים. זי וועט מסתמא גלייך קומען. איך האָב געבראַכט

אייער און וואורסט... ווילט איהר בעזונדער? אָדער ווילט איהר „געפרייט"?

אלעקס (עסענדיג די וואורסט). איך האָב שוין די פראגע פערענטפערט.

מאטעס. בעזונדער. וועניגער ארבייט. דו מוזט דאָך אויך גוט הונגעריג זיין.

העניע. שטעל איך גלייך צו די אייער. און קאָרן האָב איך אויך געבראכט. הייסע וואסער האָט איהר שוין אויך אָנגעגרייט?... טייערע בעלי־הבתים.

מאטעס. דאָס האָב איך.

אלעקס. און איך האָב געדעקט דעם טיש.

העניע (ביים אויוועז). איהר זייט מירביידע וואוילע, אויף מיר אזא יאָהר.

אלעקס (קורץ). האהא!

מאטעס (קוקט איהם שאַרף אָן). ניין, מיר זיינען נישט ביידע וואוילע. ווינש דיר נישט אזא יאָהר.

העניע. האהא! האָסטו דיר! וואָס איז?

מאטעס. הערסט דאָך, ווי ער האָט א לאַך געטאָן.

אלעקס (צולאַכט זיך). האהאהאהאהא!...

העניע. דו ביזט שוין לאנג אין דער היים, אלעקס?

אלעקס. איך? — ניין — בין נישט לאנג געקומען.

העניע. דעם גאנצען טאָג געשטודירט?

מאטעס. ארומגעגאנגען אין די גאסען, ארומגעשפאצירט האָט ער. אין אזא הייסען טאָג.

העניע. מישוגע! וואָלסט בעסער שוין געפאָהרען מיט מיר באָדען זיך.

אלעקס. הלואי וואָלט איך עס טאקע.

מאטעס. פאר וואָס ביזטו טאקע נישט? וואָס האָט דיך אָבגעהאלטען?

העניע. עס איז געוועזען אזא חיות — עס'ט זיך גאָר

נישט געוואָלט ארויסגעהן פון וואסער. — יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט פרעגען? — האָט ווער פון אייך א קוק געטאָן אויבען?

אַלעקס (ווענדט זיך אום האַסטיג אויף זיין שטול).

מאַטעס. אַלעקס איז דאָרטין געוועזען אין דער פריה.

העניע. איך האָב מיך יעצט אזויפיעל אָנגעהערט אין גראָסערי. ניטאָ קיין הויז, וואו מען זאָל נישט איינברעכען. מען טאָר גאָר נישט לאָזען די שטוב אליין אויף דער קלענסטער ווייל'ע.

מאַטעס. געה דאָך ארויף, אַלעקס.

אַלעקס. דו הערסט? קיינער געהט דאָרטען אויבען נישט ארום. שטיל און רוהיג און — ניטאָ קיין גנבים. מיר וועלען אָבעסען, וועל איך ארויפגעהן.

העניע. קאָנסט שוין אָנהעבען צו עסען, מאַטעס. איך זעץ מיך אויך גלייך. שאַ, ווארט. (הערט זיך צו צו דער דרויסענ־טיר.)

אַלעקס (צוקט נערוועז אויף).

העניע (ווען די דרויסענטיר האָט אַ קלאַפּ געטאָן). נאַנסי?

נאַנסי (אַ מיידעל אין די צוואַנציגער, מאָדיש־קאָקעטיש אָנ־געטאָן, אין טיר). אויב נישט אַלעקס, איז עס געוויס נאַנסי. און אַלעקס איז דאָך דאַ, איז עס נאַנסי. און איהר העבט ערסט אָן צו עסען? בין איך דאָך ווערט... גלייך אַ שטיקעל ווורסט. איך בין טאקע גוט הונגעריג.

העניע. נעם דאָך אראָב דאָס היטעלע און זעץ זיך צום טיש.

נאַנסי (אָנבויגענדיג דעם קאָפּ צו העניע'ן). עס איז ער־לויבט. אָבער וויש די הענד גוט אָב.

העניע (רייבט אָב די הענד און טוט איהר אויס דאָס היטעלע און טראָגט עס אוועק אין די צימער).

נאַנסי (זעצט זיך, נעמט ברויט און עסט מיט חשק). אומםם, אַ מחיה!

ה ע נ י ע (קומט אריין צוריק, נעמט ארוים די אייער, שטעלט זיי אויפ'ן טיש, זעצט זיך. זיי עסען).

נ א נ ס י. און איהר זיצט דאָ אזוי געמיטליך און ווייסט גאָר נישט, וואָס עס טוט זיך דרויסען.

ה ע נ י ע. וואָס איז שוין?

נ א נ ס י. עפּעס א מיידעלע — —

אַ ל ע ק ס (האַלט איין אין עסען, דערשראָקען, פול שפּאַנונג).

נ א נ ס י. עטליכע מיידעלעך... אן איטאַליענער...

אַ ל ע ק ס (הערט ווידער אָן זיין עסען).

נ א נ ס י. טאַטעס זוכען, מאַמעס וויינען, שכנים שרייען... א לעבעדיגע וועלט.

מ אַ ט ע ס. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען דער זומער אויף די איטאַליענער.

ה ע נ י ע. אָה, די איטאַליענער!

נ א נ ס י. און ניט די איטאַליענער.

ה ע נ י ע. פון אנדערע הערט מען נישט.

נ א נ ס י. אַלע מענער זיינען חיות, און קומט דער זומער, ווערען זיי נאָך ווילד.

ה ע נ י ע. פוי, נאנסי!

נ א נ ס י. נישט, אַלעקס?

אַ ל ע ק ס (נישט גערן). אז דו זאָגסט, ווייסטו מסתמא.

נ א נ ס י. און דו ווייסט עס דאָך א ודאי.

ה ע נ י ע. פוי, ווי רעדט איהר עפּעסביידע! שעם דיך, נאנסי!

נ א נ ס י. וואָס זאָל איך מיך שעמען?

ה ע נ י ע. אַלע מענער זיינען חיות! דיין טאַטע —

נ א נ ס י (מיט לאַכען). א טייער טאַטעלע!...

ה ע נ י ע. דיין דיידיים...

נ א נ ס י. א חיה רעה.

ה ע נ י ע. נאַנסי!

נ א נ ס י. נו, יאָ! וואָס ווערסטו נתפעל?

מ א ט ע ס. און מיט אַ חיה רעה געהסטו חתונה האָבען?

נ א נ ס י. אַז אַלע היינטיגע מענער זיינען אַזוי, וואָס מאַכט עס מיר אויס.

אַ ל ע ק ס. די חיה רעה דייוויס האָט דאָך אַ סך געלד.

נ א נ ס י. איז טאַקע אַ סך בעסער, ווי אַ חיה אָהן געלד. מיט דיר וואָלט איך קיינמאָל ניט חתונה געהאַט.

מ א ט ע ס. יונגע מענשען! יונגע מענשען! פון וואַנען קומט עס צו אייך? וואו האָט איהר אייך אָנגענומען מיט אַזעלכע גע־דאַנקען? ווי קאָן מען גאָר לעבען מיט אַזעלכע געדאַנקען? ווי קאָן מען זיך גאָר קוקען גלייך אין די אויגען? ווי קאָן מען זיך ליעבען? מען מוז זיך דאָך גאָר איינער דעם אַנדערן פעראַכטען!

נ א נ ס י. נאָר נישט אַזוי טראַגיש, טאַטע. מיר קוקען נעמליך אויף דאָס גאַנצע לעבען, ווי אויף אַ קאָמעדיע.

מ א ט ע ס (טרויעריג). נאַנסי! נאַנסי!

נ א נ ס י (שפּיעלעריש). יאָ, טאַטעלע, יאָ! אַזוי איז עס!

מ א ט ע ס. ווי קומסט ד ו איבערהויפּט אַזוי צו רעדען? וואָס ווייסט ד ו פון אַלע מענער?

נ א נ ס י. פערגעס נישט, טאַטע, אַז איך בין אַ יונגע און שיינע טייפּרייטער־מיידעל מיט אַ באָס און אַ סך קלוירקס אַרום מיר, און אַ חתן דייוויס און אַ ברודער אַלעקס...

ה ע נ י ע. אַ ברודער אַלעקס?!...

נ א נ ס י. אַלע, אַלע, אַלע עסען זיי מיך אויף מיט די אויגען, — טוען מיך אויס נאַקעט — אין זייערע געדאַנקען, נאַטירליך! — קריכען מיט די הענד, בעשמוצען און בעפּאַטשקען מיך אונצעהליגע מאָל אין טאָג אין אָפיס און אין שטוב און אין גאַס... (עס קלינ־געלט. נאַנסי רייסט זיך איבער אין איהר צוהיצטקייט, בייט דעם טאָן און רעדט אַרויס.) דאָס מוז זיין דייוויס. (געהט עפענען די טיר.)

מ א ט ע ס. וואָס זאָגסטו, אַלעקס, צו איהרע רעד?

אַ ל ע ק ס (פערלאָרען). איך?... איך...

נאנסי (אין פאָרצימער). אָה, מילדרעד! (מען הערט מילדרעד'ס לאַכען און א קוסענים.)

מאטעס און העניע. מילדרעד גאָר! (שטעהען אויף פון זייערע ערטער.)

אלעקס (שפרינגט אויף אין גרויסען שרעק, מיט ווייט פערנאַנדערגעגלאָצטע אויגען, קוים ארויסשטעפּענדיג). מילדרעד! (בלייבט שטעהן, ווי ער וואָלט זיך געוואָרגען, און כאַפּט זיך פאר'ן האַלז.)

מילדרעד (אַ יונגע מיידעל פון אַ יאָהר צוואנציג, קומט אריין, גליקליך לאַכענדיג, מיט אַ שטעמאָדאן אין האנד, בעגלייט פון נאנסי'ן, וועלכע האלט זי ארומגענומען).

מילדרעד (אַוועקשטעלענדיג דעם שטעמאָדאן). דאָ דו יו דו! איבערראשט, ווי? נישט נעריכט זיך אויף מיר?

אלעקס (גיט פלוצלונג אַ פאַל אין זיין גאַנצער גרויס אויף דר'ערד. — אַ שרעק־אויסגעשריי פון אַלע פיער. מען וואַרפט זיך צו איהם).

מילדרעד (אויף די קני איבער אַלעקס'ען, מיט שרעק). אַלעקס! אַלעקס! אַלעקס!

העניע. וועה מיר נישט געשעהן, אַלעקסעל! אַלעקסעל! וועה מיר נישט געשעהן! (זי חזר'ט די דאָזיגע ווערטער גאַנץ פערלאָרען, ווי אויסער זיך, ביז אַלעקס גיט פון זיך אַ צייכען פון לעבען.)

מאַטעס (איבער אַלעקס'ען). אַ ביסען האָט זיך געמוזט שטעלען איהם אין האַלז פאר איבערראשונג. איך האָב געזעהן, ווי ער'ט זיך געוואָרגען. נאָר אויפּפּענען איהם דאָס מויל.

מילדרעד. אָה, אלעקס! אלעקס! אָה, אזוי האָב איך עס נישט געמיינט! אזוי האָב איך דיך נישט געוואָלט איבערראשען! אָה, מען דאַרף רופען אַ דאָקטאָר! אָה, טייערער! טייערער!

נאנסי. איך לויף נאָך אַ דאָקטאָר.

מאַטעס. מי דאַרף נישט. ער קומט שוין צו זיך. ער'ט זיך נישט דערוואָרגען.

העניע (דורך טרערען). העהעהע, ער קומט צו זיך! העהע־הע, וועה מיר נישט געשעהן, אַלעקסעל!

נאַנסי. דאָס מוז זיין איינער פון זיינע געוועהנליכע אָנ־פאַלען. ער'ט דאָך ליעב צו חלש'ען.

מילדרעד (דריקענדיג זיך צו איהם). אָה, טייערער! טייערער!

מאַטעס. אַ שיינער העלד. דאַכט זיך אַ גאַנצער אַטלעט, אַ בייזבאָל־שפּיעלער, אַ פּרייזפייטער, און אַ ביסעל איבערראַשונג, פאַלט ער שוין אין חלשות.

אַלעקס (העבט אָן זיך אויפצוהעבען, מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, וויזט אויפגעעפענטען מויל, בלייך און בלאַס).

מילדרעד (מיט לאַכען דורך טרערען). אָה, אַלעקסעל! אַלעקסעל! טייערער! ליעבער! (בעדעקט איהם מיט קושען.)

נאַנסי. זיין געוועהנליכע חלשות. ער חלש'ט שטענדיג — פאַר און נאָך און צוליעב אַ מיידעל!...

מאַטעס (שטרייענג). מויד!

נאַנסי (גיט אַ פיהר מיט די אַקסלען). מאַמע, איך נעם ארויס די קאַרנס. (מילדרעד, מאַטעס און העניע העבען אויף אַלעקסען און זעצען איהם אַוועק אויפ'ן שאַקעלשטול.)

העניע. וועה מיר נישט, אַלעקסעל! אַלעקסעל! ער איז נאָך נישט ביי זיך! זעהט, קוקט איהם אָן! גיט איהם אַ ביסעל וואַסער! אָי, מען דאַרף איהם געבען אַ ביסעל וואַסער! אָי, איך גיב איהם אַ ביסעל וואַסער! (פערלאָרען און מבולבל שלעפּט זי זיך צום אייזבאָקס, נעמט פון דאָרטין ארויס א מילך־פלאַש מיט וואַסער, גיסט אריין אין אַ גלאָז און ברייננגט עס צו אַלעקסען, אונטערטראָגענדיג איהם צום מויל.)

מאַטעס (איינזעצענדיג אַלעקסען, קוקט איהם אָן, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פערשטעהן, שטעהט אזוי אַ ווייל איבער איהם, דערנאָך טרעט ער אָב לאַנגזאַם צו זיין שטול, זעצט זיך, נעמט אריין דעם באָרד

אין האַנד און בלייבט זיצען פערטראַכט, דעם בליק אָנגעשטעלט אין דער ווייטענס).

מ י ל ד ר ע ד (שאָקלענדיג און דריקענדיג אַלעקס'עס קאָפּ, ווענדענדיג ברייגען איהם צו בעוואוסטזיין). אָה, טייערער, קום צו דיר! אָה, ליעבער, זעה דאָך מיך אָן! (העלפט הענריע'ן צו געבען איהם דאָס וואַסער.)

נ א נ ס י (צוטראָגענדיג די קאָרן צום טיש). נעם אַ קאָרן, טאַטע! (זעצט זיך און הערבט אָן רוהיג צו עסען.)

מ א ט ע ס (ענטפערט נישט און בלייבט אונבעוועגט. ער קוקט נאָר אָן אַ ווײַלע נאַנסי'ן, ווי ער וואָלט געוואָלט בעגרייפען, וואָס זי האָט איהם געזאָגט).

א ל ע ק ס (פאַלט צו פלוצלונג צום ווענטעל פון שאָקעלשטול, מאַכט צו די אויגען און אָטעמט שווער. באַלד עפענט ער אויף די אויגען און שטעלט זיי אָן אויף מילדרעד, ווי ער וואָלט זי נישט דערקאָנט).

מ י ל ד ר ע ד. דאָס בין איך, אַלעקס טייערער! דאָס בין איך, דיין מילדרעד!

א ל ע ק ס (נעמט זי אָן פאַר דער האַנד און שעפּטשעט ארויס פון צווישען די ציין.) מילדרעד!

מ י ל ד ר ע ד. יא, דאָס בין איך! דאָס בין איך!

א ל ע ק ס. מ י ל ד ר ע ד! — — פאַר וואָס האָסטו נישט געשריעבען, אַז דו קומסט?

מ י ל ד ר ע ד. איך האָב אַליין נישט געוואוסט, אַז איך וועל קומען. דאָס האָב איך פלוצלונג, גאַנץ פלוצלונג בעשלאָסען צו קומען. איך האָב שטאַרק געביינקט נאָך דיר, מיין ליעבער! די גאַנצע קאָונטרי איז מיר נישט איינגעגאַנגען. און הײַנט פון אין דער פריה אָן האָב איך געפיהלט אַזוי שווער — מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיט דיר איז עפּעס געשעהן — —

א ל ע ק ס (מיט אַ ציטער, שווער אָטעמענדיג). עפּעס געשעהן — —

מילדרעד. יא, יא... אזא געפיהל האָב איך געהאט. דעם גאנצען טאָג. איך האָב עס ניט געקאָנט אויסהאלטען. האָב איך פערפאקט מיין קאפער, געכאפט די טריין און בין געקומען. זוען איך יואָלט געוואוסט — — ווען איך וואָלט מיך געריכט אויף אזא — —

אלעקס (לאנגזאם). פאר וואָס האָסטו ניט געשריעבען, אז דו קומסט?

מילדרעד. איך דערקלער דיר דאָך, איך דערצעהל דיר דאָך — —

אלעקס. שרעקליך! שרעקליך!

מאטעס (ווענדט זיין בליק אויף איהם).

מילדרעד (מיט גרויסע אויגען). וואָס — — „שרעקליך“?

אלעקס. הא? האָב איך געזאָגט „שרעקליך“? ניין, ניין, ניין... יא־א... שרעקליך אזוי צו חלש'ן, שרעקליך... או־ו־ו, שרעקליך!... פאר וואָס האָסטו נישט — — ? יא, יא, יא... איך ווייס שוין... האָסט געפיהלט, אז עפּעס איז געשעהן — — און עס — איז — געשעהן...

מאטעס. געשעהן?! געשעהן?!

נאנסי. נו, יא. זיין חלשות, וואָס ער'ט גע'חלש'ט.

אלעקס (קוקט אָן נאנסי'ן מיט גרויסע אויגען און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). יא, יא... יא, יא... געשעהן... גאנץ שרעקליך...

העניע. אי, ער איז נאָך נישט ביי זיך! ער איז נאָך נישט ביי זיך. אָי!

מילדרעד (ברעכט אויס אין אַ געוויין). רופט דאָך אַ דאָקטאָר!

אלעקס. ניין, ניין... מי דארף נישט... עס'ט פאַראיבער... עס וועט פאַראיבער... (בלייבט זיצען מיט ביידע הענד אויף די הענטלעך פון שאָקעלשטול און מיט די אויגען אויסגעגלאָצט צו דער ערד.)

העניע. נעם נאָך אביסעל וואסער.

מילדרעד (געבענדיג איהם דאָס וואסער). טרינק, ליעבער!

אלעקס (טרינקט).

מילדרעד. ווען איך — וואָלט געוואוסט...

נאנסי. נו, מילא, דאָך שוין פערפאלען. שטעה אויף. נעם אראָב דיין היטעלע... נעם ביי איהר אראָב דאָס היטעלע, מאַמע. איך האָב פעטע הענד.

העניע (מיט דער הילף פון מילדרעד, נעמט אראָב דאָס היטעלע און טראָגט אַוועק אין די צימער).

נאנסי. דו מוזט דאָך זיין אויך הונגריג. ווען ביזטו ארויסגעפאָהרען? עס נעמט דאָך א פיערטהאַלבען שטונדען דאָס פאָהרען. ביזט ארויסגעפאָהרען מסתמא א זייגער דריי. דיין מאַמע איז דאָרטין געבליבען?

מילדרעד. יא, דאָס האָט מיך בלויז געטריבען. —

אלעקס. ווען — איך — וואָלט — געוואוסט — —

מילדרעד. וואָס, אלעקסעל?

אלעקס. הא?

מילדרעד. דו האָסט געזאָגט, אז ווען דו וואָלסט גע־וואוסט...

אלעקס. האָב איך עס געזאָגט? איך ווייס נישט — — איך ווייס נישט — —

נאנסי. לאָז איהם. ער'ט שוין קומען צו זיך. שטעה דאָך אויף. דערצעהל, ווי איז עס געווען אין די בערג. א שיינער פלאַץ, עפעס?

העניע (ארויינקומענדיג צוריק). שטעה אויף, מילדרעדל, זעץ זיך צום טיש. וועסט עפעס עסען. וועסט עפעס טרינקען. וואָס ווילסטו: טיי אָדער קאַפּי?

מאטעס (ווי ער וואָלט עפּעס אוועקגעטריבען פון זיך א קאָש־מאַר, פאסט זיך, מאַכט זיך צורעכט אויף זיין שטול). יא, מילדרעד. יא, קום צום טיש.

מילדרעד (מיט א בליק אויף דעם שלאָפענד שווינענדיגען אַלעקס, שטעהט אויף און זעצט זיך צום טיש. זיי רעדען אין א פליסטער).

העניע (שטעלט איהר אַ טעלער מיט מעסער און גאָפּעל).

נאנסי. איז עפּעס אַ שיינער פּלאַץ, ווי הייסט ער דאָר־טין?...

מילדרעד. זעהר אַ פיינער.

נאנסי. געווען אַ סך קאָמפּעני?

מילדרעד. איבער גענוג.

נאנסי. אַ סך יונגוואַרג? אַ סך יונגע מענער?

מילדרעד. איך האָב זיי נישט געצעהלט.

נאנסי. אַ סך געטאַנצט?

מאַטעס (לאַנגזאַם). ענדליך צונעקומען צו דעם עיקר פראגע!

אלעקס. ווערסט — דאָ שלאָפען. וועסט — נישט — געהן — אויבען — שלאָפען.

מילדרעד (וואַרפט זיך צו איהם). ווי, ליעבער?

אלעקס. יאָ, דאָ שלאָפען. נישט אויבען. איינע אליין.

נאנסי (צולאַכט זיך).

העניע. ער איז טאַקע גערעכט.

אלעקס (עפענט אויף די אויגען אויף נאנסי'ן, קוקט זי אָן, שליעסט די אויגען און פאַלט וויעדער אריין אין דעם פריהערדיגען צושטאַנד).

מילדרעד (ווייגעריש). איך וואָלט דאָך גערופען אַ דאָק־טאָר.

אלעקס (אָננעמענדיג זי פאַר דער האַנד). וועסט דאָ זיצען. וועסט אויבען נישט שלאָפען?

מילדרעד. ניין, ליעבער.

נאנסי. נאַ, איך בין שוין פאַרטיג, יעצט וועל איך געהן מיך אַ ביסעל איבערטאָן. דייווים דאַרף קומען נאָך מיר. קום, מאמע, וועסט מיר העלפען. (געהט אין די צימער.)

העניע (מיט אַ קרעכץ געהט נאָך איהר). — פּאַוזע.

מילדרעד (שטיל). איך האָב אָבער געפיהלט, אַז עפּעס

וועט געשעהן. און עס איז געשעהן. ווער האָט זיך געקאָנט ריכ־טען? מיין האַרץ האָט מיר געקלאַפּט פאַר פרייד דעם גאַנצען וועג. די טריין איז מיר צו לאַנגזאַם געגאַנגען... איך האָב צו מיר אליין געלאַכט פון דער איבערראַשונג. איך האָב אָנגעקוואָלען פון דעם שפּאַס... איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, וואָס פאַר אויגען איהר אַלע וועט מאַכען, און... (אַלעקס'עס האַנד לאָזט אָב איהר האַנד און פאַלט אַראָב. זי שפּרינגט אויף דערשראָקען.) גאָט!

מאַטעס (לאַנגזאַם, אין געדאַנקען). ער שלאָפט. ער איז איינגעשלאָפען.

מילדרעד (מיט בעזאָרגונג אָנקוקענדיג אַלעקס'ען, זעצט זיך). מ'ט געדאַרפט אוועקלעגען איהם אין בעט.

מאַטעס. לאָז איהם נאָר רוהיג שלאָפען. (זיצט אַ ווײַלע אָנקוקענדיג אַלעקס'ען פון אונטער דער שטערן, און הייבט זיך לאַנגזאַם אויף.) איך וועל יעצט אַרויסגעהן געוואָהר ווערען — אויבען.

מילדרעד (בעאונרוהיגט). וואו דען?

מאַטעס. אויבען. אייער וואוינונג געוואָהר ווערען.

מילדרעד. וואָס איז דען?

מאַטעס. אונרוהיגע צייטען. גנבים און גנבות. אַלעקס איז דאָרטין געוועזען בלויז אין דער פריה. דאַרף מען געוואָהר ווערען. (געהט צו צום אייז־באָקס און נעמט דעם שליסעל פון אונטער'ן טישטיכעל.) מיר קוקען שטענדיג נאָך עטליכע מאָל אין טאָג ביי איך — אויבען. (קוקט אָן אַלעקס'ען ווידער מיט'ן בליק פון אונטער דער שטערן און געהט לאַנגזאַם אַרויס.)

מילדרעד (לאָזט זיך אַראָב אויף דר'ערד פאַר אַלעקס'ען, נעמט פאַרזיכטיג זיינע הענד, קוסט זיי, דריקט זיך צו צו זיינע קני און שעפּטשעט לאַסקע־נעמען). מיין טייערער! מיין זיסער! מיין אָרימינ־קער! וואָס איך האָב אָנגעמאַכט! מיין ליעבער! מיין אַלעקסעל!

מאַטעס (לויפט פּלוצלונג אַריין און לויפט דורך אין די אַנדערע צימער).

מילדרעד (שפּרינגט אויף). וואָס איז?!

מאַטעס (אין צווייטען צימער). וואו איז אַלעקס' רעוואָל־ווער? די טיר אויבען אָפען, אויפגעשלאָסען, אויפגעבראָכען.

הענניע (אין צווייטען צימער). אָי, וועה מיר נישט גע־שעהן!

מילדרעד. דו גוטער גאָט!

נאַנסי (אין צווייטען צימער). מען מוז גלייך לויפען נאָך א פּאָליסמאַן.

מאַטעס (אין טיר מיט אַ רעוואָלווער אין האַנד). ניין! נישט! נאָך נישט קיין פּאָליסמאַן! מי דאַרף נישט! (געהט.)

הענניע (אָנכאַפּענדיג איהם). אָי, געה נישט, מאַטעס! אָי, רוף בעסער א פּאָליסמאַן! אי, איך שריי גלייך: העל —

מאַטעס (ארויפלעגענדיג איהר אַ האַנד אויפ'ן מויל). ששש... שריי ניט! מאַך ניט קיין טרעוואָגע!... איך וועל אליין כאַפּען... ששש... איך — וועל — אליין... (געהט ארויס.)

הענניע (צו נאַנסי'ן). אָי, געה מיט איהם! אָי, לאָז איהם נישט אליין!

נאַנסי. איך געה! איך געה! איך האָב ליעב אזא עסק! אַ ביסעל דורכקלאַפּען אַ גנב... (זי געהט דורך מיט געמאַכטע פויסטען, ווי זי וואָלט עמיצען „דורכגעקלאַפּט"). אהאַ־האַ־האַ! בום! באַם! טררראָך! (געהט ארויס.)

מילדרעד (קוקט זיך אום אויף אַלעקסען, קאָן זיך עפּעס נישט ענטשיידען, שלאָגט זיך מיט דער דעה און פלוצלונג לויפט •• ארויס פון צימער).

הענניע. אָי, אַלעקס! אַלעקס!

אַלעקס (עפענט אויף די אויגען, מאַכט זיי צו צוריק, עפענט זיי אָבער גלייך ווידער מיט שרעק, קוקט זיך ארום און שפּרינגט אויף). וואו? וואו איז...

הענניע. אָי, אַלעקס, אויבען זיינען גנבים!

אַלעקס (שרייט אויף מיט אַ כאָרכעל). אההה! (שטעהט אַ ווייילע מיט אויסגעגלאָצטע אויגען פאַר שרעק און אַ האַנד אין די האָ־

ביסלעכווייז רוקט זיך אַראָב זיין האַנד פון קאָפּ. זיין בליק בערוהיגט זיך.) ג־נ־בים... (פלוצלונג איז ער גאַנץ געפּאַסט און אויפגעלעבט. ער ווענדט זיך צו דער טיר פון די צימער.) מיין רעוואָלווער.

העניע. דער טאַטע האָט איהם.

אלעקס. איז גוט. (ווענדט זיך אום און געהט ארויס מיט פעסטע שריט.)

העניע (קוקט זיך אום פערלאָרען און דערשראָקען). אָי, אָי! אָי! (לויפט אויך ארויס. דרויסען שרייט זי.) העלפט! העלפט! העלפט!

פאָרהאַנג.

צווייטער אַקט

די קיך אין מילדרעד'ס וואוינונג. די זעלבע איינריכטונג ווי אין ראַטנער'ס וואוינונג, נאָר עס פעהלט דער גרויסער טיש אין מיטען.

מאַטעס (מיט אַן אָנגעשטעלטען רעוואָלווער בעוועגט זיך אין דער טיר. פריער רוקט ער אריין פּאָרזיכטיג דעם קאָפּ, קוקט זיך ארום און ביסלעכווייז רוקט ער אריין דעם קערפּער. מיט א שנעלער בעוועגונג שטעהט ער שוין אין מיטען קיך מיט'ן געזיכט צו דער טיר פון די צימער).

נאַנסי (קומט פּאָרזיכטיג אריין, קוקט זיך אין דער טיר אַרום און גנב'עט זיך צו צו מאַטעס'ען, שטעלענדיג זיך הינטער זיין רוקען).

מילדרעד (קומט אריין גליך נאָך נאַנסי'ן און לויפט־צו צוביידען).

מאַטעס (מיט'ן אָנגעשטעלטען רעוואָלווער, בעגליים פון נאַנסי און מילדרעד, אַלע דריי אויף די שפּיץ פינגער בעוועגען זיך צו דער צימער־טיר. ביי דער טיר בלייבען זיי אַ ווײַלע שטעהן, הערען זיך צו, גליך אָבער לאָזט זיך מאַטעס אהין אריין מיט דעם געשריי: „הענדס אַפּ!" נאַנסי און מילדרעד נאָך איהם. און שטיל. באַלד הערט מען ווידער דעם געשריי „הענדס אַפּ!" און פּאוזע. און דאַן צום דריטען מאָל, קענטיג אין אַ ווייטערען צימער, „הענדס אַפּ!" און לאַנגערע פּאוזע, נאָך וועלכער מאַטעס קומט אריין צוריק אין קיך, בעגליים פון נאַנסי און מילדרעד).

מאַטעס (לאַנגזאַם, ווי איבערלעגענדיג עפּעס). ניט קיין גנבים און ניט קיין גנבה. דאָך עפּעס איז...

נאַנסי. די טיר איז געווען אָפען?

מאַטעס. אָפען.

נאַנסי. ווייט אָפען?

מאטעס. ניין, צוגעמאכט, אָבער אז איך האָב זי געוואָלט איפּשליסען, האָט זי זיך אליין אויפגעעפענט. און דער שלאָס איז אויפגעבראָכען.

מילדרעד (נאָך א קוק אויף דאָס באַדעצימער, מיט שרעק). אוי!

נאנסי. וואָס איז?

מילדרעד (שטיל). דאָס באדעצימער.

נאנסי. אָ, יע, אין באַדעצימער האָבען מיר נאָך נישט א קוק געטאָן.

מאטעס. און די טיר איז צוגעמאכט. (גנב'עט זיך מיט'ן אָנגעשטעלטען רעוואָלווער צו דער טיר, בעגלייט פון נאנסי און מילדרעד, הערט זיך צו און גיט זי פּלוצלונג אַן עפען. אַלע דריי שפּרינגען אָב צוריק, שטעהען שטיל א ווײלע, פול שפּאַנונג, און העבען זיך אָן צו בעוועגען נעהנטער צום צימער.)

נאנסי. איך וואָלט געשוואָרען, אז איך זעה עמיצען אין דער וואנע.

מאטעס (גיט זיך אַ לאָז אריין. נאנסי און מילדרעד הינטער איהם. באַלד הערט מען א שרעק־אויפגעשריי פון אלע דריי).

מאטעס. א טויט מיידעלע!

נאנסי. א מיידעלע!

מילדרעד. א טויטע! א טויטע!

אלעקס (בעווייזט זיך אין טיר. ער מאַכט צו די אויגען מיט אן אינערליכען שוידער, פאַסט זיך אָבער באַלד און געהט צום באַדעצימער).

מילדרעד (קומט ארויין אויף הינטען, ציטערענדיג אין אַלע אברים. — דרויסען העניע'ס הילפ־רופען און אַ געלויף און אַ גערויש פון שכנים).

אלעקס (צו מילדרעד'ען). א גנב?

מילדרעד (שוידערט אויף, דרעהט זיך אום צו איהם, וויל אָבטרעטען און ווארפט זיך אויף זיין ברוסט). אָה, אלעקס! דו?!

דו!... דו!... (לאָסקעט זיך צו איהם.) אָה, אלעקס! אָה, אַ טויט מיידעלע אין דער וואַנע!

אלעקס. אָה! (איילט אין באַדעצימער.)

מאַטעס (קומט ארויס. איז איבערראַשט צו זעהן אלעקסען). דו?! — געקומען צו זיך?

אלעקס. ווי דו זעהסט. — אַ טויט מיידעלע אין דער וואַנע?

מאַטעס. טויט ווי אַלע טויטע. אַ יונג קינד. מוז זיין אַ יאָהר צוועלף־דרייצעהן.

אלעקס (געהט אריין אין באַדעצימער).

מאַטעס (מיט אַ פאַרשענדיגען בליק געהט לאַנגזאַם נאָך איהם).

נאַנסי. דאָס מוז זיין דאָס מיידעלע, וואָס מען זוכט. אָה! איך לויף נאָך אַ פּאָליסמאַן. (קוקט ארויס פון באַדעצימער. שכנים און שכנות, עטליכע בעוואַפענט מיט פערשיעדענע געוועהר, העבען אָן אריינצושיטען. העניע מיט זיי.)

שטימען. געכאַפּט? געכאַפּט?

נאַנסי. קיינעם נישט געכאַפּט.

שטימען. אנטלאָפען?

נאַנסי. לאָזט מיך דורכגעהן. איך מוז ברייננען אַ פּאָליסמאַן.

העניע. האָבען זיי וואָס אוועקגענומען? אַ סך אוועקגענומען?

נאַנסי. גאָרנישט אוועקגענומען. זיי האָבען בעסער געבראַכט. און אַ שיינעם פּעקעל. אַ טויט מיידעלע. (געהט אַוועק.)

שטימען. וואָס?! (מען לאָזט זיך אין באַדעצימער.)

העניע. אוי וועה איז מיר! אוי וועה איז מיר! (אָב אין באַדעצימער.)

אלעקס און מילדרעד (קומען ארויס פון באַדעצימער ביז גאַנץ נאָך פאָרנט).

מאַטעס. קען זי עמיצער פון אייך?

נעמורמעל. ניין... ניין...

מאטעס. ריהרט זי ניט אָן. זאָל זי ליעגען, ווי זי ליעגט, ביז א פּאָליסמאַן וועט קומען. (ער קומט ארויס און שטעלט אָן דעם בליק אויף אלעקס'ען.)

עטליכע שכנים (געהען אוועק און באַלד העבען אן צו שיטען שכנים און שכנות, דערוואקסענע און קליינע. קומען און געהען מיט קאָפּ־שאָקלען, מיט שרעק, מיט טרערען. זיי רעדען צווישען זיך אין באַדעצימער אין האַלב־טענער, ווי פאר א טויטען).

מילדרעד (טוליענדיג זיך צו אלעקס'ען, ציטערענדיג און וויינענדיג). אָה, ווי שרעקליך!

אלעקס. שרעקליך! גאנץ שרעקליך.

מילדרעד. אָה, וואָס פאר א מאָרד!

אלעקס. יא־א.

מילדרעד. אזא יונג, שיין מיידעלע! וואָס פאר א שרעק־ליכער מענש האָט דאָס געמוזט טאָן!

אלעקס. הםםם!

מילדרעד. או־ו־ו, וואָס פאר א חיה רעה!

אלעקס (צודריקענדיג זי צו זיך). ווי דו ציטערסט אין גאַנצען קערפּער, מילדרעד.

מילדרעד. איך וועל, דאכט זיך, קראנק ווערען פון היינ־טיגען אווענד.

אלעקס. ווילסטו נישט אראָב צו אונז? וועסט זיך דאָרט צולעגען.

מילדרעד (לאָזט זיך אראָב אויף א שטול גאנץ קראפטלאָז). אָה, דוקא צו אונז זי אריינברייננגען!

אלעקס. יא־יא!

מילדרעד. פאר וואָס דוקא צו אונז?

אלעקס. מסתמא געוואוסט, אז די דירה איז יעצט אָב־געשלאָסען און קיינער איז ניטאָ.

מילדרעד. אָה, דער אונמענש! דער אונמענש! און

מיך האָט עס אָנגעטראָגען צו קומען... האָט מיך עפּעס געטריבען... פון אין דער פריה אָן איז מיר געלעגען אויפ'ן הארצען ווי שטיינער, און איך...

אלעקס. קום דאָך אראָב צו אונז.

מילדרעד. זי שטעהט מיר פאר די אויגען. אזא יונג קינד! אזא שיין קינד! ווי האָט ער זי געטויט? איך האָב עס נישט געזעהן. איך האָב מורא געהאט נעהנטער צו צוטרעטען. ווי האָט ער זי געטויט? ווי?

אלעקס. דערשטיקט מסתמא. דערוואָרגען. (מיט האַנד־בעוועגונגען, ווי ער וואָלט געהאַלטען דעם קליינעם האַלז צווישען זיינע פינגער.) אָנגענומען פאר'ן קליינעם העלזעל, געדריקט, געדריקט, און דערוואָרגען. וויפיעל האָט געדארפט אזא קליין העלזעל?

מילדרעד. שוידערליך! שוידערליך!

מאטעס (הערט זיך צו צו אַלעקס'עס רעד, קוקט נאָך זיינע בעוועגונגען, מאַכט גרויסע, דערשראָקענע אויגען, קראַצט זיך דעם קאָפּ מיט נערוועזע בעוועגונגען, רייבט זיך די אויגען און געזיכט, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פערטרייבען פון זיך. פאַסט זיך און רעדט ווי מעגליך רוהיג אַרויס, צוטרעטענדיג צו אַלעקס און מילדרעד). מיינסטו, אז זי איז דערשטיקט געוואָרען?

אלעקס (ציטערט אויף). אה, איך האָב גאָר נישט געהערט, ווי דו ביזט צוגעקומען.

מילדרעד. איך האָב מיך אויך דערשראָקען. אה, שוידערליך!

מאטעס. שוידערליך! שוידערליך! — איז מיינסטו, אז זי איז דערשטיקט געוואָרען, אלעקס?

אלעקס. וואָס וויים איך? פאראַן עפּעס אויף איהר אנדערע טויט־סמנים?

מאטעס. מיר האָבען זי דאָך נישט אונטערגעזוכט. פיעלייכט פער'סמ'ט אָדער דערשטאָכען אין הארצען. פאראַן אזא פּלאַץ, וואָס מיט איין שטאָך, אפילו מיט א לאנגער שפּילקע...

מילדרעד. אָי, הערט עס אויף צו רעדען!

מאַטעס. און דו מיינסט: דערשטיקט? „אָנגענומען פאר'ן קליינעם העלזעל, געדריקט, נעדריקט און דערוואָרגען.“

אלעקס (אויפשוידערענדיג). ווי — וואָס זאָגסטו?

מאַטעס. דאָס האָסט דו דאָך געזאָגט.

אלעקס. ווי דו האָסט עס אָבער ארויסגערעדט!

מילדרעד. אָה, ווי איהר האָט עס ארויסגערעדט!

מאטעס (קראַצט זיך ווידער דעם קאָפּ מיט נערוועזע בע־וועגונגען און רייבט זיך די אויגען און געזיכט). שוידערליך! שוידערליך!

מילדרעד (טרייסלענדיג זיך). אהההה!...

מאטעס. אזא יונג קינד, אלעקס.

אלעקס (שווייגט).

מאטעס. אזא יונג קינד! און גלאט מאָרדען! מאָרדען! ווי קאָן זיך איינהעבען א האַנד עמיצען צו דערמאָרדען? ווי קאָן מען צוזעהן, ווי אונטער די איינענע פינגער ענדיגט זיך א לעבען?! און נאָך אזא יונג לעבען, אזא עופעלע! ווי קאָן מען...

אלעקס. זעהסט דאָך. פאראן מענשען, וועלכע קאָנען עס.— האָסטו א סיגארעט?

מאטעס. יעצט א סיגאָרעט? ווי קאָן דיר ליעגען רויכערן אין קאָפּ?

אלעקס. יעצט ערסט רעכט. (נעמט ארויס זיין פייפ, שטאָפּט זי אָן און פערררויכערט.)

מאטעס. הע־ע! — מיינסטו, אז זי איז געבראכט גע־וואָרען אהער א טויטע?

אלעקס. ווי — ווי — ווי דען אנדערש?

מאטעס. עס קאָן זיין, אז...

מילדרעד. אָי, אָי, אָי, רעדט נישט!

מאטעס. אז זי איז דאָ אויף דערמאָרדעט געוואָרען.

אלעקס. וואָס?!

מאַטעס. עס קאָן זיין, אַז מי האָט זי אהער פערפיהרט און — —

אלעקס. יאַ, יאַ. דאָס קאָן אויך זיין. יאַ, יאַ, מעגליך.

מילדרעד. או־ו־ו!

מאַטעס. און אַז זי איז דערשטיקט געוואָרען, וועט מען קאָנען אויסגעפינען דעם מערדער אָן די פינגער־אבדריק?

אלעקס. ווי? אָה, יאָ, אויב זי איז דערשטיקט געוואָרען מיט הוילע הענד.

מאַטעס. יאַ, ריכטיג. יאַ, ריכטיג. אויף די הענד האָבען אויך געקאָנט זיין הענדשיקעס. איז מיינסטו...?

אלעקס. אָה, הער דאָך אויף מיט אלע פראַגען!

מילדרעד. אָי, טאַקע, מיין טייערער מר. ראַטנער, הערט דאָך אויף! איך ווער גאַנץ קראַנק.

מאַטעס. העהע!... (קראַצט זיך וויעדער דעם קאָפּ, רייבט זיך דאָס געזיכט, בלייבט רוהיג שטעהן, טראַכט עפּעס איבער און געהט אריין אין די וואוינצימער.)

מילדרעד (דריקט זיך צו צו אלעקס'ען). דאָס איז דיר אַ צוגאָב צו דיין פריערדיגען חלש'ען. ווי פיהלסטו זיך יעצט, מיין ליעבער? ווי איז דיר?

אלעקס. ווען דו וואָלסט מיך נישט געוואָלט איבערראַשען... ווען דו וואָלסט אָבער פריער...

מילדרעד. ווייל עס איז איבער מיר אליין אזוי פּלוצלונג געקומען... און ווי האָב איך מיך געפרעהט איבער'ן שפּאַס!... איך האָב מיר אויסגעמאָלט, וואָס פאַר אויגען דו וועסט מאַכען, ווען דו וועסט מיך דערזעהן, און איך האָב אין פאָראויס אויסגענאָסען אלע דיינע קוסען... דו, ליעבער, איך ליעב דיך דאָך אזוי שטאַרק! איך האָב נאָך דיר אזוי ריעזיג געביינקט... איך האָב דיר דאָך בלויז אַ טויזענדסטעל געשריעבען, ווי איך בּיינק נאָך דיר און ווי איך ליעב דיך!... דו שטעל דיר פאָר: איך פלעג אַרומגעהן איבער די בערג און אין וואַלד און עס פלעגט זיך מיר אויסדוכטען, אַז אָט

פון הינטער יענעם פערקעהר אָדער פון הינטער יענע בוימער וועסטו פּלוצלונג ארויסקומען... האהא... אָדער איך פלעג זיצען אויף דער וועראנדא און אויסגלאָצען די אויגען צום וועג — אָט אזוי אָ — און עס פלעגט זיך מיר אויסדוכטען, אז איך זעה דיך קומען, אז דו קומסט, אז אָטאָט ביזטו לעבען מיר — — העהע — איך האָב דיך שטענדיג געהאט פאר מיינע אויגען — — — אָה, ליעבער!... ווי דו זעהסט אוים!... איז עס נישט שרעקליך, ווי איך קאָן דיר רעדען אזעלכע זאכען, און דאָרטין ליעגט א טויט מיידעלע, דער קרבן פון אָן אונמענש.... ווי דו שווידערסט... און ווי איך שווידער.... וואָס זיצסטו אזוי? אלעקס, איז דיר וויעדער שווין...?

אלעקס. ניין, ניין... גאָרנישט... איך... איך טראכט מעהר נישט, אז עס איז גלייכער גאָר נישט געבאָרען צו ווערען.

מילדרעד (ערשטוינט). ווארום דען?

אלעקס. אז מענשען זאָלען האָבען אין זיך אזעלכע נייגונגען, איז דאָך עפּעס גאנץ שרעקליך. בעסער נישט געבאָרען ווערען — — נישט — געבאָרען ווערען!...

מילדרעד. יא. די פערברעכער האָבען געמאָגט בעסער נישט געבאָרען ווערען.

אלעקס. אָבער דאָס איז דאָס שרעקליכע, אז דאָס האָט געקאָנט טאָן גאָר קיין פערברעכער נישט.

מילדרעד. ווי דען?

אלעקס. נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער פערברעכער, א מענש, וועלכער האָט קיינמאָל אין זיין לעבען נישט בעגאנגען דאָס קלענסטע פערברעכען און וואָלט אליין נישט געגלויבט, אז ער איז פעהיג אויף אזא פערברעכען.

מילדרעד. דאָס קאָן איך מיר עפּעס נישט פאָרשטעלען.

אלעקס. און איך — יא. איך קאָן מיר אפילו פאָרשטעלען, אז דאָס האָט געקאָנט טאָן איינער, וועלכער ליעבט און איז געליעבט — —

מילדרעד. אונמעגליך!

אלעקס. איך זאָג — מעגליך.

מילדרעד. אונמעגליך! אונמעגליך! סיידען עפּעס אַן איטאַליענער אין דער היץ פון זומער!

אלעקס. זעהסטו — אין דער היץ פון זומער. אָבער איך זאָג: אַפילו אין דעם גרעסטען ווינטער־פראָסט, ווען דער סם פון ווילדער תאוה ליעגט אין זיין בלוט. און פון דעם איז קיינער ביי דער געבורט נישט געוואָרענט. די עלטערן מאָגען זיין די פיינסטע מענשען, און זיידעס און באָבעס, און עלטערזיידעס און עלטערבאָבעס, דור אין דור, עהרליכע, פיינע מענשען, און אין איהם פּלוצלונג ליעגט דער סם, און אין איין שיינעם טאָג קומט עס איבער איהם — און יעדעס געפיהל פון פעראַנטוואָרטליכקייט, און ליעבע און געגענליעבע — אַלין, אַלין איז אויף אַ מאָמענט פערגעסען, און דאָס פערברעכען איז פאַרטיג... איז עס נישט שרעקליך?... שוידערליך!... פורכטבאַר!.... בעסער נישט געבאָרען ווערען!... בעסער נישט געבאָרען ווערען!...

מילדרעד. ליעבער, דאַרפסט דיר עס אָבער נישט נעמען אַזוי צום האַרצען...

אלעקס (ווי אויפגעוואַכט). ווי?... יאַ... האַהאַ... (געהט אַב פון איהר.) מיין פּייפ איז מיר אויסגעגאַנגען דערווייל. (געהט צו צום אויוון און קוקט דאָרטין אַרום, ווי ער וואָלט געזוכט אַ שוועבעלע.)

נאַנסי (קומט אריין). קיין פּאָליסמאַן האָב איך נאַטירליך נישט געטראָפען — אויף אַ רפואה נישט. האָב איך געמוזט צוגעהן ביז צו דער דראָגסטאָר און אויפרופען די העדקוואַרטערס. גלייך קומען זיי.

אַשבן. קומט גלייך פּאָלים?

נאַנסי. יאַ, יאַ... (געמורמעל.)

אלעקס (רייבט אָן אַ שוועבעלע, פעררויכערט און בלייבט שטעהן, נישט בעוויזענדיג זיין געזוכט).

נ אַ נ ס י (צו מילדרעד). איז דייוויס דאָ?

מ י ל ד ר ע ד. ניין.

נ אַ נ ס י. נישט געוועזען?

מ י ל ד ר ע ד. ניין. איך האָב איהם נישט געזעהן.

נ אַ נ ס י. אויב ער בעווייזט זיך נישט, וועל איך זאָגען, אַז ער האָט בעגאַנגען דאָס פֿערברעכען.

מ י ל ד ר ע ד. פֿוי, נאַנסי!

נ אַ נ ס י. קומט ער נישט, וועל איך אויסטראַכטען אויף איהם אַלע בלבולים. וואַרט, אפשר איז ער געוועזען און האָט אונטען קיינעם נישט געפֿונען? וואו איז די מאַמע?

מ י ל ד ר ע ד. דאָרטין.

נ אַ נ ס י. און דער טאַטע אויך דאָרטין?

מ י ל ד ר ע ד. ניין, דאָ. אריין אהין.

נ אַ נ ס י. האָסטו דיר! איז אונטען קיינער ניטאָ! איז דייוויס געוועזען, געקלונגען, געקלונגען און אַוועקגעגאַנגען. דאָס האָב איך מיר פֿאַר מיין טרחה! מיר האָבען אויף היינט געפּלאַנט —

מ י ל ד ר ע ד. וואָלסטו היינט געקאָנט זיך אַמוזירען?

נ אַ נ ס י. דו ווייסט דאָך נאָך נישט, וואָס מיר האָבען געפּלאַנט!

מ י ל ד ר ע ד. אָה, ענטשולדיג!

נ אַ נ ס י. האהאהא...

מ י ל ד ר ע ד. אָה, לאָך דאָך נישט אַזוי הויך!

נ אַ נ ס י. ניין, מיר האָבען טאַקע אָפּגעפּלאַנט אַ שיינעם יוענד מיט טאַנגאָ. (מאַכט טאַנגאָ־בעוועגונגען.)

מ י ל ד ר ע ד. (כאַפּט זי אָן פֿאַר דער האַנד). נאַנסי, שעם דיך!

אַ ל ע ק ס (ווי פֿאַר זיך, נישט אומווענדענדיג דעם קאָפּ). זי האָט אין זיך אויך דעם סם.

נ אַ נ ס י. ווער זי?

אַלעקס. דו.

נאַנסי. וואָס פאַר אַ סם?

אַלעקס. ווען דו וואָלסט געוועזען אַ מאַן, וואָלסטו געקאָנט טאָן אַט — וואָס — דאָרטין איז אָבגעטאָן געוואָרען. (ציינט צום באַדעצימער.)

נאַנסי (ציניש אויפלאַכענדיג). האהא!... אבי דו האָסט געזאָגט אויך. בין איך דאָך דיין שוועסטער. איז וואָס פאַר אַ סם איז דאָס?

העניע (קומט ארויס פון באדעצימער). אוי, רבונו של עולם! רבונו של עולם! אַ וועלט הייגט! אַ וועלט! (דערשלעפט זיך צו אַ שטול און לאָזט זיך שווער אַראָב.) וואָס מען דערצעהלט זיך אָן!... וואָס איך האָב מיך דאָרטין אָנגעהערט!... אזעלכע מערדערייען!... אַזעלכע פערברעכען!... איהר ווייסט, דאָס איז טאַקע איטאַליענישע ארבייט... מי'ט געזעהן אַן איטאַליענער אַרויסגעהן אהער מיט אַ גרויסען פּאַק, פּונקט די גרויס ווי דאָס מיידעלע נעביך. מי האָט די פּולע בעשרייבונג פון דעם איטאַליענער... ער'ט זי ערגעץ וואו דערהרגעט, ביי זיך מסתמא אין דער היים, און ווייסענדיג, אז דאָ איז יעצט קיינער ניטאָ, האָט ער זי ארויפגעטראָגען אהערצו. אויפגעבראָכען די טיר, אריינגעלעגט אין וואַנע און איז פערשוואונדען. דאָס איז גאָר קיין בוירגלער נישט געוועזען. דאָס איז....

אַלעקס (אומקעהרענדיג זיך מיט'ן געזיכט צום צימער). ווער האָט געזעהן דעם איטאַליענער?

העניע. אַ סך האָבען געזעהן. די דזשעניטאָרקע... דער גראָסער... די שכנה, וועלכע וואוינט אויפ'ן ערסטען פלאָר אין די בעק... אַ סך האָבען געזעהן. אַ יונגער איטאַליענער, זאָגען זיי... זיי האָבען זיין פּולע בעשרייבונג.

מילדרעד. און ווער איז דאָס מיידעלע?

העניע. זעהסט דאָך, קיינער קען זי נישט. ווער ווייס, פון וואַנען ער האָט זי געבראַכט. עס וועט זיך שוין ארויסגעפינען.

איהר מאַמע וועט זיך שוין דערוויסען פון דעם בראָך, פריער אָדער שפּעטער....

נאַנסי. איז דייוויס.... אַך, דו ביזט דאָך געוועזען דאָ די גאַנצע צייט.

העניע. געה טאַקע אַראָב און טו אַ קוק, צו האָב איך צוגעמאַכט גוט די טיר... עס דרעהען זיך דאָ יעצט אַרום אַזויפיעל מענשען.

נאַנסי. די טיר איז גוט צוגעמאַכט, אָבער איך וועל סיי ווי סיי אַראָב. איך וועל וואַרטען אויף דייוויסען. און גלאַט דאָ יעצט צו זיין... נאַ, נישט פאַר מיר! (געהט אוועק.)

מילדרעד. ווי מערקווירדיג זי איז!

העניע. זי? זי האָט דיר צו־מאָל דאָס האַרץ פון אַ גזלן. איך ווייס גאָרנישט, און ווען זי האָט זיך איינגעגעבען.

אַלעקס. מיין טעאָריע. די עלטערן פיינע לייט...

העניע. ווי?

אַלעקס. האָט מען אויך געזעהן דעם איטאַליענער אַראָבגעהן?

העניע. דאַכט זיך. יאָ... ניין... איך ווייס שוין אַליין נישט. אַז מ'ט איהם געזעהן אַרויפגעהן, האָט מען איהם געזעהן אַראָבגעהן... אָדער אפשר איז ער איבער'ן דאַך... איך האָב עפּעס געהערט.... די פּאָלים וועט שוין אַרויסגעפינען... מיין קאָפּ איז מיר ווי אַ שטיין. טאָמער האָב איך געהאַט אַ ביסעל פערגניגען פון באָדען זיך, וועל איך עס שוין גוט אויסקריינקען... אוז דו האָסט אויך געדאַרפט היינט נויטיג קומען, מילדרעדעל...

מילדרעד. עס האָט מיך געשטופּט...

העניע. אַך, אַך... און וואו איז דער טאַטע?

מילדרעד. איז אריין... אַט איז ער...

מאַטעס (בעוויזט זיך אין צימער־טיר, גאַנץ געעלטערט, בלאַס און מיד, די אויגען טיעף אריינגערוקט, בלייבט דאָרטין שטעהן און קוקט אויף אַלעקס'ען).

העניע. מאַטעס, ווי זעהסטו עפּעס אויס!

מאַטעס. הסמס!... פּסט, אלעקס!

מילדרעד (מיט שרעק). וואָס איז?

מאַטעס. פּסט... אלעקס!

אלעקס (שטעהט ביים אויוועז, ווי פערגליווערט, און ריהרט זיך נישט פון אָרט).

מילדרעד (קוקט זיך אום אויף אלעקס'ען). אלעקס!

מאַטעס (טרעט אריין אין צימער, קוים בעוועגענדיג די פיס). גאָרנישט... גאָרנישט... איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגען אלעקס'ען... איך האָב עפּעס געפונען...

אלעקס (אָנבאַפּענדיג זיך מיט אַ האַנד אָן אויוועז). גע־פונען?!

מילדרעד. וואָס איז עס?!

העניע. וואָס'טו געפונען?!

מאטעס (דערשלעפּט זיך ביז אלעקס'ען, לעגט אויף איהם ארויף די האַנד, ווי אָנצושפּאַרען זיך אָן איהם, בעריהרט איהם אין עטליכע פּלעצער אַרום זיין טאליע, ווי צופעליג, מאַכטלאָז; דאן קראַצט ער זיך דעם קאָפּ, ווי איינער, וועמען עס לויפען מוראשקעס איבער'ן קעהפּער). גיט מיר אַ שטול... איך מוז מיך צוזעצען.

מילדרעד (שפּרינגט אויף און גיט איהם אַ שטול). ווי איהר זעהט אויס!

אלעקס (פּעסט). דו האָסט וואָס געפונען!

מאַטעס (העבט אויף איהם אויף שרעק־אויגען און קוקט איהם אָן, ווי ער וואָלט איהם נישט דערקאָנט).

אלעקס. וואָס האָסטו געפונען?

מאַטעס (קראַצט זיך ווידער דעם קאָפּ. פּאַסט זיך). גע־פונען

אלעקס. געפונען, יא.

מאַטעס. האָב איך געזאָגט: געפונען?

אלעקס. דו האָסט געזאָגט, אַז דו האָסט וואָס געפונען.

הענניע. ער ווייס שוין נישט, וואָס ער רעדט!

מאַטעס. האָב איך מיך שלעכט אויסגעדריקט. איך האָב נישט געפונען, נאָר אויסגעפונען — (קוקט אָן אַלעקס׳ען זעהר שאַרף.)

אלעקס (טרעט אָב אַ שריט). אויסגעפונען?

מילדרעד. וואָס אַזוינס?

הענניע. זאָג דאָך שוין — ציה נישט די עצמות.

מאַטעס. דאָס פערברעכען איז בעגאַנגען געוואָרען דאָ —

מילדרעד. אוי־וי!

מאַטעס. דאָרטין. אין שלאָפצימער...

מילדרעד. אין שלאָפצימער?!...

הענניע. געה און שלאָף דיך אויס. די דזשעניטאָרקע, דער גראָסער, די שכנה פון ערסטען פלאָר אין די בעק און נאָך אַ סך אַנדערע האָבען אַליין געזעהן, ווי אַ יונגער איטאַליענער האָט אַרויפגעטראָגען אַ גרויסען פּאַק... פּונקט אַזוי גרויס ווי דאָס מיידעלע....

מאַטעס. זיי האָבען איהם אַליין געזעהן?

אלעקס (שטעלט זיך ווידער צו צום אויזוען).

הענניע. זיי האָבען אַליין געזעהן און קאָנען דיר בעשרייבען דעם איטאַליענער...

אַ מיידעלע (אין באַדעצימער). אָי, דאָס איז בעטטי! בעטטי פּיינס! (וויינט.) בוהוהוהו, בעטטי! בעטטי!

אַלעקס (ציטערט אויף ביים מיידעלעס אויסרוף און ווענדט זיך אום מיט׳ן געזיכט צום באַדעצימער).

מילדרעד און הענניע (איילען צו צום באַדעצימער).

מאַטעס (בלייבט זיצען און לאָזט נישט אַראָב די אויגען פון אַלעקס׳ען).

געמורמעל (אין דעם עולם). פּיינס? פּיינס? ווער איז די פּיינס?

דאָס מיידעלע. איך ווייס אויך, ווער דאָס האָט געטאָן!

אלעקס (בלייבט שטעהן ווי פערשטיינערט).

מאַטעס (מאַכט אויף זיין שטול אַ בעוועגונג נעהנטער צו אלעקס'ען).

דאָס מיידעלע. אַן איטאַליענער...

אלעקס (עטעמט אויף און ווענדט אום דעם קאָפּ לאַנגזאַם צו מאַטעס'ען).

מאַטעס (מאַכט צו די אויגען און לעגט ארויף אַ האַנד אויפ'ן געזיכט).

דאָס מיידעלע. איך האָב זי געזעהן מיט איהם. ער האָט מיט מיר אויך גערעדט. ער האָט מיך אויך גערופען. אָי, איך וועל לויפען צו מרס. פיינס... (דאָס מיידעלע שפּארט זיך דורך פון באַדעצימער אונטער קרעכצען און זיפצען פון דעם עולם. אין טיר בעגעגענט זי זיך מיט אַן אריינאיילענדיגער, דערשראָקענער פרוי. זי טרעט אָב אויף הינטען, דערשראָקען, און העבט אָן מיט אַ שוואַכען ציטערנדיגען קולכעל.) אָי, מרס. פיינס... מרס. פיינס... (גרויסע בעוועגונג אין עולם. האַנדברעכענים, פערשטארקטע זיפצען. מען לאָזט דער פרוי דעם וועג.)

מרס. פיינס (שפּארענדיג זיך אין באַדעצימער, מיט גרויסען שרעק). איז עס מיין בעטטי? איז עס מיין בעטטי? (פלוצלונג לאָזט זי אַרויס אַ האַרצרייסענדיגען קוויטש.) בעטטי! בעטטי!... (היסטערישעס שרייען און אָהנמאַכט. בעוועגונג.)

שטימען. וואַסער אויף גיך! וואַסער אויף גיך! (געיאָמער; עטליכע שכנים און שכנות טראָגען זיך דורך איבער דער קיך אין זובענים נאָך אַ גלאָז וואַסער.)

אלעקס (שטעהט אונבעוועגליך, בעגיסענדיג זיך מיט טרערען).

מילדרעד (קומט צו איהם צו, קוים געהענדיג און וויינענדיג, מיט ביידע הענד אויפ'ן מויל).

העניע (הינטער איהר מיט געוויין). האָט זיך דערוואוסט שוין... די מאַמע...

מאטעס (מיט טרערען פערלאָפענע אויגען קוקט אַלץ אויף אלעקס'ען און דריקט זיך די ציינער, קעמפפענדיג מיט וויינען).

שכן (לויפט אריין). פּאָליס קומט! (עס ווערט שטיל.)

אלעקס (שוידערט אויף, נעמט ארום מילדרעדען מיט איין האנד און טריקענט זיך די אויגען מיט דער אנדערער).

מאטעס (נעמט אריין זיין באָרד אין מויל, בייסט זי און עסט זיך איין נאָך שטארקער אין אלעקס'ען מיט זיינע פּלוצלונג טרוקען געוואָרענע אויגען).

פאָרהאנג.

דריטער אַקט

אין קיך ביי די ראטנערס. שפעט אין אווענד. עס ברענט די גאזלאָמפּ.

נ אַ נ ס י (זינגט און טאַנצט טאַנגאָ, עסענדיג אין דער אייגע־נער צייט פון אַ שאכטעל שאָקאָלאַד, וועלכע זי האלט אין דער האנד. צייטענוויוז האלט זי איין אין איהר טאַנץ, הערט זיך צו, וואָס עס טוט זיך אויבען און דרויסען, גיט אַ פיהר מיט די אקסלען, ווי זי וואָלט געזאָגט: „וואָס געהט עס מיך אָן!“ און טאַנצט ווייטער. די גאַנצע צייט הערט מען אַ גערויש פון מענשען אויף די טרעפּ. באלד קומען אריין העניע מיט צוויי קוסענס, נאָך איהר מילדרעד און אלעקס; צולעצט מאַטעס).

ה ע נ י ע און מ י ל ד ר ע ד (זיינען זעהר מיד און אָבגע־שפּאנט. ביידע געהען, קוים וואָס זיי שלעפּען זיך).

מ אַ ט ע ס (געהט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, גלייך אַ שווערע משא וואָלט איהם געדריקט).

אַ ל ע ק ס (זעהט אויפגעלעבט אויס, ווי ער וואָלט פון עפּעס בעפרייט געוואָרען).

ה ע נ י ע (נאָך אין קאָרידאָר). ביי אונז ברענט גאָר גאַז? (אריינקומענדיג.) זעה, דו ביזט גאָר אין דער היים? האָסט דאָך געזאָלט — —

נ אַ נ ס י. דייוויס האָט געמוזט נויטיג אָבפאָהרען נאָך ניו הייווען, האָט ער מיך מכבד געווען מיט אַן אויטאָמאָביל־ראַיד צו דער סטיישאָן און מיט שאָקאָלאַד און אָבגעשיקט מיך צוריק מיט אַן אויטאָמאָביל. און אַזוי בין איך גאָר אין דער היים. אַ שטרוי־וויטווע. אַן אלמנה חיה.

ה ע נ י ע. פאַר וואָס ביזטו נישט ארויפגעקומען ארויף?

נ אַ נ ס י. צו וואָס? אָט וועל איך פון אייך אַלץ הערען.

גאַט, זייט אייך מכבד. נו, וואָס אזוי אלע? וואָס אזוי אָנגערוקט און פערהשכ'ט? מילדרעד, זיי דיך מכבד.

מ י ל ד ר ע ד. ניין. א דאַנק.

נ א נ ס י. אָך, זיי דאָך נישט אזוי!

מ י ל ד ר ע ד. א דאַנק. איך וועל נישט נעמען.

נ אַ נ ס י. מערקווירדיגע מענשען! היער, מאַמע.

ה ע נ י ע (אַראָבלאָזענדיג זיך שווער אויף אַ שטול). אויסהערען דעם יאָמער און דערנאָך עסען שאָקאָלאַד.

נ א נ ס י. בין איך דאָך טאַקע א קלוגע, וואס איך בין ניט ארויסגעגאַנגען. טאַטע — — (טראָגט אונטער מאַטעסען די שאָקאָלאַד און כאַפּט צוריק צו.) אַ, אַ, סכנות! מיט אזא געזיכט אין אזעלכע אויגען, וועט ער נאָך ארויסוואַרפען מיך מיט'ן שאָקאָלאַד צוזאמען.

מ א ט ע ס (ארומגעהענדיג, נישט געפינענדיג זיך עפּעס קיין אָרט). דאָס וויל איך טאַקע.

נ אַ נ ס י. אַלעקס, ראַטעווע אויף גיך אָב דיין חלק.

א ל ע ק ס (נעמט א שטיקעל שאָקאָלאַד).

נ א נ ס י. און יעצט הער איך אויך אויף, איך זאל מיך חס ושלום נישט איבערעסען. און יעצט דערצעהלט מיר. (זעצט זיך ביים טיש, אראָבציהענדיג מילדרעדען צו זיך אויף די קני.) ווער איז דאס מיידעלע?

ה ע נ י ע. א מרס. פיינס'עס, וועלכע וואוינט א פּאר בלאָק פון דאַנען. (מיט טרערען.) איהר עלטסטע מיידעל. א טייער קינד געוועזען — — —

נ א נ ס י. שאַ, שאַ, נאָר נישט צורעגענט זיך. האָט מען עפּעס א שפּור פון דעם מערדער?

ה ע נ י ע. זיי וועלען איהם שוין כאַפּען. אַן איטאַליענער. א יונגער איטאַליענער. א מיידעלע האָט זי געזעהן מיט איהם. און א סך האָבען איהם געזעהן ארויסגעהן מיט א גרויסען פּאַק, פּונקט אזוי די גרויס, ווי דאס מיידעלע. די פּאָלים האָט פון איהם א גע־

גויע בעשרייבונג. זי וועט איהם שוין כאַפּען. אָי, איך וואלט איהם עפּעס געלינטשעט! אויפגעהאנגען וואָלט איך איהם אויפ'ן ערסטען בעסטען בוים. אזא מערדער! א יונג נפש'ל!.. א יונג לעבען!..

מ א ט ע ס. דו וואלסט איהם געלינטשעט, הא? געלינטשעט... אויפגעהאנגען נאָר אָהן א פּראַצעס, הא? אָהן שאלות און מענות, הא?

ה ע נ י ע. אָהן אלין. איך וואָלט איהם נאָך א פּריער אָנגעטאָן די גרעסטע יסורים. שטיקער פלייש וואָלט איך פון איהם געריסען.

נ א נ ס י. אוי־וי, קוק נאָר אָן די מאַמען! גאַנץ בלוט־דורסטיג.

ה ע נ י ע. דו לאכסט, הא? דו לאכסט. איז ער עס אפשר ניט ווערט, הא?

מ א ט ע ס. די גרעסטע יסורים אָנגעטאָן, הא? דו הערסט, אלעקס? שטיקער פליש וואָלט זי פון איהם געריסען. העהע..... (צו העניען.) גאַנץ אליין וואָלסטו עס געטאָן?

ה ע נ י ע. זיי זיכער, אז עס וואָלט געהאלטען ביי לינטשען איהם, וואָלט שוין געווען א גרויסער עולם. אזא איינעם איז דאָך א מצוה צו לינטשען.

מ א ט ע ס. א גרויסער עולם... א גרויסער עולם... און שטעל דיר פאָר, אז אין דעם גרויסען עולם, וועלכער וועט זיך צו־נויפלויפען צו פערדיענען די מצוה פון לינטשען אזא איינעם, וועט זיך געפינען זיין אייגענע מוטער...

מ י ל ד ר ע ד. אוי־וי!

ה ע נ י ע. זאָל דאָס נישט צוגעקומען ווערען! אנטקעגען וואָס זאָגסטו עס?

מ א ט ע ס. אָט. איך האָב געוואָלט וויסען, וואָס זאָל אזא מאמע טאָן.

ה ע נ י ע (אויסווייכענדיג דעם ענטפער). פאר וואָס עפּעס אזא מאמע? און וואָס עפּעס אזא טאטע?

מ א ט ע ס. זאָל זיין דער טאטע אויך. איז וואָס זאָלען אזא טאטע־מאמע טאָן?

נ א נ ס י (לאַכענדיג). א שווער רעטעניס, ווי?

ה ע נ י ע. וואָס מיינסטו? זאָל עס טאקע נישט צוגעקומען ווערען. אָבער איך מיין — — איך מיין... אך, וואָס איז פאראן צו רעדען!

נ א נ ס י. (צולאכט זיך).

ה ע נ י ע. פוי! אזעלכע זיהן האָבען געמאָגט בעסער גאר נישט געבאָרען ווערען, האָבען בעסער געמאָגט אויסגערונען און אויסגעשוואומען ווערען פון דער מאמעס בויך.

מ א ט ע ס. אָבער טאטע־מאמע וואָס זאָלען טאָן? אויב טאטע־מאמע זיינען עהרליכע, בראווע מענשען, וואָס זאָלען זיי טאָן?

ה ע נ י ע. אָה, וואָס'ט צעך אָנגעטשעפעט! אדרבא זאָג דו, וואָס זיי זאָלען טאָן!

מ י ל ד ר ע ד. או־ו־ו, הערט דאָך אויף! עס א־ז שרעקליך גאָר צו דענקען!

נ א נ ס י (דריקענדיג זי צו זיך). דאָס מיידעלע א־ז נערוועז. — האָט'ן אייך עפעס אויך אויסגעפרעגט?

ה ע נ י ע. ווי דען?

נ א נ ס י. וואָס'ט מען געפרעגט?

ה ע נ י ע. אָט — ווי אָפט זיינען מיר געוועזען אפּסטערז? ווען זיינען מיר אוועק פון דער היים? ווי אזוי האָבען מיר ענטדעקט? און נאָך אזעלכע פראגען.

מ א ט ע ס (לאַנגזאַם רעדענדיג). מיך האָט'ן געפרעגט, פאר וואָס זעה איך אויס אזוי צורודערט, אזוי מבולבל — —איז דאָס מיידעלע עפעס מיינע א קרובה? א ודאי מיינע א קרובה, האָב איך געענטפערט.

נ א נ ס י. וואָס?!

מ אַ ט ע ס. א גאַנץ לייבליכע קרובה. (קוקט אָן אַלעקס׳ען.) א גאַנץ לייבליכע קרובה.

נ אַ נ ס י. וואָס רעדסטו דאָרטין! וואָס פאַר א קרובה?

מ אַ ט ע ס. נו, יאַ — — א מענש! „א מענש“, האָב איך זיי געענטפערט. און א קינד נאָך דערצו... א קינד איז אַלעמענס קרוב און נעמען א קינד און דערשטיקען — — —

נ אַ נ ס י. דערשטיקט האָט ער זי?

מ אַ ט ע ס. דערשטיקט. אָנגענומען פאַר׳ן העלזעל...

ה ע נ י ע. מיט הענדשיקעס אויף די הענד, כדי מען זאָל זיינע פינגער־אַבדריק נישט האָבען.

מ י ל ד ר ע ד (ציטערענדיג אין אַלע אברים). אָה, זאָל שוין זיין גענוג!

נ אַ נ ס י (גלעטענדיג זי). נו, נו, נו... מעהר וועל איך נאָר נישט פרעגען. — — איך האָב דערווייל געהאַט א גוטען „ראַיד“ אין אויטאָמאָביל, און איצטער געה איך נעמען א וואַנע און — שלאָפען. (שטעהט אויף מיט מילדרעד׳ן.)

ה ע נ י ע. איך וועל דאַכט זיך נישט קאָנען צומאַכען מיט אַן אויג. און בין אַזוי מיד — — גאַנץ קראַנק בין איך — — אַלע וועהטאָגען האָבען זיך אין מיר אָבגערופען.

מ י ל ד ר ע ד. וואָס פאַר א שווערער טאָג!

נ אַ נ ס י. קום, מילדרעד, מאַך דיך בעקוועם. מיר׳ן זיך לעגען שלאָפען. ווילסט אפשר אויך א וואַנע?

מ י ל ד ר ע ד. א וואַנע... ברררר...

נ אַ נ ס י. קאָם אַן! קאָם אַן! טשיר אַפּ! (נעמט מילדרעד׳ס טשעמאָדאַן און געהט אָב מיט מילדרעדען. העניע געהט נאָך זיי נאָך מיד און שלעפּעדיג.)

מ י ל ד ר ע ד (אין טיר). איך זעה דיך מעהר נישט היינט, אַלעקס? ניין, איך וועל נאָך אַרויסקומען זאָגען דיר א גוטע נאַכט. נעהסט דאָ אויך שלאָפען?

אַ ל ע ק ס. יאָ, איך וועל...

מ י ל ד ר ע ד. גוד ביי דערווײלע. (מיט א בליק פון ביינקענים און לאסקע מאַכט זי צו איהם מיט דער האנד.) ביי! ביי! (געהט אָב.)

א ל ע ק ס. נ־נא! (מיט א בליק אויף מאטעסען לאָזט ער זיך צו דער צימערטיר.)

מ אַ ט ע ס (פערכאַפּט איהם דעם וועג און מאַכט צו די צימער־טיר, איילט צו צו אלעקסען, העבט איהם אָן ארומצוטאַפּען, גלייכט זיך אוים, קוקט איהם ווילד אָן און רעדט ארוים, איינגעהאַלטען, מיט געוויין אין קול, ציטערנדיג אין גאנצען קערפּער). דו ביזט דער מערדער!

א ל ע ק ס (אבשפּרינגענדיג, גאנץ פערלאָרען). אה, וואָס?! וואָס?! — — טאַטע!

מ אַ ט ע ס (בעגיסענדיג זיך מיט טרערען). דו ביזט דער מערדער!

אַ ל ע ק ס. ווי — ווי — ווי קומסטו — — ?

מ אַ ט ע ס. אההה, אז אויבען איז עפּעס נישט גלאט מיט דיר, אז דו האָסט אויבען עפּעס אָבגעטאָן, האָב איך מיר אָנגעהייבען צו שטויסען, גלייך ווי דו האָסט געהליש'ט. איך האָב מיך גלייך געשטויסען, אז דיין געוויסען איז עפּעס נישט ריין. מיר האָט גלייך אָנגעהויבען צו זעצען אין קאָפּ, אז עפּעס האָסטו אויבען אָבגעטאָן און האָבט זיך דערשראָקען, אז מיט מילדרעדס קומען נישט־געריכ־טערהייט זאָל עס נישט איפּגעדעקט ווערען. איך האָב אָנגעהויבען צו בעגרייפען דיין האנדטוך־פילאָזאָפיע און דיין פראגע וועגען דיין עהרליכקייט און דיין אָבלעגען ארויפצוגעהן און דיין גאנץ בענעמען זיך. אָההה, איך בין ארויפגעגאנגען ארויף גאנץ זיכער, אז איך וועל עפּעס ענטדעקען. און אז איך האָב געפונען די טיר אָפען איז מיר איינגעפאלען, אז דו האָסט בע'גנב'עט מילדרעדס פּלעט. עס האָט זיך אויסגעלאָזען אָבער נאָך ערגער... אָההה! אָי! מערדער!

אַ ל ע ק ס. האָסט פערגעסען דעם איטאַליענער, טאַטע.

מ אַ ט ע ס. דעם איטאליענער?!... האאהא!... איך האָב אָבער דעם ב ע ו ו י ז, אז דו...

אלעקס (אבטרעטענדיג). דעם בעוויז?

מאטעס. זעהסטו?! זעהסטו, ווי דו האָסט זיך דער־שראָקען! אויבען האָסטו זיך אויך אזוי דערשראָקען, ווען איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב עפּעס געפונען, ביזטו פאר שרעק שיער ניט אומגעפאלען. אָן אויוועז האָסטו זיך אָנגעכאפּט, אָן אויוועז. אההה... יאַ־יאַ... איך האָב דעם בעוויז... איך האָב נאָך אַן אנדער בעוויז, אויב דיין שרעק איז מיר ווייניג.

אלעקס (שוואך). אלזא... וואָס פאר א בעוויז?

מאטעס. דו ווילסט וויסען? וואס פאר א בעוויז קאָן איך האָבען, אויב דו האָסט אויבען גאָרנישט אָבגעטאָן?

אלעקס (העזה'דיג). האָסטו איהם טאקע נישט!

מאטעס. איך האָב איהם. — — א קנעפּעל!

אלעקס. א קנעפּעל? (נישט ווילענדיג בעטאַפּט ער זיך ראָק און הויזען.)

מאטעס. יא, ער פעהלט ביי דיר, און איך האָב איהם. איך האָב איהם געפונען אין שלאָפצימער.

אלעקס (לאַכט אויף). האהאהא!

מאטעס. דו לאכסט?!

אלעקס. געה און שלאָף דיך אויס. דעם קנעפּעל האָב איך דאָרטין מסתמא פערלאָרען, ווען — — ווען איך האָב געהאָלפען מילדרעדען איינפּאקען זיך. נאָך מיט צעהן טעג צוריק.

מאטעס. דו האָסט דאָך נאָך גאָרנישט געוואוסט, אַז דו האָסט איהם פערלאָרען.

אלעקס. נישט געוואוסט האָב איך? א ודאי האָב איך גע־וואוסט. איך האָב בלויז יעצט פערגעסען.

מאטעס. פערשטאָפּענע אויגען! דו ליגסט דאָך, וואָס דו זאָגסט.

אלעקס. ווי דו ווילסט צעך!

מאטעס. וואָס קאָן איך אנדערש ערווארטען פון א מער־דער!

א ל ע ק ס (שטרויינג). טאטע!

מ א ט ע ס (געהט צו צו דער צימערטיר און רופט אריין). מילדרעד!

מ י ל ד ר ע ד (דרינען). יא?

מ א ט ע ס. קאנסטו מיר זאגען, געדענקסטו אפשר נאָך, וואו דו האָסט פערפאקט דיין קאפער פאר'ן אבפאָהר?

א ל ע ק ס (מאכט א בעוועגונג צו דער טיר).

מ א ט ע ס (שטופט איהם אָב).

מ י ל ד ר ע ד. ביי אונז אין דייני‎נג רום. וואָס איז? פאר־וואָס פרעגט איהר עס? וואָס איז דער מעהר?

מ א ט ע ס. גארנישט, מילדרעד, גאָרנישט. (מאַכט צו די טיר.) נו־ו?

א ל ע ק ס. ערסטענס געדענקט מילדרעד נישט. צווייטענס האָב איך דיר געזאָגט „מסתמא“. איך האָב געקאָנט פערליערען דאָרטין דעם קנעפּעל איך ווייס אליין נישט, ווי און ווען, זייענדיג דאָרטין טאָג־טעגליך, מר. שערלאק האָלמס!

מ א ט ע ס. ווילסטו זאָגען, אז... (אַן אויפשריי אין דעם דערבייאיגען צימער. ביידע בלייבען שטעהן פול שפּאַנונג.)

מ י ל ד ר ע ד (מיט א קיסען אין דער האנד, קומט אריין, בעגלייט פון העניען און נאַנסין, אַלע דריי איבערגעטאָן אין נאַכט־קליידער און גאנץ אויפגערודערט).

מ י ל ד ר ע ד. או, זעהט! איך האָב געוואָלט בעציהען דאָס קיסען, האָב איך פּלוצלונג בעמערקט, אז דאָס קיסען איז געווען אויפגעטרענט און שלעכט פערנעהט געוואָרען. אי, דער מערדער האָט דאָ עפּעס...

א ל ע ק ס (גיט זיך פּלוצלינג אַ לאָז צו דער ארויסגאנגטיר).

מ א ט ע ס (פערשטעלט איהם דעם וועג). שטעה, דו וועסט נישט ענטלויפען! מערדער! מערדער! מערדער! (די פרויען שרייען אויף מיט ווייט פערנאַנדערגעעפענטע מיילער און ווייט ארויסגעגלאָצטע אויגען.)

א ל ע ק ס (מאַכט צוערסט אַ בעוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט

ארויפוואַרפען זיך אויף מאַטעסען. בלייבט אָבער שטעהן ווי אַ בעגראָבע־נער מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ און אַראָבגעלאָזענע הענד).

ה ע נ י ע (ברעכענדיג זיך די הענד, קראַצענדיג זיך דעם קאָפּ). מאַטעס !... מאַטעס !... וואָס... מאַטעס ! ?...

נ אַ נ ס י. או, וועה !

מ י ל ד ר ע ד. ניין !... ניין !... ניין !... (צופאַלענדיג צו אַלעקסען.) זאָג, ניין ! ניין ! עס קאָן נישט זיין ! זאָג, ניין !... ניין דאָך ? ניין ? (שפּרינגט אָב פון איהם און קוקט איהם אַן מיט גרויסע אויגען.) אַלעקס !... אַלעקס !...

אַ ל ע ק ס (לעגט אַרויף די הענד אויפ׳ן געזיכט).

ה ע נ י ע. איז עס אמת ? אַלעקס, איז אמת ? איז עס מעג־ליך ? (רייסט איהם די הענד פון געזיכט.)

נ אַ נ ס י (שיפּעט אַרוים בייז און האַרט פון צווישען די ציינער). זעהסט דאָך, אַז דאָס איז אמת. (קוקט אָן אַלעקסען מיט אַ האַס אָנגע־פילטען בליק.)

מ אַ ט ע ס. העניע, אונזער זוהן ! העניע, אונזער מיזיניק !... העניע !... העניע, אונזער זוהן אַ מערדער !... גענומען אַ קליין מיידעלע און דערשטיקט !... פאַר׳ן העלזעל מיט זיינע פינגער !... העניע !... העניע !...

ה ע נ י ע (העבט אָן אַרומצולויפען איבערן צימער ווי אַ משוגענע, רייסט זיך די האָר און ברעכט זיך די פינגער און קרעכצט אהן אַן אויפהער). אוי ! . . . אוי ! . . . אוי ! . . .

מ י ל ד ר ע ד (לאָזט זיך אַראָב אויף די קני, נעמט אַרום אַלעקסעס פיס און כליפּעט). ניין ! ניין ! . . . ניין ! . . .

מ אַ ט ע ס. ווי קומט עס צו אונז, העניע ? שטילע, עהרליכע מענשען... קיינמאָל קיינעמס נישט פערנומען... אַ פליג אויפ׳ן וואַנט נישט אָנגעריהרט... אָבגעלעבט אַ לעבען אהן תאוות, אָהן ליידענשאַפטען, אָהן שלעכטע נייגונגען... העניע, ביזטו אפשר זינדיג געוועזען ?... האָסטו זיך אַרומגעטראָגען מיט פערברעכע־רישע פערלאַנגען ?... איז עס מ י י ן זוהן, העניע ? דו כשרע

אידענע, דו טרייע נשמה!... איז עס ד י י ן זוהן? איז עס א ו נ ז ע ר זוהן? העניע! העניע! (כליפּעט.)

א ל ע ק ס (אראָבלאָזענדיג די הענד, מיד). זאָגט מיר, וואָס זאָל איך מיט מיר טאָן?

מ א ט ע ס (שפּרינגט אויף ווי געביסען און שיפּעט ארויס ווילד פון צווישען די ציינער). וואָס זאָלסטו מיט זיך טאָן, מערדער?!

נ אַ נ ס י. הייננ דיך אויף, שיס דיך, טרינק דיך!...

מ אַ ט ע ס. דאָס טו מיט זיך, מערדער!

א ל ע ק ס (מאַכט א בעוועגונג אוועקצוגעהן). גוט.

מ י ל ד ר ע ד (שטארקער ארומנעמענדיג אלעקסעס קני). אָה! אָה! אָההה!...

ה ע נ י ע (שרייט אויף, בלייבט שטעהן מיט די אויגען אויסגע־גלאצט אויף אלעקסען).

מ אַ ט ע ס. האַלט איהם נישט, מילדרעד!

מ י ל ד ר ע ד. ניין! ניין! ניין!...

מ א ט ע ס. לאָז איהם געהן! לאָז איהם זיך א מיתה אָנטאָן! זאָל ער נעמען זיין שטראָף!...

ה ע נ י ע. מאטעס! מאטעס!

מ אַ ט ע ס. לינטש איהם! לינטש איהם! דו האָסט געוואָלט דער מיידעלעס מערדער לינטשען! לינטש איהם! לינטש איהם! טו איהם אָן די גרעסטע יסורים! רייס פון איהם שטיקער פלייש! דו האָסט עס אליין געזאָגט!...

ה ע נ י ע. מאטעס! מאטעס! אי, איך וועל שטארבען!... אי, איך וועל משוגע ווערען!...

מ י ל ד ר ע ד (ציהט זיך פּלוצלונג אוים ביי אלעקסעס פיס אין חלשות).

א ל ע ק ס (קוקט אראָב מיט שרעק און שרייט אויף). מילדרעד! מילדרעד! מילדרעד! (לאָזט זיך אראָב פאר איהר אויף די קני.) וואַסער! וואסער!

נ אַ נ ס י (כאַפּט א גלאָז, גיסט אן וואסער, טראָגט־צו און בע־שפּריצט מילדרעדען).

ה ע נ י ע (אראָבלאָזענדיג זיך איבער מילדרעד מיט א יאָמער). אוי—וי—וי, און איך חלש ניט!... איך שטארב נישט!... גאָט שיקט אויף מיר קיין מיתה נישט אָן!...

נ אַ נ ס י. מען דאַרף זי אריינטראָגען אין בעט.

א ל ע ק ס (הענגט אויף מילדרעד). מילדרעד!... מילדרעד!... מיידעלע מיינס!... (טראָגט זי אריין אין צימער).

נ אַ נ ס י (העלפט איהם, אוועקשטעלענדיג דאָס גלאָז וואסער אויפ'ן טיש).

ה ע נ י ע (שלעפּט זיך נאָך מיט א געיאָמער).

מ אַ ט ע ס (בלייבט שטעהן ביי דער טיר).

א ל ע ק ס (קומט אָנגעלאָפען, כאַפּט דאָס גלאָז וואסער פון טיש און וויל צוריק).

מ אַ ט ע ס (שטעלט איהם אָב און נעמט ביי איהם ארויס פון האַנד דאָס גלאָז). בלייב דאָ! (טראָגט אליין אריין דאָס גלאָז.)

א ל ע ק ס (בלייבט שטעהן ווי בענומען).

מ אַ ט ע ס (קומט אריין. מאַכט צו די טיר הינטער זיך און קוקט אן שארף אלעקסען).

א ל ע ק ס (הענגט אָן אבצוטרעטען אויף הינטען, ביז ער שלאָגט זיך אָן אן א שטול ביים טיש, און לאָזט זיך אויף איהם אראָב גאנץ קראפטלאָז און בענומען).

מ אַ ט ע ס (נעמט ארויס דעם רעוואָלווער פון קעשענע און לעגט איהם אוועק פאר אלעקסען אויפ'ן טיש). נעם און טו דיר דיין פּסק. אָבער נישט דאָ, דיין קויל זאָל נישט אוועקהרגענען די מאמען און מילדרעדען.

א ל ע ק ס. טאטע!

מ אַ ט ע ס. דו טראכסט נאָך? דו צווייפעלסט נאָך, דו זאָלסט עס טאָן?

א ל ע ק ס. איך האָב נישט געצווייפעלט, אָבער — —

מ א ט ע ס. דו האָסט עפּעס אָבגעקלערט אן ענטשולדיגונג? ווילסט זיך ארויסדרעהען?

א ל ע ק ס. די מאמע און מילדרעד ווילען נישט, אז איך זאל שטארבען.

מ א ט ע ס. די מאמע אין דעם לינטשער־עולם וואָלט זיך אפילו איינגעשטעלט פאר איהר זוהן — — וויים איך עס דען נישט?

א ל ע ק ס. און דער טאטע?

מ א ט ע ס (פעסט). געה און טו דיר דיין פסק!

א ל ע ק ס. די פּאָליציי וויים גאָר נישט פון מיר.

מ א ט ע ס. זי וועט זיך דערוויסען.

א ל ע ק ס. זי וועט זוכען דעם איטאליענער.

מ א ט ע ס. ווילסטו אפשר נאָך, אז אן אונשולדיגער איטאליענער זאָל געהן פאר דיר אויפ'ן עלעקטריק טשער? און מיינסט, אז איך וועל עס צולאָזען, אז אן אונשולדיגער זאָל פאר דיר זיצען און אויסשטעהן זיך אלע צרות פון דער אונטערזוכונג? איך אליין וועל — — —

א ל ע ק ס. פארוואָס האָסטו מיך גלייך נישט איבערגעגעבען דער פּאָליס?

מ א ט ע ס. ווייל צוערסט האָב איך געוואָלט מיך אליין פערגעוויסערן. און ווייל איך ו ו י ל נישט ארויסגעבען דיך אין די הענד פון דער פּאָליציי!

א ל ע ק ס. אההה!...

מ א ט ע ס. איך וויל, זאָלסט דיך אליין בעשטראָפען!

א ל ע ק ס (מיט געבעט). טאטע!

מ א ט ע ס. איך וויל כאָטש ד ע ם עלענדען טרייסט האָבען: האָסט געקאָנט בעגעהן אזא שרעקליך פערברעכען, האָסטו אָבער אויך געהאט אין זיך דעם מוט זיך אליין צו בעשטראָפען! אההה!... און איך וויל נישט, אז איך און די מאמע זאָלען דארפען איבערלעבען די בזיונות פון א פּראָצעס און די גרויסע שאנד פון דיין עפענטליכער שטראף אויפ'ן עלעקטריק טשער! גאָט! גאָט! גאָט!

אלעקס. טאטע!

מאטעס. אוי, וואָס דו האָסט אָנגעטאָן? וואָס דו האָסט אָנגעטאָן! ווי—ווי—ווי?!... (צואיווייגט זיך.)

אלעקס. טאטע, שלאָג מיך גוט אָן — — —

מאטעס. גנה!

אלעקס (מיט טרערען). טאטע, איך וויל... איך וועל דיר... איך וויל דיר ערקלערען...

מאטעס. איך וויל קיין שום ערקלערונג נישט. דו האָסט בעגאַנגען דאָס פערברעכען, דו טו דיר אליין די שטראָף! גנה! גנה! (קעהרט זיך אָב, בעגיסענדיג זיך מיט טרערען.)

אלעקס (נעמט דעם רעוואָלווער, בעטראַכט איהם, שטעלט איהם לאַנגזאַם אָן אויף דעם אָבגעווענדטען מאַטעס, ברעכט פּלוצלונג אויס אין א געוויין, שפּרינגט אויף און לויפט ארויס פון דער קאָרידאָר־טיר).

מאַטעס (טריקענט זיך שנעל די אויגען און איילט צו דער טיר, וואו ער בלייבט שטעהן, אפילו ווען די גאסטיר איז צוגעמאַכט געוואָרען. — — פּלוצלונג בעוועגונג אין די אנדערע צימער. מען הערט מילדרעדס היסטערישע געשרייען).

מילדרעד (רייסט זיך ארייין אין קיך). ניין! ניין! ניין!

העניע און נאנסי (הינטער איהר, ווילען זי איינהאַלטען).

מאַטעס (מאַכט שנעל צו די קיכענטיר און פערשטעלט זי מיט זיך, אָננעמענדיג א שטרייענגע האלטונג. — — די דריי פרויען קוקען זיך ארום, קוקען אָן מאטעס'ען און בעגרייפען).

מילדרעד (שרייט אויס היסטעריש און וואַרפט זיך צו מאַטעסען).

מילדרעד (האַלט איין אן אויסגעשריי, טראָגט צו בייידע הענד צום געזיכט און טרעט אָב אויף הינטען).

העניע (פאַלט אויף דר'ערד, ווי אן אונטערגעהאקטער בוים).

(פאָרהאנג)

פיערטער אַקט

א לאַנג און שמאָל צימערל. רעכטס די אריינגאנגטיר. לינקס די טיר צו די אנדערע צימער. אין הינטערגרונד א בעט. צווישען בעט און אריינגאנגסטיר — א וואשטטענד. לינקס ביי דער טיר א דעסקעל. אין מיטען צימער א שאָקעלשטול. דאָס צימער איז אָנגעוואָרפען מיט צייטונגען. ערגעץ־וואו אין הויז שטודירט עמיצער אויפ'ן פיאנא גריגס „אָזעס טויט". שפּיעלט אָב עטליכע פּאסאזשען, בלייבט שטעהן, חזר'ט איבער, איבט מיט דער רעכטער האַנד. דאַן מיט דער לינקער האַנד, באַלד ווידער מיט ביידע הענד, געהט איבער צו ווייטערע פּאסאזשען און מאַכט דורך די זעלבע איבונגען, און צולעצט געהט ער דורך דאָס שטיק אין גאנצען פון אָנהעב אָן און אָהן אָבשטעלונגען.

אלעקס (זיצט אויפ'ן בעט, דער אונטערסטער טייל פון געזיכט בעהאַלטען אין די הענד, די אויגען ווייט אָנגעשטעלט — איינגעפאלענע, טרויעריגע, פיבערישע אויגען. דאָס געזיכט נישט ראזירט, דאָס האָר קוים געקעמט. ער אָטעמט שווער — קענטיג אונטער דער משא פון די אייגענע געדאנקען און אונטער דעם איינדרוק פון דעם טרויער־ניגון. זיינע אויגען ווערען אָנגעלאָפען מיט טרערען. דאָס שפּיעלען האַקט א ווײַלע אָב, און אלעקס זיצט נאָך א ווײַלע אונבעוועגט. באַלד אָבער נעמט ער ארויס זיין זייגערל, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, זיפצט־אויף, שטעהט אויף, געהט צו צו דער לינקער טיר, קלאַפּט אָן, עפענט אויף און רעדט אריין). ענטשולדיגט, קאָן איך וויסען די ריכטיגע צייט?

דער מיסטער (אין דעם אנדער צימער). א פערטעל נאָך זעקס.

אלעקס (מאכט צו די טיר, קוקט נאָך אמאָל אויף זיין זייגער, שטעלט איבער, העבט אָן ארומצוגעהן איבער'ן צימער, קראצט זיך דעם קאָפּ, זעצט זיך צו אויפ'ן בעט. עס קלאַפּט אין דער טיר לינקס. אלעקס

ציטערט אויף, קוקט זיך אום אויף דער טיר, וועלכע עפענט זיך, און עס בעוויזט זיך דעם מיסטערס קאָפּ).

ד ע ר מ י ס ט ע ר (א יונגערמאַנטשיק מיט א בלאָנדען בערדעל). איהר זייט גאָר אין דער היים? ווען זייט איהר געקומען? איהר זייט שוין לאַנג דאָ? נישט געפונען קיין ארבייט, ווי? א שרעקליכער זומער, זאָל גאָר נישט צוגעקומען ווערען! עס געהען ארום מענשען — — אההה! נו, וואָס ז׳צט איהר אזוי? האָט איהר היינט נישט געקראָגען, וועט איהר מאָרגען קריגען, וועט איהר איבערמאָרגען קריגען. אז איהר זיצט אזוי, ווי זאָל איך שוין?... אָט געה איך אויך ארום אָהן ארבייט. איהר זייט כאָטש א סינגעלמאַן. איהר זייט דאָך א סינגעלמאַן, ווי? איז וואָס האָט איהר אזוי וואָס צו זאָרגען? האַנדעלט נאָך מיין כלל — נישט געזאָרגט! — — — דאָס האָט איהר היינטיגע צייטונגען? (קומט אריין אין צימער.) קאָן איך נעמען א קוק טאָן? אזוי פיעל צייטונגען לייענט איהר? איהר זוכט אין די אדווערטייזמענטס, הא? ארויסגעוואָרפען געלט. וואָס שרייבען זיי עפּעס וועגען דעם יונגען מאַן, וועגען אלעקס ראטנער? שרייבען זיי עפּעס? מי האָט איהם נאָך נישט געכאַפּט, ווי? אה, אזא מערדער, הא? א איד זאָל אָבטאָן אזא זאך!... זאָגט, איז עס נישט... אה!... אמעריקא!....

א ל ע ק ס (נישט ענדערענדיג זיין פּאָזע, מיט די אויגען אָנגעשטעלט אין דער ווייט, רעדט לאַנגזאַם, מאַנאַטאָן און ווי צו זיך אליין). אמעריקא וואָס איז שולדיג?

ד ע ר מ י ס ט ע ר. וואָס דען נישט?

א ל ע ק ס. ניט אין אמעריקא בעגעהט מען ניט אזעלכע פערברעכען?

ד ע ר מ י ס ט ע ר. א איד?

א ל ע ק ס. און א איד אויך. פערברעכען ליעגען אין דעם מענשען. ווען די גאַנצע מענשהייט איז בעשטאַנען פון פיער פּערזאָנען, האָבען צוויי עובר געווען אויף גאָט׳ס פּערבאָט און געגעסען פון דעם עפּעל, און דער דריטער האָט דער׳הרג׳עט דעם פערטען —

זיין איינענעם ברודער און דעם איינציגען עהרליכען מענש. איהר האָט דאָך דאָס מסתמא געלערנט?

דער מיסטער. פששש, פטור, נו, העהעהע!

אלעקס. און באלד האָבען זיך די מענשען אזוי צוזינדיגט, אז גאָט האָט געפונען פאר נויטיג אָבצושווינקען זיי פון דער ערד דורך א מבול. און דאָס איז געווען נאָך פאר קאלומבוסען, און אמעריקא איז נאָך דאמאָלס נישט ענטדעקט געוועזען.

דער מיסטער. העהעהע... יאָ, אָבער א איד!

אלעקס. זיינען אידען דען קיין מענשען נישט?

דער מיסטער. איז נאָך אייך נאָך האָט א איד געמאָגט בעגעהן אזא פערברעך?

אלעקס. מאָגען — — מאָג קיינער נישט.

דער מיסטער. א איד אָבער — — א איד!... א איד איז גאנץ אנדערש. איך האָב פיינט, אז א איד איז פערמישט אין א מאָרד. א איד דארף נישט פערמישט זיין אין א מאָרד. א איד דארף וויסען, אז ווייניג וואָס ער בעגעהט א בלוטיג פערברעכען און הרג'עט א מענשען — ער בעגעהט נאָך דערביי א גרויסען חילול השם!

אלעקס. וואָס איז דאָס אזוינס?

דער מיסטער. אָט דאָס איז די מעשה, וואָס דאָ אין אמעריקא ווייס מען אפילו נישט, וואָס חילול השם איז! ווי הייסט מאכען צו שאנד און צו שפּאָט דעם אידישען נאָמען?! ווייניג זיינען מיר אין גלות, וואָס? ביי זיי, ביי די גוים, זיינען דאָך גלייך אלע אידען מערדער!

אלעקס. דארפט איהר דאָך שטורמען געגען אלע פער־ברעכען ביי אידען.

דער מיסטער. ווי?

אלעקס. נו, געגען גנבה, שווינדעל, אינטערצינדען...

דער מיסטער. דארף מען טאקע! דארף מען טאקע! אָבער איך מיין — — אלע אנדערע פערברעכען — — — איך

וויס, געשעפט, נויט, פערשידענע אנדערע זאכען טרייבען דערצו, און גלאט — — דיני ממונות איז אַן אנדער זאך. געלד־זאכען איז שוין עטוואָס גאנץ אנדערס. דאָס איז שוין עפּעס — — איך וויס, וואָס טוט מען נישט צוליעב געלט? יענער האָט געלט און איך האָב נישט, זאָג איך מיר — — מילא! איהר פערשטעהט, דאָס איז דאָך אַ פראגע פון לעבען — — פון אַ ביסעל בעסער לעבען — — אָדער אפילו פון גאָר גוט לעבען! קאָן איך עס נישט אויף אזא אופן, טו איך עס אויף אזא אופן. ווען איך גנב'ע ביי יענעם ארויס פון קעשענע אָדער בע'גנב'ע זיין הויז אָדער בעשווינדעל איהם, קאָן איך מיר בעסער מאכען און יענעם ערגער. אָדער זאָגען מיר אפילו, יענעם גאָר שלעכט מאכען, יענעם בדיל הדלות שטעלען — איז עס טאַקע אַן עולה, אַ פערברעכען, אָבער אלץ דאָך נישט קיין מאָרד! איהר פערשטעהט, דאָך נישט מאָרד, דאָס לעבען נישט אוועקנעמען, קיין בלוט נישט פערגאָסען! און דאָ נאָך, וואָס פאר אַ מאָרד — —אַ קליין מיידעלע, אַ יונג נפש'ל, און אויס וואָס? איהר פערשטעהט, אויס וואָס?! אויס וואָס?! נעמען אַ קליין קינד — — אה!.... איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס אזוינס האָט ער זיך געטראכט? איהר קאָנט עפּעס פערשטעהן?

אלעקס. ער'ט זיך גאָרנישט געטראכט.

דער מיסטער. גאָרנישט געטראכט?

אלעקס. ער'ט דערזעהן דאָס מיידעלע, עס'ט איהם אַ ציה געטאָן צו איהר — —

דער מיסטער. אז ציהען זאָל איהם דאָרטין!....

אלעקס. און וואָס ער'ט געטראכט און אָבגעטראכט, איז, ווי זי לייכטער אריינצוקריגען. און אז ער האָט זי אריינגע־קראָגען — —

דער מיסטער. דער חזיר!

אלעקס. האָט ער יעמאָלט ערסט אַ טראכט געטאָן, אז זי קאָן אויסזאָגען אויף איהם און אָנמאכען איהם צרות. און יע־מאָלט ערסט האָט ער אַ טראכט געטאָן, אז די בעסטע זאך פאר

איהם איז, ער זאָל זי אוועק׳פּטר׳ען. טויטען און אָבטאָן די זאַך אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט דערגעהן — — —

דער מיסטער. קיינער זאל נישט דערגעהן, יאָ! קיינער זאָל נישט דערגעהן, האהא!

אלעקס. און אז ער האָט דאָס אויך אָבגעטאָן, האָט ער יעמאָלט ערסט א טראכט געגעבען, וואָס ער האָט אָבגעטאָן. אָבער יעמאָלט איז שוין געווען שפּעט. — שפּעט. — אחר המעשה.

דער מיסטער. אויב ער האָט דאָס א טראכט געגעבען, האָט ער זיך געדארפט גלייך א מיתה אָנטאָן.

אלעקס. דאָס האָט ער געדארפט. — — געדארפט זיך גלייך א מיתה אָנטאָן.

דער מיסטער. אָבער דער חברה־מאַן האָט זיך בעסער אָבגעטראָגען און מען קאָן איהם נישט כאַפּען. און איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אַז אויב ער בעגעהט נישט קיין זעלבסטמאָרד, וועט עס מיר שטארק הנאה טאָן, אַז מען וועט איהם נישט כאַפּען.

אלעקס. גאָר אזוי?

דער מיסטער. טאקע דערפאר, ווייל ער איז א איד. ווענינער חילול השם. אז מי׳ט איהם כאַפּען, וועט זיך אָנהויבען א פּראָצעס און דערנאָך דער עלעקטריק טשער — און אמת׳ער חילול השם און אויף א לאנגער צייט. כאַפּט מען איהם אָבער נישט, איז פּטור! וועט מען איהם באלד פערגעסען, וועט קיין רעש נישט זיין, וועט קיין עלעקטריק טשער נישט זיין, און אַז איך וויל זאָג איך, אז די גאנצע מעשה איז געוועזען א ליגען: גאָר אזא איד נישט געוועזען, אזא איד האָט גאָר אזא מאָרד נישט בעגאנ־נען. ווארום אז עס וואָלט געוועזען אזא איד, וואָלט איהר איהם שוין געווים געכאַפּט. פערשטעהט איהר מיך, העהע... אָבער בעסער איז, ווען ער בעגעהט זעלבסטמאָרד. דאָס איז עפּעס א סך שענער.

אלעקס. שענער?

דער מיסטער. פאר אידען. פאר אידען שענער. א סך שענער. אָט — — טאָמער האָבען מיר אמאָל געהאט אזא מער־

דער, א מערדער פון תאוה, א לוסטמערדער, ווי די צייטונגען רופען איהם אָן, האָט ער גלייך איינגעזעהן, וואָס פאר א מערדער ער איז, און גלייך חרטה געהאט און גענומען זיך דאָס לעבען.

אלעקס. אהאַ! — — יא!...

דער מיסטער. איז איהר פערשטעהט?... (קלאפען אין דער אויסענטיר.)

אלעקס (ציטערט אויף). ווער? ווער דאָרט?

מילדרעד. איך. מילדרעד.

אלעקס. אָה, גלייך!... (צום מיסטער.) איהר'ט ענטשולדיגען...

דער מיסטער. אָה, יא, איך פערשטעה... א דאמע... די כלה, ווי? אָדער — הא? קאָן איך נעמען א צייטונג?

אלעקס. אפילו אלע.

דער מיסטער (צוזאמענגעמענדיג די צייטונגען). ווילט איהר אפשר טיי?

אלעקס. ניין, ניין. א דאנק.

דער מיסטער. העהע... אונגעדולדיג, ווי? (ווינקט אונטער מיט'ן אויג.) אמעריקא! (געהט ארויס לינקס, אָבער לאנגזאם, נישט וועלענדיג צומאכען די טיר, וועלענדיג א כאפּ טאָן א בליק אויף דער ארייננקומענדיגער.)

אלעקס (מאַכט צו דיר טיר פאר זיין נאָז און שליעסט זי צו; דאן לאָזט ער זיך צו דער אַנדער טיר, שליעסט זי אויף, לאָזט אריין מילדרעד און שליעסט די טיר צו).

מילדרעד (טרעט אריין ביז אין מיטען צימער און בלייבט שטעהן מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ).

אלעקס (לאָזט זיך צו איהר מיט פערנאַנדערגעשפּרייטע אָרמס און אַ טרערען אָנגעפילטען אויפשריי). מילדרעד! (וויל זי ארומנעמען, בלייבט אָבער שטעהן, ווי געטראָפען, ווען ער זעהט, ווי פרעמד און קאַלט זי שטעהט, און שעפּטשעט ארויס דערשראָקען.) מילדרעד!

מילדרעד (קאַלט, דאָך מיט אַ ציטער אין איהר שטים). איך בין געקומען, ווייל דו האָסט מיר געשריבען.

אַלעקס. מילדרעד!

מילדרעד (העבט אויף איהם אויף איהר בליק, פרעמד און שטרייננ, און רעדט ארוים ווי מעגליך רוהיג). וואָס?

אַלעקס (מיט די הענד אויפ'ן געזיכט). דאָס האָב איך נישט ערוואַרט.

מילדרעד. דו האָסט נישט ערוואַרט?

אַלעקס. איך האָב געדיינקט דיינע קולות: „ניין! ניין! ניין!“ איך האָב געפיהלט דיין אומאַרמונג אַרום מיינע פיס — — איך פיהל זי יעצט נאָך. און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז דו וועסט קומען צולויפען אויף מיין בריעף — מ י י ן מילדרעד, מיין טייערע, מיין געליעבטע — — אַ גליקליכע, וואָס איך לעב נאָך, אַ דערפרעהטע, אַן אויפגעלעבטע...

מילדרעד. דאָס האָסטו זיך פאָרגעשטעלט?

אַלעקס. יאַ—אַ—אַ, און פּלוצלונג — — —

מילדרעד. בעגעגענט אַ פרעמדע אַ פרעמדען.

אַלעקס. אַ פרעמדע... אַ פרעמדע...

מילדרעד. דעם, וועלכען איך האָב געליעבט, האָב איך בעוויינט און בעקלאָגט. ער איז טויט. ער איז ניטאָ שוין מעהר.

אַלעקס. מילדרעד!

מילדרעד. אָהה, ווי האָב איך געיאָמערט און געקלאָגט און געריסען אויף זיך דאָס האָר און געריפען דיך מיט אַלע לאַסקע־נעמען. איך האָב געוואוסט נאָר מיין ליעבע און מיין גרויסע ביינקעניס נאָך דיר. איך האָב וועגען גאָרנישט געדיינקט, דיין פערברעכען איז מיר אין קאָפּ נישט אַרויף, האָט זיך נישט געאיינינגט מיט דיין בילד, וואָס איך האָב אין מיר געטראָגען. איך האָב אָבגעוויינט די נאַכט און אָבגעוויינט אויף מאָרגען דעם גאַנצען טאָג און וויעדער די גאַנצע נאַכט, עס איז גאָר קיין סוף נישט געווען צו מיינע טרערען. איך האָב געפּאָדערט, מען זאָל

דיך געפינען, מען זאָל דיך ברייננגען צוריק. איך האָב געבעטען אויף זיך דעם טויט. איך האָב ווירקליך אָנגעהויבען צו טראַכטען פון זעלבסטמאָרד, אָבער איך האָב געוואָלט דיך כאָטש נאָך אמאָל זעהן אפילו א טויטען. איך האָב דיך געזוכט אין דער מאָרג, געלאָפען אומעדום, וואו מען האָט געפונען א טויטען קערפער פון אן אונבעקאנטען, און ווען איך וואלט דיך געפונען, וואָלט איך זיכער געשטאָרבען איבער דיין קערפער.

אלעקס. אָבער איך האָב גאָר געלעבט.

מילדרעד. יא, דו האָסט גאָר געלעבט!

אלעקס. דאָס האָסט דו דאָך געוואָלט! פאר וואָס־זשע פלוצלונג — —

מילדרעד. יא, פלוצלונג! פלוצלונג האָב איך ענטדעקט אין מיר, אז עס שרעקט מיך דער געדאנק, אז דו לעבסט נאָך. פלוצלונג — נישט מיין טייערער, מיין געליעבטער, מיין לעבען, נאָר דער מערדער, דער שרעקליכער מערדער און דער גרויסער פייגלינג, וועלכער האָט נישט דעם מוט, זיך אליין צו בעשטראָפען. פלוצלונג — — יא—א, און פלוצלונג איז מיר אויפגעגאנגען עפעס, וואָס איך האָב די גאנצע צייט נישט רעאליזירט: די געמיינהייט געגען מיר, געגען אונזער ליעבע! דיין פערראט! ליעבען מיך און — — און — — און...

אלעקס. דאָס האָט מיך געבראכט צום פערברעכען.

מילדרעד. ווי?

אלעקס. די גרויסע ליידענשאפט, וועלכע דו האָסט אויפגעוועקט אין מיר, האָט מיך גאנץ ווילד געמאכט, גאנץ משוגע געמאכט, האָט מיין בלוט געהאלטען אין איין קאָכען און זידען, און דאָ האָט דאָס אונבעהאָלפענע קינד אונגליקליכערווייזע דורכגעשניטען מיין וועג — און — — און דאָס פערברעכען איז געשעהן.

מילדרעד. ווילסטו דיך אפשר דערמיט ענטשולדיגען?

אלעקס. און ווען?

מילדרעד. אויף וואָס האָסטו מיך ארויסגערופען?

אַלעקס. איך האָב אַרויסגערופען די מילדרעד, וועלכע האָט מיך געליעבט, וועלכע האָט נישט געוואָלט, איך זאָל שטאַרבען.

מילדרעד. די מילדרעד איז ניטאָ מעהר.

אַלעקס. מילדרעד! — — מילדרעד, הער מיך אויס. בשעת איך האָב צוגעטראָגען דעם רעוואָלווער צו מיין שלייף, האָב איך דיינע קולות געהערט, זיינען דיינע קולות געשטאַנען אין מיינע אויערען, און איך האָב דיך דערזעהען צו מיינע פיס אַ וויינענדיגע, אַ ליעבענדיגע, אַ הארציגע — — און איך האָב אַראָבגעלאָזען דעם רעוואָלווער. איך האָב רחמנות געקראָגען אויף דיר און אויף מיר.

מילדרעד. האַהאַ!

אַלעקס. ווען זי וויל איך זאָל לעבען, האָב איך מיר געזאָגט, איז מיין לעבען נאָך נישט פערשפּילט, קומט מיר נאָך דער טויט נישט. דאָס האָב איך מיר גע'חזר'ט און גע'חזר'ט, און באַלד איז עס מיר נאָך קלערער געוואָרען. גאָט, מוז דען טייט אויסגעקויפט ווערען מיט טויט? איז ניטאָ קיין אַנדער וועג איהם אויסצוקויפען? איך בין דאָך אַזוי יונג און איך קאָן דעם לעבען און די מענשען אויף טויזענדערליי וועגען בעצאָהלען פאַר דאָס פּיצעלע מענשליכע לעבען, וואָס איך האָב פון זיי אַוועקגענומען אין אַ משוגע'נער מינוט.

מילדרעד. און אַזוי ביזטו געבליבען לעבען.

אַלעקס. יאָ. און דערפאַר בין איך געבליבען לעבען.

מילדרעד. פאַר וואָס האָסטו מיר גלייך נישט געלאָזט וויסען?

אַלעקס. איך האָב מיך געוואָלט איבערצייגען, צו וועט מיך די טויטע נישט מיטשלעפּען, צו וועט מיך מיין געוויסען נישט דערדריקען. און פאַר דער וואָך צייט האָב איך איינגעזעהען...

מילדרעד. אַז דאָס געוויסען לאָזט דיך רוהיג שלאָפען.

אַלעקס. מילדרעד, איך ווייס, אַז איך קאָן לעבען, און איך ווייס, אַז איך וועל נאָך זיין אַ ניצליך און עהרליך מיטגליעד

פון דער געזועלשאפט. ליעב מיך, ווי דו האָסט מיך געליעבט. זיי מיט מיר, העלף מיר! מילדרעד! (ער ציהט אויס צו איהרביידע הענד.)

מילדרעד (שפרינגט אָב, אויפשוידערנדיג). עס שוידערט מיך פאר דיינע הענד! זייער אָנבליק קאָן מיך טויטען! אוההה!

אלעקס (לאָזט אראָב די הענד). פאר וואָס ביזטו געקומען צו מיר?

מילדרעד. צו זאָגען דיר, וואָס דו האָסט נעהערט פון מיר און — —

אלעקס. און?

מילדרעד. אומקעהרען דיר דיין רינג. ער וועט דיר יעצט צו ניץ קומען.

אלעקס. מילדרעד! דאָס טו מיר נישט! האלט איהם! האלט איהם צום אנדענקען פון אונזער גרויסער ליעבע, וועלכע איז געוועזען עכט און רעכט! גיסטו מיר איהם צוריק, וועל איך מיך גלייך איבערגעבען דער פאָליציי אָדער איך וועל ווערען א פראָפעסיאָנעלער פערברעכער, דער ערגסטער צווישען די גיינג־סטערס. האלט דעם רינג אלס א גאראנטיע פון דעם בעסערען מענש אין מיר! האלט איהם, מילדרעד!

מילדרעד (קוקט אָן דעם רינג, קוקט אָן אלעקסען, צואווייפעלט זיך און מאַכט אַ בעוועגונג שנעל אוועקצוגעהן).

אלעקס (כאַפּט זי אָן פאר דער האַנד). ווארט!... ווארט... זאָג מיר נאָך, וואָס מאכט די מאמע. איך לייען אין די צייטונגען, אז זי איז געפעהרליך קראנק.

מילדרעד. זי איז געפעהרליך קראנק.

אלעקס (צואווייפעלט זיך).

מילדרעד. אין איהר פיעבער רעדט זי די גאנצע צייט פון דיר און זעהט דיך אויפ'ן עלעקטריק טשער.

אלעקס (אין געוויין). דאָס וועט ניט זיין! דאָס וועט ניט זיין! (פאַסט זיך.) הער... נאָך... נאָך... איך וויל ביי דיר נאָך

וואָס פרעגען. ווי אַזוי איז די פּאָלים געקומען אויף מיר? האָט דער טאַטע מיך טאַקע ארויסגעגעבען?

מילדרעד. ניין. נאָר די פּאָלים האָט געוואָלט ביי דיר וואָס פרעגען, און ווייל דו ביזט פערשוואונדען, האָט מען דיך גענומען פערדעכטיגען און זוכען.

אַלעקס. דאָס איז אַלץ... יעצט קאָנסטו געהן. איבּ־ריגענס, איך האָב דעם טאַטען אויך געשריעבען, אַז ער זאָל קומען. אויב ער וועט נישט קומען, זאָג איהם, אַז עס איז מעהר נישט נויטיג. איך וועל דאָ מעהר נישט זיין. און זאָג איהם, אַז די פּאָליציי וועט מיך זיכער נישט קריגען. אַ לעבעדיגען געווים נישט. איך האָב דעם רעוואָלווער אפילו פערקויפט, אָבער איך האָב מיר אָנגעגרייט אַ גוטע פּאָרציע ציאַנקאַלי, גענוג אַ פערד צו טויטען.

מילדרעד. איך קאָן דיר צושטעלען עפּעס געלד.

אַלעקס. ניין, ניין, איך וועל נישט אָננעמען. איך וועל מיך שוין דורכשלאָגען. איך האָב נאָך געלד און האָב נאָך מיין זיינער ביי מיר.

מילדרעד (העבּט אויף איהם אויף די אויגען פול טרערען, פערבערגט די הענד און ווענדט זיך צו דער טיר).

אַלעקס. ווילסטו מיר די האַנד נישט געבען צום אַבשייד?

מילדרעד (שטעהענדיג צו איהם מיט'ן רוקען, רייסט פערנאַנדער די הענד און טראָגט איהם אונטער לאַנגזאַם די רעכטע האַנד אויף הינטען, נישט אומקוקענדיג זיך).

אַלעקס (כאַפּט אָן איהר האַנד מיט ביידע הענד און דריקט זיך צו צו איהר מיט די ליפּען).

מילדרעד (שוידערט אויף אונטער דער בעריהרונג פון זיינע ליפּען). אוהההה!

אַלעקס. מיינע ליפּען האָבען די דערמאָרדעטע נישט בע־ריהרט. (מיט אַ פערקלערטען שמייכעל.) דאָך, ווען זי איז שוין טויט געווען. אויס רחמנות.

מילדרעד (רייסט ארויס איהר האַנד און ענטלויפט).

אלעקס (קוקט איהם נאָך א ווײַלע שטיל, דערנאָך ברעכט ער ארויס מיט איינגעהאַלטענע טרערען). מילדרעד! מילדרעד! מיל־דרעד! (שטעהט אַ ווײַלע שטיל, דערנאָך ווענדט ער זיך האַסטיג אום, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט, נעמט ארויס פון קעשענע אַ פּראָשעק, בעטראַכט עס און זאָגט ארויס.) וועט זיין גענוג אויף צוויי טויטען. (לעגט עס אריין צוריק אין קעשענע, קוקט זיך ארום צושטרויט, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך עפּעס דערמאָנען, העבט אָן צו קראַצען זיך דעם קאָפּ און צופּען זיך דאָס האָר און ברעכט אויס אין אַ יאָמער.) וואָס האָב איך אָנגעטאָן! וואָס האָב איך אָנגעטאָן! (קרעמפּפּט זיך די פינגער, געהט צו צו דער וואַנד, קראַצט זי און קלאַפּט זיך אָן איהר דעם קאָפּ, און ענדליך לאָזט ער זיך אראָב אויפ'ן בעט און בלייבט זיצען מיט ווייט אויסגעגלאָצטע אויגען, ווי פריער, ווערדליג די פּיאַנאָ שפּיעלט יעצט דעם טרויער־ניגון גלאַט, אהן אן אָבשטעל. באַלד רעדט ער ארויס מיט איינגעהאַלטענע טרערען, פול ביינקעניס, ווי א ביינקענדיג קינד.) איך וואלט געוואָלט זעהן דעם טאַטען... (שפּאַרט זיך אָן אָן ווענטעל פון בעט און וואַרפט זיך אין אן איינגעהאַלטענעם היסטערישען געוויין. פּאַסט זיך, זעצט זיך ווידער מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, און פּלוצלונג העבט ער אויף די קאָלדרע און רוקט זיך אונטער איהר אונטער מיט'ן געזיכט צו דער וואַנד.) שלאָפען... שלאָפען... (אונטער דער קאָלדרע מאַכט ער נאָך עטליכע בעוועגונגען, ווי ער וואָלט ארויסגענומען עפּעס פון קעשענע און אריינגעלעגט אין מויל און בלייבט רוהיג ליגען. — אַ לאַנגע פּאַוזע. די פּיאַנאָ שפּיעלט. אַ קלאַפּען אין דער דרויסענטיר. איינמאָל און צוויימאָל און דריימאָל. דאן בעוועגט זיך דאָס טירהענטעל און די טיר עפענט זיך לאַנגזאַם אויף.)

מאַטעס (בעווייזט זיך. צוערסט וויל ער זיך צוריקציהען, דערנאָך אָבער קוקט ער זיך איין אין בעט און טרעט האַסטיג אריין אין צימער). ער שלאָפט! ער שלאָפט גאָר! איך וועל איהם אָבער גלייך אויפוועקען! (געהט צום בעט, טרייסלענדיג די פויסטען.)

וועסט מיר אויפשטעהן גלייך! (באַפּט אָן אלעקסען, העבט איהם אָן צו טרייסלען, העבט איהם אויף און בלייבט פלוצלונג שטעהן מיט ווייט פערנאַנדערגעעפענטע מויל און אויגען. לעגט איהם אַוועק, בע־טאַפּט איהם, הערט זיך צו צו זיין אָטעם.) טויט! טויט! טויט!! (בעטאַפּט ווידער דעם קערפּער, רייסט איהם די אויגען, הערט זיך צו צו זיין האַרץ.) טויט! טויט!... דאָך האָט ער!... דאָך!... געבענשט זאל זיין... געבענשט זאל זיין... (העבט אָן ארויסצו־געבען טענער פון האַלב וויינען האַלב לאכען און וואַרפט זיך איבער'ן טויטען.) זוהן מיינער! זוהן מיינער!... (די פּיאַנאָ שפּיעלט נאָך אַלץ.)

פאָרהאנג.

די מוטער

דראמע אין דריי אַקטען

(1901—1900)

פערזאָנען:

רחל לעווין, שמעון לעווין דעם פּאָדריאַטשיק'ס אלמנה.

מישאַ, } איהרע קינדער.
סאָניאַ, }

מישא, סאָניא, איהרע קינדער.

מאניא, מישא'ס פרוי.

סיאָמקע (סעמיאָן), זייער קינד.

אברהם זאלקינד, שמעון לעווינ'ס געוועזענער שותּף.

זלאטע די בעזדיעטניצע, זאלקינד'ס שוועסטער.

זעלדע, די דיענסט ביי מישא'ן אין הויז.

ערסטער אַקט

א גרויס עסצימער מיט פּארקעט, מיט צוויי טירען אין דער לינקער וואנד: די פאָרנסטע פיהרט צו דער קיך און דעם אַרויסגאנג, די הינטערסטע צו די איבריגע חדרים. אין דער הינטערוואנד צוויי פענסטער, וועלכע געהען ארויס אין גאָרטען. צווישען ביידע פענסטער א טישעל, אויף וועלכעם עס שטעהט א הויכע לאָמפּ מיט א גרויסען ראָזעווען אבאזשור. לינקס צווישען ביידע טירען א גרויסער בופעט. רעכטס א סאָפע; פאר איהר א גרויסער עסטיש, אויף וועלכען עס ליעגט א גוט טעפּיך־טישטוך און איבער וועלכען עס הייננט אַ גרויסע לאָמפּ. שטולען ביים טיש און ביי דער וואַנד פון ביידע זייטען סאָפע. איבער דער סאָפע א גרויסער, ברייטער שפּיגעל.

רחל לעווין, אין א ווייסען פּעניואר, זיצט ביים פענסטער לינקס און קוקט ארויס אין גאָרטען. אברהם זאלקינד, אין א שוואר־צען אנצוג, געהט ארום איבער'ן צימער פערטראכט און זינגט א האלב־טרויעריגען אידישען ניגון אונטער דער נאָז. — עס איז די צייט בין מנחה למעריב אין א שיינעם זומערדיגען שבת.

רחל. ווי שיין עס איז איצט!

זאלקינד (שטעלט זיך אָב ביים פענסטער). יאָ, זעהר שיין. (געהט ווייטער, אונטערזינגענדיג.)

רחל. עפּעס ווי אלץ וואָלט געלעבט און גערעדט און געזונ־גען. דוכט זיך אייך נישט אויס, אז אלץ בעוועגט זיך אזוי יום־טוב'דיג?

זאלקינד (ווידער אָבשטעלענדיג זיך ביים פענסטער). יאָ, עס איז איצט זעהר שיין. (געהט ווייטער און זינגט.)

רחל. איך האָב זעהר ליעב די צייט — דעם שבת־פאר־נאכט. עפּעס ליעגט אין דער נאטור אזוינס, וואָס פילט אונז אָן

מיט אַ נאָגעניס און ביינקעניס, און דאָך מיט אַזאַ מין זיסקייט, מיט אַזויפיעל האָפנונג. — איך ווייס נישט, ווי די צייט ווירקט אויף אַלעמען. אויף מיר ווירקט זי אַזוי שווער און אַזוי זיס צוזאַמען. איך וואָלט עפּעס אויסגעצויגען די הענד און ברייטער געמאַכט דאָס האַרץ — אַ־אַ־אַ!

ז א ל ק י נ ד. דאָס איז מיט אַלעמען אַזוי.

ר ח ל. איך ווייס נישט — אין אַנדערס מאָל וואָלט איך מיך צואוויינט אַזוי ביטערליך... מען קאָן, דאַכט זיך, פרום ווערען אין אַזאַ צייט. עפּעס צונויפלעגען די הענד און רעדען, און רעדען מיט גאָט פון טיעפען, טיעפען האַרצען.

ז א ל ק י נ ד. יאָ, יאָ.

ר ח ל. איך האָב שטענדיג ליעב געהאַט דעם שבת־פאַרנאַכט. נאָך אַלס קינד. אָפט פלעג איך אָנועקלעגען מיין קאָפּ ביי דער באָבען אין שויס און צוהערען זיך, ווי זי פלעגט זאָגען איהר תהלים מיט אַזאַ האַלב־טרויעריגען ניגון, וועלכער האָט זיך אַזוי גוט געפּאַסט צו דער אָוועגד־פינסטערניס. דאָס בעסטע וויעגען־ליעד איז עס געוועזען ביי מיר. איך פלעג מיך אַזוי צוטוליען צו איהר און אין מיר פלעגט זינגען איהר תהלים־זאָגען, און מיין קעפּעל פלעגט פאַנטאַזירען וועגען איך ווייס שוין נישט וואָס פאַר אַ טויזענדער זאַכען. איך פלעג חלומ'ען מיט אָפענע אויגען, ביז איך פלעג איינשלאָפען. — אָי, איז עס געוועזען גוט!

ז א ל ק י נ ד. און איך האָב אויך ליעב געהאַט אַ שבת־פאַרנאַכט, צווישען מנחה און מעריב, פערקלייבען זיך אין אַ ווינקעל אין שול מיט נאָך אַ סך אינגלעך און הערען מעשׂיות. אין שיל איז פינסטערליך. די פינסטערניס איז אויסגעמיישט מיט אַ גערויש פון אַלערליי קולות, פון פרעהליכע און טרויריגע, פון לאַכען און זיפצען. אין איין ווינקעל זאָגט איינער איבער אַ שטיקעל חסידות, וואָס ער האָט געהערט פון רבי'ן, ערגיץ אַנדערש זאָגט מען תהלים מיט דעם האַלב־טרויריגען ניגון. און איבער אַלץ שטעהט דער גערויש פון וואַרמע געשפּרעכען און פון אינגלעך, וועלכע לויפען אַרום בימה

און שפּיעלען אין כאַפּענים — הע־הע, איך געדענק עס נאָך אַלץ אזוי קלאָר — און איך מיט מיין קופּקעלע אינגלעך פלעג זיצען אין אונזער פינסטערסטען ווינקעל, דאָס רוב אין חדר שני, און איינער פון אונז פלעגט דערצעהלען עפּעס א ליעבליכע מעשה פון א בן־מלך אָדער א בת־מלכה, אָדער א שרעקליכע מעשה מיט א רויבער, אָדער גאָר אַ ציגיש־גראָבע מיט אַ וואַנדער־בחור. און עס איז געוועזען א מחיה, אזא זיסקייט, ווי איהר זאָגט! אָפט פלעגט שוידערען פון דער מעשה, אָבער שטענדיג פלעגט פערדריסען, ווען פלוצלונג פלעגט דער חזן ארויסזינגען: והוא רחו־ר־ום יכפּר עון ולא ישחית... די שוידערליכסטע מעשה האָט נאָך מעהר געפּאַסט צו דער גאנצער־ר־ר — —

רחל. צו דער גאנצער שטימונג. א ודאי.

זאלקינד. און איצט דערמאָן איך מיך, אז שמעון איז געוועזען דער גאנצער דערצעהלער. ער האָט זעהר ליעב געהאט צו דערצעהלען מעשות. זיין ספּעציאַליטעט איז געוועזען וועגען בני־מלכים און בת־מלכה׳ס. איך, פערקעהרט, האָב ליעב געהאט צו הערען.

רחל. איך האָב אויך ליעב געהאט צו הערען. אין דער צייט און אין דער שטימונג איז בעסער צו הערען א פרעמדע שטימע, איידער די אייגענע. ווען אן אנדערער האָט גערעדט, פלעגט מיר אָפט פאָרקומען, אַז איך הער די שטימע פון ווייט, ווייט, ווייט.

זאלקינד. או—הום.

(שווייגען.)

רחל (אָבעטמענדיג). יאָ, יאָ. — איצט האָב איך ליעב צו זיצען, ווי איהר זעהט מיך, און טראַכטען וועגען די אָבגעלעבטע יאָהרען און אריינקוקען אין די קומענדיגע. עס טראַכט זיך אזוי גוט אין דער צייט און מען דערמאָנט זיך זאכען, וועלכע מען האָט שוין לאנג, דאכט זיך, פערגעסען.

זאלקינד. יאָ, יאָ.

ר ח ל. מיט שמעונ'ען פלעג איך געוועהנליך ארויסגעהן אין דער צייט שפּאצירען אויפ'ן וואל, אָבער פון נאָך זיין טויט גערה איך זעהר זעלטען. ווען די קינדער זיינען געוועזען איינגער, פלעג איך נאָך אָפט געהן מיט זיי. אָבער איצט דארפען זיי מיך נישט האָבען, און מיר דאכט זיך, אז ווען איך וועל איצט געהן מיט זיי, וועל איך זיי שטערען.

ז א ל ק י נ ד. אה!

ר ח ל. איך וויים נישט — אזוי מיין א י ך. מיר זיינען פּאָרט צוויי וועלטען. איך — אן אונטערגעהענדיגע וועלט, זיי — א וועלט, וועלכע האלט אין ווערען. און זיי ז י י נ ע ן דאָך א סך ווייטער פון מיר. אמאָל האָט זיך מיר געדוכט, אז איך וועל געהן מיט זיי שריט ביי טריט, און איצט זעה איך, אז עס זיינען פאראן זאכען, אין וועלכע איך קאָן זיי בשום אופן נישט בעגרייפען. אין מיין צייט בין איך געוועזען פון די פאָרטגעשריטענסטע, איצט בין איך פון די לעצטע.

(שווייגען.)

ר ח ל. נא, און איהר זייט מיר אויך אין דער שבת־פארנאכ־טיגער שטימונג.

ז א ל ק י נ ד. יאָ ,אביסעל.

ר ח ל. דערצעהלט עפּעס גאָר.

ז א ל ק י נ ד. איך האָב ליעב צו הערען.

ר ח ל (שמייכעלט). הם, איך האָב עס גאָר פערגעסען.

(שווייגען.)

ז א ל ק י נ ד (שפּארט זיך אָן מיט א האנד אָן בופעט, אויפגע־רעגט). נאָר אז איהר ווילט, וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה. (שווער עטמענדיג.) איך האָב אייך זי שוין לאַנג... שוין לאַנג געוואָלט דערצעהלען.

ר ח ל (קוקט איהם אָן גאנץ פערוואונדערט). זאָל איך אפשר הייסען אָנצינדען די לאָמפּ?

ז א ל ק י נ ד (אביסעל געררייצט). צו וואָס? עס איז דאָך נאָך

זעהר העל. (געלאַסען, מיט א שמייכעל.) און אזוי איז טאקע בעסער. ווי איהר זאָגט, בין איך איצט אויך אין דער שבת־פארנאכטיגער שטימונג.

(שווייגען.)

רחל (קוקט איהם אלין אָן שטאַרק פערוואונדערט און זאָגט מיט א נישט פעסטער שטימע). נו, דערצעהלט־זשע די מעשה.

זאלקינד. ה־ה־ה, יאָ־יאָ. — אמאָל זיינען געווען צוויי שותפים — — אין זייער קינדהייט זיינען זיי געוועזען חברים, און אז זיי זיינען אויסגעוואקסען, האָבען זיי חתונה געהאט און אָנ־געהויבען פיהרען געשעפטען, זיינען זיי געוואָרען שותפים. עהר־ליכע, גוטע, טרייע שותפים.

רחל (ווערט אונרוהיגער און אונרוהיגער, וויל עפּיס זאָגען, פערכאפּט זיך און הוסט בלויז אָב). הם־הם!

זאלקינד. דערנאָך איז איין שותף געשטאָרבען און געלאָ־זען אן אלמנה. און אין א צייט ארום איז געשטאָרבען ביי דעם אנדער שותף די פרוי... (ער.רעדט אלץ שווערער און סטארעט זיך צו שמייכלען.) די אלמנה און דער אלמן זיינען שוין ביידע נישט גע־וועזען קיין יונגע קינדער... דער אלמן — א יאָהר פופציג, די אלמנה — א יאָהר פינף און פערציג —

רחל. ווייסט איהר, איך וועל דאָך אָנצינדען די לאָמפּ. (שטעהט אויף און געהט אָנצינדען די הייגג־לאָמפּ; דערביי קוקט זי אויף איהם מיט א פרובענדען בליק.)

זאלקינד (שמייכעלט פערלעגען). איצט קאָן איך, דאכט זיך, מעהר נישט דערצעהלען אויך?

רחל. יאָ, איצט קאָנט איהר נישט דערצעהלען אויך.

זאלקינד. ווייסט איהר שוין די מעשה?

רחל. איך ווייס זי זעהר גוט.

זאלקינד. נו, איז וואָס ווערט איהר זאָגען?

רחל (עסק'ט זיך מיט דער לאָמפּ. שווייגט).

זאלקינד (קוקט איהר נאָך).

רחל (ווערט פארטיג מיט דער לאמפ). קודם־כל — גוט־וואך אייך.

זאלקינד. א גוט וואך, א גוט יאהר.

רחל. איצט זעצט זיך און מיר וועלען רעדען.

זאלקינד (בלייבט שטעהן).

רחל (געהט און מאכט־צו שטארקער די פארנטסטע מיר). נו, איז ווילט איהר וויסען, וואס איך וועל זאגען? — איך וועל זאגען, אז... אז צווישען דעם אלמן און דער אלמנה קאן קיין שידוך נישט זיין.

זאלקינד. וואס איז עפּיס?

רחל. די אלמנה וויל בלייבען אן אלמנה.

זאלקינד (בעוועגט). נא, מיר וועלען אויפהערען צו רעדען אין מעשות מיט משלים און רעדען דייטליך.

רחל. אדרבא.

זאלקינד (ווארם). הערט דאך, רחל. מיר דארפען זיך דאך נישט דערקלערען אין ליעבע, פאלען אויף די קני איינער פאר דעם אנדערן, דאס פאסט שוין עפּיס נישט פאר אונזערע יאהרען. נאר... מנא... איך פערשטעה נישט, פארוואס קאן דער שידוך נישט זיין?

רחל. ווייל — איך האב דאך אייך געזאגט, ווייל די אלמנה וויל בלייבען אן אלמנה.

זאלקיד. דאס טאקע פערשטעה איך נישט, פארוואס?

רחל. וואונדער איך מיך טאקע.

זאלקינד. איך פערשטעה עס נישט. אז מיין דינה איז געשטארבען, האט די גאנצע שטאדט, אלע אונזערע בעקאנטע האבען גלייך דערפיהלט, אז אברהם זאלקינד וועט איצט נעמען רחל לעווין. ווארום וואס קאן זיין גלייכער?

רחל. איך ווייס אויך, אז די שטאדט האט אזוי גערעדט, אבער...

זאלקינד. ווארום וואס קאן זיין גלייכער? און וואס מעהר איך האב אנגעהייבען צו פיהלען מיין איינזאמקייט, אלץ מעהר האב איך איינגעזעהן, אז אברהם זאלקינד וועט נעמען רחל

לעווין. מיר האָט זיך מעהר נישט די צונג נישט געהויבען צו רעדען מיט אייך. אָבער היינט, איך ווייס, עפּיס די גאַנצע שטימונג...

רחל. דאָס האָט איהר גוט געטאָן, וואָס איהר האָט איינמאָל ארויסגעזאָגט זיך. איצט וועט איהר וויסען, אז איהר האָט אומזיסט געגלויבט...

זאלקינד. די לעצטע צייט האָב איך דוקא איינגעלעבט זיך מיט דעם געדאַנק.

רחל. זאלקינד, אייך דאַרף איך דאָך קיין סך נישט דער־צעהלען. איהר ווייסט דאָך, ווי איך האָב געלעבט מיט שמעון׳ען, ווי גליקליך, ווי... איהר ווייסט אויך, ווי די קינדער ליעבען איהם, ווי זיי, מען מעג זאָגען, פערגעטערען זיין נאָמען. די גאַנצע זעקס יאָהר נאָך זיין טויט הערט מען ביי מיר אין שטוב נישט אויף צו רעדען וועגען איהם, אקוראט ווי ער וואָלט געמאכט א וועיטע רייזע, פון וועלכער ער וועט קומען צוריק. און איהר ווייסט אויך, ווי פער־בונדען איך בין מיט די קינדער, זיי זיינען גוטע קינדער און איך בין נישט קיין שלעכטע מאמע — מיר קאָנען און מעגען זיך ליעבען, אָבער מיר זיינען נאָך מעהר פעראייניגט אין דער ליעבע, וועלכע מיר טראָגען צו שמעון׳ען.

זאלקינד. גוט, איך ווייס עס טאקע אליין. אָבער איך זעה דאָך נישט איין... אך, מיר איז גאָר קיינמאָל נישט איינ־געפאלען, אז איהר זאָלט קאָנען זאָגען ניין. ווארום וואָס? אין דער אמת׳ן טאקע, וואָס? מיר זיינען ביידע נישט קיין יונגע קינדער, מיר קענען זיך ביידע זעהר גוט, איהר ווייסט אויך, ווי איך האָב געלעבט מיט מיין דינה׳ן... וואָס בין איך דען אויסען מיט מיין שרכנ׳ען זיך צו אייך? איך וויל נישט זיין איינער אליין צו די עלטערע יאָהרען. — רחל, איבערלעגט אייך נאָר. מען ווערט עלטער, נישט אינגער, און אויף דער עלטער צו זיין אליין...

רחל. איך האָב מיינע קינדער.

זאלקינד. אך, וואָס! איך האָב אויך קינדער, און אָט בין איך דאָך אליין. וואָס האָב איך פון מיינע קינדער? סאמואיל

איז אין פעטערבורג, איליא אין אמעריקא, ליזא אין מינסק, דער — דאָרט, די — דאָרטין. און ווי איהר ווייסט, וועל איך נאָך דארפען אויסצאָהרען פון דאנען און בעזעצען זיך אין יעקאטערינאָסלאוו, בלייב איך אפילו אָהן א קרוב און אָהן א גואל.

ר ח ל. און איך האָף צו זיין א גוטע באָבע.

ז א ל ק י נ ד. איהר רעדט גאָר ווי א קינד, רחל. אויף מיין וואָרט, איהר רעדט גאָר ווי א קינד.

ר ח ל. פארוואָס מיינט איהר, אז איך רעד ווי א קינד? איך ליעב מיינע קינדער, איך וועל ליעבען זייערע קינדער, מיין לעבען וועט אויסגעפילט ווערען מיט... (עס קלינגעלט אין פאָרצימער.) עס קלינגעלט. דאָס מוזען זיי קומען. וועלען מיר מעהר נישט רעדען וועגען דעם .

ז א ל ק י נ ד. איך דארף סיי־ווי־סיי גלייך אוועקגעהן .

ר ח ל. וואָס, איהר זייט ברוגז?

ז א ל ק י נ ד. ניין, איך בין נישט ברוגז, איך דארף טאקע אוועקגעהן. איך דארף זיין אין א פאָר ערטער — ביי ליפשיצ'ען דארף איך זיין. אָבער איך זאָג אייך נאָך אמאָל, רחל, איבערלעגט אייך. איך זאָג אייך...

ר ח ל. נישט מעהר רעדען.

ס אָ נ י א (לויפט אריין. א יאָהר אכטצעהן. אנגעטאָן אין דעם קאָסטיום פון א גימנאזיסטקע. לוסטיג). א גוט וואָך אייך, רבותי! (ווארפט אראָב פון זיך דאָס היטעלע.) און גלייך אין חיה'ס מלוכה. (זי טאנצט ארוים דורך דער פאָרדערסטער טיר מיט א געשריי.) חיה, חיה, ראטעוועט!

ר ח ל. א שטיפערין!

ז א ל ק י נ ד. יאָ, יאָ. עס איז גוט, כל זמן די חברה איז יונג און נישט אויסגעגעבען.

ר ח ל. און וואָס איז נאָכדעם? ווענינ פערגניגען?...

ז א ל ק י נ ד. אך, רחל, רחל, סיידען איהר קענט דאָס לעבען נישט.

ס אָ נ י א (קומט צוריק מיט א פולען מויל און א טאַץ אין האנד). מאכט אַ ווארע, מאכט אַ ווארע! (שטעלט אַוועק אויפ'ן טיש דעם טאַץ, אויף וועלכען עס שטעהען טעלער מיט הון און חלה און קאָמפּאָט. זי ווארפט זיך אויף אַ שטול און עסט איין איילענדיג, שטיפעריש.)

ר ח ל. עס דאַרף נישט אַזוי, דו קאָנסט דיך נאָך...

ס אָ נ י א (מיט א פולען מויל). אך, וואָס ווייסט דו, וואָס ווייסט דו, וואָס פאר א הונגער איך האָב! דאָרעצקאיא און עפּשטיין האָבען מורא געקראָגען מיט מיר צו געהן, איך זאָל זיי נישט אויפ־עסען.

ז א ל ק י נ ד. נא, און איך וועל איצט אוועקגעהן.

ר ח ל. וואָס איילט איהר ווירקליך?

ז א ל ק י נ ד. אָבער ווירקליך איך דאַרף זיין ביי ליפשיצ'ן. (קוקט אויף זיין זייגער.) און עס איז שוין נישט פריה אויך. שוין נאָך ניין. נו, א גוטע וואָך, און א גוטע נאכט אייך!

ר ח ל. א גוטע וואָך אייך! (בעגלייט איהם ארויס.)

ס אָ נ י א (שרייט, ארייננגעטאָן אין עסען). א גוטע וואָך אייך! (מענצעלט אונטער אויפ'ן שטול און עסט ווי פריהער אין איילעניש.)

ר ח ל (קומט צוריק אריין און איז פערטראכט).

ס אָ נ י א (קוקענדיג אין טעלער און עסענדיג). איז אבראם מאַאיסעיעוויטש נישט געוועזען אביסעל אָנגעבלאָזען?

ר ח ל. פון וואָס האָסטו עס געזעהן?

ס אָ נ י א. און דו ביזט מיר אויך עפּיס...

ר ח ל. דיר חלומ'ט זיך עפּיס.

ס אָ נ י אַ. אָך, אַ מין הונגער! — — אַ נס, וואָס מיר וואוי־נען אַזוי נאָהענט פון בולוואַר, אַז ניט וואָלט איך גאָר אַ היים נישט דערגאנגנען.

ר ח ל. פארוואָס האָסטו עפּיס געלאָזען אזוי איבער'חליש'ן דאָס האַרץ?

ס אָ נ י א. מאמע, מאמע! דו רעדסט מיר עפּיס... (עס קלינגעלט שטארק.)

רחל. נא־נו, ווער רייסט דאָס אַזוי דעם גלעקעל? (גייט צו דער טיר און קוקט אַריין אין קאָרידאָר.)

מישא (זינגט שוין אין קאָרידאָר אַ פֿריילעכן מאַרש, שפּרינגט אַריין, כאַפּט אַרום רחל'ען און לאָזט זיך מיט איר דרייען). מאַמינקאַ, מאַמאָטשקאַ! מאַמאָטשקאַ, מאַמינקאַ!

רחל. מישא — מישא... מיט רחמנות... וואָס איז עס אַזוינס געשען?

סאָניא (שטאַפּט אָן דאָס מויל און שפּרינגט צו). נאַ, נעם מיך, נאַ, נעם מיך!

מישא (כאַפּט זי אויך אַרום און דרייט זיך מיט זיי ביידע). מאַמינקאַ, איך בין גליקליך! סאָניאַ, איך בין גליקליך!

רחל. ביזטו טאַקע געוואָרן עלטסטער בוכהאַלטער אין באַנק?

מישא. וואָס בוכהאַלטער? ווען בוכהאַלטער? אַך, מאַ־מאָטשקאַ, איך בין גליקליך! איך בין...

סאָניא. פֿאַרליבט...

מישא. און געליבט!

סאָניא. און דאָס איז מאַניאַ וואָל!

מישא (כאַפּט זי טאַנצן). און דאָס איז מאַניטשקאַ! (בלייבט שטיין לעבן רחל'ען אין האַלב נאָך סאָניע'ן.) זי איז היינט אַוועק־געפֿאָרן קיין פּעטערבורג, אָט איצט טאַקע... אויף אַ פּאָר וואָ־כען צו גאַסט. און דאָ... און דאָ... איך ליעב זי דאָך שוין אַזוי לאַנג! בין איך היינט אַרויס מיט דער שפּראַך. (טאַנצט מיט סאָניאַ'ן.)

רחל (אומרויִק). וואַרט דאָך, קינדער. איך וויל דאָך אויך וויסן. ווער איז די מאַניאַ!

מישא (טאַנצענדיק). פּסח וואָל'ס טאָכטער. מאַמאָטשקאַ, מיין מאַניאַ איז...

סאָניא. אַ פֿרעלעסט! יעי באָגו, פֿרעלעסט.

מישא. עס איז צו וואָכעדיק צו לויבן זי מיט אַלע ווער־

טער! — אָבער, מאמע, איך בין גליקליך! איך פיהל מיך עפּעס שטארקער, בריטער, פולער — מיינע אָדערען קלאפּען מיט אזא קראפט. און איך פיהל מיך עפּעס... מיר דאכט, אז אין דער מינוט וואָלט איך געקאָנט פערפאסען א שיר השירים. — איך בין גליקליך, מאמע! (ער נעמט זי ארום און קוסט זי.) מאמע, אָבער דו ביזט דאָך עפּעס אזוי קאלט! — ביזטו עפּעס אונצופרידען?

ר ח ל. יאָ, מיין זוהן!

מ י ש א. מיט וואָס?

ס אָ נ י א. טאקע, מיט וואָס?

ר ח ל. מיט... מיט פּסח וואָל'ס טאָכטער.

מ י ש א. דו קענסט זי דאָך גאָרנישט?

ר ח ל. איך קען איהר טאטען און איך קען איהר מאמען.

מ י ש א. און איך קען נישט איהר טאטען און נישט איהר מאמען — מיך געהען איהרע עלטערן נישט אָן.

ס אָ נ י אָ. דיר געפעלט נישט דער יחוס?

ר ח ל. יאָ, קינדער, מיר געפעלט נישט איהר יחוס.

מ י ש א און ס אָ נ י א (שיסען אויס א געלעכטער).

מ י ש א. דאָס האָב איך זיך נישט געריכט פון דיר.

ס אָ נ י א. ווירקליך.

ר ח ל. און איך אויך נישט, נאָר...

מ י ש א (איראָניש). נאָר?

ר ח ל. עס זיינען פאראן גרעניצען... ווי זאָל איך אייך זאָגען, קינדער?... עס טרעפט אַמאָל, אז אַ מענש, וועלכען קאָן רוהיג קוקען אויף העסליכע זאכען, טרעפט אָן אויף אַ העסליכקייט, פון וועלכער עס העבט איהם אָן צו עקלען...

ס אָ נ י א. פוי, מאמא!

מ י ש א (בייז). דעם משל האָסטו געמענט נישט מאכען אויף!

ר ח ל. מיין זוהן, איך וויל ווירקליך נישט בעליידיגען דיינע געפיהלען. קאָנסטו דיר נאָר פאָרשטעלען, וואָס פאר אַ וועהטאָג עס איז מיר, ווען איך קאָן מיך נישט פרעהען מיט דיין פרייד?

מ י ש א. און איבער וואָס? איבער יחום!?

ס אָ נ י א. טאקע, מאמא?

ר ח ל. איך קאָן מיר דאָ גאָרנישט העלפען. — ווייסטו, ווער איהר טאטע איז?

מ י ש א. וואָס דארף איך עס וויסען?

ס אָ נ י א. ער דארף עס גאָרנישט וויסען.

ר ח ל. פסח וואָל איז געוועזען א כאָריסט אין פעטערבורגער טעאטער. ער האָט געלעבט פון ברויט מיט ציבעלעס און זיין גע־האלט פלעגט ער אוועקלייהען די אקטיאָרען און כאָריסטען אויף פראָצענט. ער האָט געשונדען פון זיי די הויט. ער האָט גענומען פון זיי די שרעקליכסטע פראָצענטען. די אונגליקליכע, וועלכע זיינען אריינגעפאלען אין זיינע הענד, פלעגען זיך דערפאר נוקם זיין אָן איהם אין אזעלכע אָפּערעס, וואו עס קומען פאָר געשלעגען. זיי פלעגען איהם שלאָגען מכות רצח, א האלב־טויטען פלעגט מען איהם אראָבטראָגען פון דער סצענע, און די צייטונגען — די אנטי־סעמיטישע — פלעגען אויף מאָרגען זיין מיט איהם פול. ביז מען האָט איהם ארויסגעטריבען פון טעאטער און ארויסגעשיקט פון פעטערבורג...

מ י ש א (וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט געוואָרפען און גע־וואָלט זי איבעררייסען). אָבער צו וואָס דערצעהלסטו עס מיר? צו וואָס דארף איך עס וויסען? איך געה נישט טאָן א שידוך — איך ליעב, בין געליעבט און בין גליקליך! איך וועל דיר בעסער דער־צעהלען, וואָס מאַניטשקא איז.

ס אָ נ י א. אך, קאקאיאַ אנאַ פרעלעסט!

ו ו ל. דו פרעגסט דאָך ביי מיר, פארוואָס איך בין אונצופרידען? דערצעהל איך דיר.

מ י ש א. וואָס ארט ד י ך, ווער איהר טאטע איז?

ר ח ל. איך וועל דיר דערצעהלען ווייטער, וועסטו מיך אפשר פערשטעהן.

מישא. אַך!

רחל. זוהן מיינער, איך וויל ביי דיר דיין גליק נישט אוועק־נעמען, און איך פֿאָדער פון דיר נישט, דו זאָלסט אויפֿהערען צו ליעבען. איך וויים זעהר גוט, אז דאָס איז אַן אונמעגליכקייט. נאָר איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך ריכטיג פערשטעהן. הער מיך נאָר רוהיג אוים. — ווייסטו, אַז פסח וואָל'ס פרוי הייסט אין שטאָדט דבורה די דינסטציוכע?

מישא. נו, איז וואָס?

סאָניא. אַך, מאמא!

רחל. זי האָט מיידעלוויוז געדיענט. אָבער ביי אידען דיע־נען זעהר אָפט מיידלעך פון זעהר לייטישע הייזער און זעהר איידעלע קינדער — די דבורה איז געבליבען א דיענסט אפילו אין איהר רייכקייט.

מישא. מאַניטשקא איז א דימענט!

סאָניא. טשודנאיא דיעוואושקא!

רחל. דער עיקר אָבער איז דאָס, אז זי האָט געדיענט מיידעלוויוז ביי מיינע עלטערן אין הויז.

מישא. אַהאַ, שטעהט דיר דאָס נישט אָן!

רחל. און מיר האָבען זי ארויסגעטריבען, ווייל מיר האָבען זי געכאַפּט גנב'ענען... איך בין דעמאָלט געוועזען א צוועלף־דריי־צעהן־יעהריג מיידעל, זי — א יאָהר אכטצעהן, און איך בין נאָכ־געלאָפען נאָך איהר און געשריען: גנב'טע! גנב'טע! גנב'טע!

מישא. און דאָס קאָנסטו נישט פערגעסען איהר טאָכטער!

רחל. מיידעלוויוז האָט זי צוויי מאָל געהאט... ווער ווייס, אפשר...

מישא (אויסער זיך). מאמא, דאָס זאָלסטו נישט זאָגען! דאָס איז נידריג, פוי?

סאָניא. פוי, פוי, פוי! ווי קאָנסטו אזוי בעליידיגען מאַניא'ן?

רחל. איהר האָט מיך ביידע שלעכט פערשטאַנען. איך האָב

געוואָלט זאָגען: אפשר האָט זי געפּטר'ט איהרע קינדער. אין שטאָדט זאָגט מען עס טאַקע עד היום.

מ י ש א (געהט אום הין און צוריק אויפגערעגט). מיר איז אלץ איינס.

ר ח ל. איך פרעג מעהר נישט ביי אייך, קינדער, קאָנט איהר דען נישט פערשטעהן מיין לאגע? איך שטעל דיר דאָך נישט די פאָדערונג: קלייב אויס צווישען איהר און מיר...

מ י ש א (הארט). א דאנק דארף מען דיר זאָגען.

ר ח ל (בעטריבט, קוקט איהם נאָך, דערנאָך גיט זי א פיהר מיט דער האנד איבער די אויגען, שטערן און האָר און זיפצט אָב). ה־ה־הם!... איך וויל בלויז, איהר זאָלט פערשטעהן מיין לאגע. נישט טרעפען זיך מיט די מענשען, נישט רעדען מיט זיי און נישט געהן צו זיי — וועל איך נישט קאָנען, ווייל דערמיט וועל איך זעהר שטארק בע־ליידיגען דיין מאניא'ן. און ווידער: רעדען מיט זיי און געהן צו זיי און מאכען דערצו נאָך א פריינדליך פנים, ווערדליג איך קאָן די מענשען נישט ליידען ווי די שפינען און האלט זיי פאר די נידריג־סטע ברואים, איז פאר מיר א צו שווער לייענען. איך וועל דאָס קיינמאָל נישט קאָנען ברייננגען איבער מיר.

מ י ש א (הארט). איז וואָס ווילסטו?

ר ח ל (פערדריסליך). מישא, זיי דאָך נישט אזוי גראָב, (זאַנפטער.) איך וויל דאָך פון דיר גאָרנישט.

מ י ש א. דו פאָדערסט פון מיר נישט, איך זאָל מיך אָבזאָגען פון מאניא'ן, אָבער וואָס איז דער תוכן פון אלע דיינע רעד?

ר ח ל. דאָס טיעפע בעדויערן פון א מוטער, וועלכע קאָן זיך נישט פרעהען מיט דער פרייד פון איהר קינד.

ס אָ נ י א. איבער א נארישקייט!

ר ח ל. וואָס זאָל איך טאָן, קינדער? איך קאָן פון מיין הויט נישט ארויסקריכען.

מ י ש א. נא... (געהט אום נערוועז.) איך בין געלאָפען א

היים מיט אַלע כחות, איך האָב געוואָלט אויף גיך צוטיילען זיך מיט מיין גליק... און דאָ האָסטו דיר!

ר ח ל (געריהרט). מיך פערדריסט עס נישט ווענינער ווי דיך.

מ י ש אַ. ווען דיך וואָלט עס אזוי פערדראָסען, וואָלסטו פער־געסען אָן דעם גאַנצען יחוס און דערפון גאָר קיין רעד נישט געמאכט.

ר ח ל (בעליידיגט און גערייצט). בין איך א שלעכטע מאמע.

(שווייגען.)

ר ח ל (ווערט מעהר נערוועז, העבט זיך אָן ארומצורוקען אויף איהר אָרט און באראבאנעט מיט די פינגער. מיט אַ ציטערדיגען קול און נערוועזען שמייכעל). ווייסט איהר, קינדער — איצט האָב איך אייך וואָס צו דערצעהלען. הע־הע... אבראם מאַאיסעיעוויטש שדכנ'ט זיך צו מיר.

ס אָ נ י א (העבט אויף איהר בליק אויף רחל'ען מיט אַן אָפענעם מויל).

מ י ש א (בלייבט שטעהן און קוקט זיך איין אין רחל'ען). נו, און דו?

ר ח ל. איך האָב איהם נאַטירליך אָבגעזאָגט.

מ י ש אַ (פריי אויפאָטמענדיג, העבט אָן ווידער ארומצוגעהן). איך דענק אזוי.

ס אָ נ י א. אָט דאָס האָב איך גלייך בעמערקט, אז ער איז עפּעס געוועזען אָנגעבלאָזען.

מ י ש א. אָבער פון אבראם מאַאיסעיעוויטש'ען איז עס ניט שיין.

ר ח ל. פארוואָס?

מ י ש א. פאר דאָס! פארוואָס? דעם טאטענס בעסטער פריינד...

ר ח ל. מילא?

מ י ש א. און ער ווייס גאנץ גוט, ווי מיר לעבען צוזאמען...

ר ח ל. ווי מיר האָבען געלעבט צוזאמען...

ס אָ נ י א. מאמע, וואָס איז עפּעס מיט דיר?

מ י ש א (האַרט). וואָס ווילסטו דערמיט זאָגען?

ס אָ נ י א (ווייגערליך). איך העב שוין אָן מורא צו האָבען פאר היינטיגען אָוועגד.

ר ח ל. וואָס איז דאָ פאראַן וואָס מורא צו האָבען, קינדעניו! דער אָוועגד איז דאָך א גאַנץ לוסטיגער. דיין ברודער האָט געפונען זיין גליק, און דיין מאמע... (בעהאַלט דאָס געזיכט אין די הענד.)

ס אָ נ י א (מיט שרעק). מאמאָ!

מ י ש א (שפּרינגט צו מיט שרעק). מאמאָ!

ר ח ל (געפאַסטער). יאָ, קינדער, איך האָב איצט חרטה גע־קראָגען, וואָס איך האָב אָבגעזאָגט אבראם מאַאיסעיעוויטש'ן, און איך וועל דאָס איהם זאָגען.

מ י ש א און ס אָ נ י א. מאמאָ!

ר ח ל. יאָ, קינדער, איך בין געוועזען מוטער און פרוי און האָב דעם מענש אין מיר פערגעסען. איצט האָסטו אליין, מישאָ, דערמאָנט מיך, אז איך בין א מענש.

מ י ש א (איראָניש). און דערפאר ווילסטו חתונה האָבען.

ר ח ל (בעליידיגט). פוי! ווען דו וועסט אזוי רעדען, וועל איך מיט דיר מעהר נישט רעדען.

ס אָ נ י א (לעגט אוועק דעם קאָפּ אויף דער האַנד און צואַוויינט זיך). פּאַפּאַ! פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!

ר ח ל. אַבראַם מאַאיסעיעוויטש האָט געזאָגט, אז ער האָט מורא צו זיין אליין און איינזאם אויף דער עלטער. איך האָב איהם געענטפערט, אז איך האָב מיינע קינדער. איצט זעה איך איין, אז איך וועל אפשר דארפען זיין נאָר א זעלטענער גאסט ביי מיינע קינדער.

מ י ש א. און די האָסט שוין בעשלאָסען, אז דו וועסט דאַר־פען ביי מיר זיין א זעלטענער גאסט?

ר ח ל. וואָס דען, נארעלע? א ודאי.

ס אָ נ י א. און איך? וואו בין איך?

ר ח ל. וואָס ווייס איך? פסח וואָל האָט אפשר א זוהן אויך? אָדער קנאפּ וואָלס זיינען דאָ?

מ י ש אַ (נערוועז). און אויף דעם סמך דארפסטו אויך אויף גיך כאפּען און חתונה האָבען?

ר ח ל. פאר מיר איז עס גענוג סמך.

מ י ש אַ. און דאָס איז דיין גאנצע ליעבע צום טאַטען?

ר ח ל. אין דער הינזיכט דארפסטו מיר געווים קיין פאָר־וואורף נישט מאכען. דאָס ווייסטו גוט.

ס אָ נ י א (ווידער אוועקלעגענדיג דעם קאָפּ אויף די הענד). פּאפּא! פּאפּא! פּאפּא!

ר ח ל. אבראם מאָאיסעיעוויטש ליעבט אויך אייער פּאָטער. איהר מעגט זיין זיכער, אַז די ליעבע צום טויטען וועט אונז...

ס אָ נ י אַ (פאַלט צו איהר צו). מאמא, מאמאָטשקא, טו דאָס נישט, זיי מיט אונז. מיר האָבען דאָך אזוי איינינ געלעבט און מיר וועלען ווייטער אויך אזוי לעבען.

ר ח ל. מיט אַ שעה צוריק האָב איך אויך אזוי נעגלויבט. איצט גלויב איך שוין נישט מעהר.

מ י ש אַ. אַך, דאָס איז ביי דיר אַ קאפּריז.

ר ח ל. איך האָב קיין קאפּריזען נישט.

מ י ש אַ (זעהר אויפגערעגט). טאָ זאָג איך דיר, מאמא, אַז... (שרייט אויס.) סיידען, דו ווילסט מיך נישט האָבען פאר אַ זוהן!

ס אָ נ י א (דורך טרערען). יאָ, יאָ, יאָ. סיידען דו ווילסט אונז נישט האָבען פאר קיין קינדער!

מ י ש א. אין דעם מאָמענט, ווען דו ווערסט מאדאם זאַל־קינד, הערסטו אויף צו זיין אונזער מוטער.

ר ח ל. דאָס סטראשעסטו מיך?

מ י ש אַ. ניין, דאָס וועט אזוי זיין.

ס אָ נ י אַ. יאָ! דאָס וועט זיכער אזוי זיין.

ר ח ל. איז דער טויטער טאַטע אייך טייערער ווי די לעבע־דיגע מאַמע?... נאָר איך פערגין עס איהם פון גאנצען הארצען...

אָבער איצט מוז איך חתונה האָבען פאַר אבראַם מאַאיסעיע־וויטש׳ן.

מ י ש אַ. איצט מוזטו? דאָס איז צו קלוג פאַר מיר.

ר ח ל. ווייל איך האָב מיינע קינדער סיי־ווי־סיי פערלאָרען. איצט האָב איך ערפאַהרען, אַז איהר האָט געליעבט אין מיר נישט די מוטער, נאָר אייער טאַטענס ווייב.

מ י ש אַ. נישט אמת!

ס אָ נ י א. נישט אמת, נישט אמת, נישט אמת!

ר ח ל. בקיצור, קינדער... עס בלייבט, ווי איך האָב בעשלאָסען.

מ י ש א (העכסט אויפגערעגט). אָבער דאַן בלייבט עס, ווי מיר האָבען בעשלאָסען.

ס אָ נ י אַ. יאָ, יאָ, יאָ.

ר ח ל. קינדער!

מ י ש אַ. מיר ווילען נישט, דו זאָלסט ווערען מאדאם זאַל־קינד. מיר וועלען אויף דערויף קוקען, ווי דו וואָלסט פעררא־טען דעם פאָטער.

ר ח ל. מישאַ!

מ י ש אַ. איך רעד מיט דיר אָפען...

ס אָ נ י א. מאַמאָטשקא, זאָג, אַז דו וועסט עס נישט טאָן.

ר ח ל (שמייכעלט און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ).

ס אָ נ י אַ. ניין, האַ, מאַמאָטשקאַ? זאָג דאָך, ניין!

ר ח ל (שמייכעלט). מיר דוכט, אַז איך וועל עס געווים טאָן.

מ י ש אַ (העכסט אויפגערעגט). נו, איז גוט! האָב דיר דיין אבראַם מאַאיסעיעוויטש׳ן, ווען ער איז דיר אזוי טייער. מיך וועסטו שוין מעהר נישט האָבען.

ס אָ נ י אַ. און מיך אויך נישט...

ר ח ל (ביטער). אַז אייך איז ליעב, איז מיר ניחא.

ס אָ נ י אַ. האָסט מסתמא גאָר קיינמאָל נישט ליעב געהאַט דעם טאַטען.

ר ח ל (שמייכעלט ביטער)

מ י ש א. נו, איז גוט. קום, סאָניא, מיר בלייבען נאָך גרע־סערע יתומים.

ר ח ל. קינדער!

מ י ש א. קום, סאָניא!

ר ח ל. קינדער!

מ י ש א (פיהרט ארויס דורך דער הינטערסטער טיר די שטאַרק־וויינענדיגע סאָניאַ).

ר ח ל (ברעכט אויס אין אַ געוויין). קינדער, קינדער, קינ־דער!...

(פאַרהאַנג)

צווייטער אַקט

אין זעקס יאָהר ארום. — דאָסזעלבע צימער, כמעט דאָסזעלבע מעבעל. די סאָפע איז אַ נייע; אונטער'ן טיש ליעגט אַ טעפיך, אויפ'ן טיש אַן אַנדער טישטוך; איבער'ן טיש אַ גאַז־לאָמפּ. אויפ'ן טיש בלומען. — פארנאַכט אין אַ שפּעטזומער־טאָג. ס י אָ מ ק ע, אַ אינגעלע פון אַ יאָהר 4—5, לויפט ארום איבער'ן צימער, רייטענדיג אויף אַ פערד, וואָס איז ארויפגעשטעקט ביים עק אויף אַ לאַנגען שטעקען, און בייטשט מיט אַ בייטש. ז ע ל ד ע נעמט ארויס פון בופעט אַ טישטוך און דעקט דעם טיש.

ז ע ל ד ע. שפּרינג דאָך נישט אזוי. וועסט אויפוועקען די טיאָטיע.

ס י אָ מ ק ע (שפּרינגט נאָך שטאַרקער). טפּררו! טפּררו! טפּררו!

ז ע ל ד ע. וועסט דו אויפהערען?

ס י אָ מ ק ע. מיין פערד איז זיך פאנאנדערגעלאָפען, איך קאָן עס נישט אָבשטעלען.

ז ע ל ד ע. וועל איך איהם דיר אָבשטעלען. איך וועל איהם ביי דיר גאָר אָבנעמען.

ס י אָ מ ק ע. יאָ, ער בייסט זיך, פּרוב נאָר צוגעהן. (שפּרינגט צו צו זעלדע'ן.) מאָ, מאָ, מאָ!

ז ע ל ד ע. טיאָטיע סאָניע איז קראַנק, זאָלסט נישט אזוי רוישען.

ס י אָ מ ק ע (שטילער). טפּררו! טפּררו! טפּררו!

ז ע ל ד ע. גנעה גאָר אין גאָרטען צו דער מאַמען. גנעה.

ס י אָ מ ק ע (שפּרינגט ארויס). מצצצ, נאָ, נאָ!

ז ע ל ד ע. וועט זיין אַ ביסעל שטילער. דול קאָן מען פון איהם ווערען. (דעקט דעם טיש, צושטעלט טעלער, מעסער, גאָפּעל. —

עס קלינגעלט, זי גיט אַ קוק אויף דעם קליינעם וועקער, וועלכער שטעהט אויפ'ן בופעט, און רעדט ארויס אונטער'ן נאָז, פערוואונדערט.) דער בעל־הבית? (לויפט עפּענען די טיר און געהט באַלד צוריק אריין מיט רחל'ען און קוקט אויף איהר מיט אַ פאַרשענדען בליק.)

רחל (שטאַרק געעלטערט, אין אַ דאָלמע, מיט אַ רייזע־טעשעל איבער די פּלייצעס, רעדט קוים באַפּענדיג דעם אָטעם). וואָס מאַכט סאָניע?

זעלדע (בעטראַכט זי, פערדעכטיג). ווער זייט איהר?

רחל. וואָס איז דאָ עפּעס אַזוי שטיל? טוט אַ טובה, זאָגט, וואָס מאַכט סאָניע?

זעלדע. די בארישניע איז שוין געזונד. זי נעהט אראָב פון בעט.

רחל (אויפעטמענדיג). גאָט זיין דאנק!

זעלדע (ווי פריהער). ווער זייט איהר?

רחל (שפּאַרט זיך אָן אָן בופעט, טריקענט זיך די אויגען).

זעלדע (דערשראָקען). נאַט אייך אַ שטול.

רחל (ווי פריהער). איז זי לאַנג קראַנק געוועזען?

זעלדע. אַ וואָכען זעקס.

רחל. געפעהרליך קראַנק?

זעלדע. פּסססס, אַלץ הייסט קראַנק. אַ טיפוס, אַזא שרעקליכער טיפוס. מען האָט פון איהר לעבען נישט געהאַלטען.

רחל (טריקענט זיך די אויגען, מיט אַ ציטעריגער שטימע). ווען איז געוועזען דער קריזיס?

זעלדע. שוין באַלד צוויי וואָכען.

רחל. גאָט זיי דאנק!

זעלדע (מיט אַ פריינדליכען שמייכעל). זעהט, קרוינעלעך, איך פרעג...

רחל. וואָס מאַכט זי איצט?

זעלדע (ווידער קוקענדיג מיט אַ פאַרשענדיגען בליק און ציהענדיג די ווערטער). איצט שלאָפט זי. — זאָל איך זי וועקען?

אָדער זאָל איך אריינרופען די בעל־הבית'טע פון גאָרטען? זעהט, ווי בלייך איהר זייט! — איז אייך עפּעס נישט גוט? ברייננגען אייך אַ גלאָז וואסער?

ר ח ל (שטיל). ברייננט אַ ביסעל וואסער.

ז ע ל ד ע (געהט ארויס, נישט אַראָבנעמענדיג פון איהר איהר פערזאָרגטען און דערשראָקענעם, פאַרשענדיגען בליק).

ר ח ל (הערבט אָן ארומצוקוקען זיך, מאכט עטליכע שריט און קוקט זיך ווידער אַרום).

ז ע ל ד ע (קומט אריין מיט אַ גלאָז וואַסער אויף אַ קליינעם טעצעל).

ר ח ל (בעקוקט אַלץ ווייטער, קרעכצט). זעקס יאָהר! זעקס יאָהר!

ז ע ל ד ע. ווילט איהר נישט דאָס וואסער?

ר ח ל. איהר קאָנט אַוועקשטעלען.

ז ע ל ד ע (גיט אַ פּיהר מיט די אַקסלען און שטעלט אַוועק דאָס וואַסער אויפ'ן טיש).

ר ח ל (בעקוקענדיג). זעקס יאָהר, זעקס יאָהר.

ז ע ל ד ע. זייט איהר נישט די...?

ר ח ל (אריינקוקענדיג אין זאַל, מיט ציטערן). וואו איז דאָס צווייטע בילד?

ז ע ל ד ע. וואָס פאר אַ צווייט בילד?

ר ח ל. דאָ, לעבען דעם בילד איז געהאנגען אַ צווייט בילד, פון אַ פרוי.

ז ע ל ד ע. איך ווייס נישט. זינט איך בין דאָ, איז שטענדיג געהאנגען אויף ד ע ר וואַנד נאָר איין בילד. דאָס איז דאָך דעם בעל־הבית' טאַטע.

ר ח ל (מיט אַ טיעפער טרויער). און די מאַמען האָט מען אַראָבגענומען. — זייט איהר שוין לאַנג דאָ?

ז ע ל ד ע. זינט סיאַמקע איז געבאָרען געוואָרען. איך בין דאָך געוועזן זיין אַם. דאָס איז שוין באַלד פינף יאָהר.

רחל (ווי פריהער). פערוואָרפען די מאַמען. — היינגט ערגיץ נישט דאָס צווייטע בילד?

זעלדע (אויסווייכענדיג). ערגיץ ני... ביי דער באַרישניע ערגיץ...

רחל (מיט אַ ביטערן שמייכעל). ביי — דער — באַרישניע — ערגיץ... (פאַסט זיך, פרעהליך.) און איהר זייט געוועזען סיאָמקע׳ס אַם? ווי זעהט ער אויס?

זעלדע. אַט, איהר וועט איהם זעהן. אַ גרויסער בחור׳עץ געוואָרען. און אַ שרעקליכער שטיפער. ער מאַכט מיך קראַנק, מאַכט ער מיך. און שיין איז ער, אַז מען קאָן זיך אין איהם נישט איינקוקען.

רחל (זוכט אין איהר רייזע־טעשעל). אויב איהר זיינט סיאָמקע׳ס אַם און ער איז אַ גרויסער בחור׳עץ, קריגט איהר ביי מיר פאָרלויפיג די ערסטע מתנה. (שפּאַרט איהר אין האַנד אַן אסיגנאַציע.)

זעלדע (נתפּעל). אָ, אַזויפיעל! — אַ גרויסען דאַנק אייך! אָבער זעהט, איך פרעג אייך אַלץ און איהר ווילט מיר נישט ענטפערן.

רחל (מיט דעם פריהערדיגען פרעהליכען טאָן, כמעט שעפּטשענדיג). לאָמיר אונז זעצען און איהר דערצעהלט מיר, ווי לעבט מען עפּעס דאָ, וואָס מאַכט מען דאָ. אַ סך, אַ סך דערצעהלט מיר.

זעלדע. וואָס איז פאַראַן צו דערצעהלען, וואָס? מען לעבט דאָ זעהר גוט. מען לעבט ווי די טייבעלעך. מעהר נישט איצט, דער באַרישניע׳ס קראַנקהייט...

רחל (ווי פריהער). לעבען זיי, הייסט עס, גוט?

זעלדע. זעהר גוט. מען בענשט זיך פּשוט מיט זיי. איך זאָג דאָך אייך, ווי די טייבעלעך. זיי האָבען זיך אַזוי האָלט. אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרען זייער לעבען. און זיי זיינען דאָס טאַקע ווערט. אַזעלכע דימענטענע קינדער!

רחל. אייער בעל־הבית׳טע אויך?

זעלדע. פּשש, אַ שטיק גאָלד!

ר ח ל. גאָט זיי דאנק, גאָט זיי דאנק... (מיט אַ ציטערדיגען טאָן.) דערמאָנט מען אמאָל די מאמע'ן?

ז ע ל ד ע (אויסווייכענדיג). וועמעס מאַמע?

ר ח ל. איך מיין — איך מיין דעם בעל־הבית' מאמע.

ז ע ל ד ע. זייט איהר דעם בעל־הבית' מאמע?

ר ח ל (מיט טרערען אין קול). דערמאָנט מען זי אמאָל? רעדט מען פון איהר ווען?

ז ע ל ד ע (אויסווייכענדיג). איך וויים? איך הער מיך דען צו, פון וואָס זיי רעדען? איך זיץ מיר אין קיך. — אָי, דאָס עסען וועט פערברענט ווערען! (איילט ארויס, קוקענדיג אויף רחל'ען מיט אַ פאָרשענדיגען בליק.)

ר ח ל (בעהאַלט איהר געזיכט אין טאַשענטוך. איהר קערפּער ציטערט פאר אַן איינגעהאַלטענעם געוויין. דאן הענט זי אויף די פער־ווייניטע אויגען, האַלטענדיג נאָך דאָס טיכעל אויפ'ן מויל, און בעקוקט אַלץ. באַלד הענט זי זיך אויף ענטשלאָסען, מאכט צו דאָס רייזע־טעשעל און טוט אַ פּאָר שרים צו דער טיר).

ס י אָ מ ק ע (שפּרינגט אריין אויף זיין פערדעל). זעלדע, מאמע האָט... (דערזעהט רחל'ען און בלייבט פערשעמט שטעהן.)

ר ח ל (כאַפּט זיך אָן מיט איין האַנד פאר'ן בופעט און מיט דער אַנדערער האַנד דאָס הארץ). אָי!

ס י אָ מ ק ע (וויל פערקעהרען צוריק).

ר ח ל. סיאָמינקע! (זי לאָזט זיך צו איהם. ליידענשאפטליך.) סיאָמינקע!

ס י אָ מ ק ע (וויל אנטלויפען).

ר ח ל (כאַפּט איהם ארום, אראָבלאָזענדיג זיך פאר איהם אויף די קני). דו ביזט דאָך סיאָמינקע, יאָ? ביזט דאָך סיאָמינקע? — קינד מיינס, סיאָמינקע מיינער! איך בין דאָך דיין באָבע! קינד מיינס! (בעדעקט איהם מיט ליידענשאפטליכע קושען.) סיאָמינקע מיינער! קינדעניו מיינס! בחור'על דו מיינער גרויסער! איך בין

דאָך דיין באָבע! דיין באָבע רחל בין איך! (זי ווערט אַלץ לײדענ־שאַפטליכער.)

סיאָמקע (רייסט זיך פון איהר). געה, פפוי, מאַכסט מיך נאַס. (ווישט זיך דאָס געזיכט.) מיט דיינע טרערען. וואָס ווילסטו?

רחל (דריקט איהם צו זיך). איך בין דאָך דיין באָבע, מיין קינדעניו, דיין באָבע רחל, סיאָמינקע.

סיאָמקע (שטופּט זי אָב מיט ביידע הענד און קוקט אויף איהר אונגלויביג). באָבע רחל?

רחל (מיט ליידענשאַפטליכער ווארימקייט). דיין באָבע רחל בין איך — דיין בעליידיגטע, פערוואָרפענע באָבע בין איך — דיין צואַווּעהטאָגטע באָבע בין איך. די מתנות, וועלכע איך פלעג דיר שיקען, פלעג איך דאָך בעקומען צוריק. דיין אונגליקליכע באָבע בין איך!

סיאָמקע (ווי פריהער). געה, איך האָב גאָר נישט אזא באָבע. די באָבע דבורה איז גאָר מיין באָבע.

רחל. ווייסט דו גאָרנישט פון דער באָבע רחל? איך בין דאָך דיין פּאַפּאַ'ס מאמע.

סיאָמקע. דעם פּאַפּאַ'ס מאמע? האָט פּאַפּאַ א מאמען?

רחל (לאָזט איהם אָב און ברעכט אויס היסטעריש). קינדער מיינע, קינדער מיינע!...

סיאָמקע (רוקט זיך ביסלעכווייז ארויס, קוקענדיג אויף איהר מיט חשד־אויגען, און אנטלויפט).

רחל (שטעהט אויף די קני, פערדעקט דאָס געזיכט, און שלוכצט). קינדער מיינע, קינדער מיינע!...

מאַניא (בעווייזט זיך אין דער הינטערסטער טיר. הינטער איהר זעלדע).

רחל (ווישט זיך דאָס געזיכט און דערזעהט מאַניא'ן. שפּרינגט אויף). אך!

מאַניא (שטיל). איהר זייט דאָך די שוויגער?

רחל. אויב איהר זייט מישא'ס ווייב, בין איך די שוויגער.

מאניא (כאפט זיך מיט ביידע הענד פאר די באקען). אָ, ווע̇לען זיך די קינדער דערשרעקען!

זעלדע (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד און פערשווינדט).

רחל. איך — איך נעה גלייך אוועק.

מאניא (פערלעגען). איך מיין עס גאָרנישט.

רחל. איך האָב צו דיר גאָרנישט, מיין קינד.

מאניא (פערלאָרען). איך ווייס ווירקליך נישט...

רחל (ווישט זיך דאָס געזיכט און ווארפט אַ בליק ארום זיך. מיט'ן טאָטענטיכעל ביים מויל). איצט קאָן איך געהן. — זיי געזונד — מאניא, דאכט זיך?

מאניא. יאָ, שוויגער.

רחל. שלום עליכם האָסטו מיר נישט געקאָנט געבען, האָסט נישט געוואוסט, ווער איך בין. איצט ווייסטו... (מיט פערשטיקטע טרערען.) טאָ גיב מיר די האַנד צו אַ זיי־געזונד.

מאניא (גיט איהר די האַנד). איהר דארפט אויף מיר נישט ברוגז זיין, שוויגער, אָבער איך ווייס ווירקליך נישט... איך קאָן עפּעס נישט... די קינדער ווע̇לען זיך אזוי... ווע̇לען אזוי איבער־ראַשט זיין... מממ, יאָ, איך טו אָבער נישט גוט. איך טאָר אייך נישט אוועקלאָזען.

רחל. זיי געזונד, מאניא.

מאניא. אָי! אפילו צוזעצען זיך האָב איך אייך נישט געבעטען.

רחל. זיי געזונד, מאניא. א גרויסען דאנק דיר פאר דאָס גליקליכע לעבען, וואָס דו פערשאפסט מיין זוהן, און פאר די שוועסטערליכע פריינדשאפט, וואָס דו ווייזט ארוים מיין סאָניא'ן.

מאניא. מממ, אָי, איך טו נישט גוט, איך טו נישט גוט... באַלד קומט שוין מישא... סאָניא'ן אויפוועקען... זאָגט מיר כאָטש, פארוואָס זייט איהר געקומען? (פערלעגען.) איך מיין, פארוואָס גאָר פלוצלונג? (נאָך פערלעגענער.) איך מיין...

רחל. איך פערשטעה, איך פערשטעה, מיין קינד. די קאָנסט

עס פרעגען. די מעשה איז אזוי: איינער איז געקומען פון דאַנען צו אונז אין יעקאַטערינאָסלאוו און האָט אונז דערצעהלט, אז סאָניא איז געפעהרליך קראַנק, האָב איך געכאַפּט און בין געקומען צו־פאָהרען. (געבראָכען.) גאָט זייַ דאַנק, זי איז געזונד געוואָרען און איך קאָן צוריק פערשווינדען... און שרייבען אייך בריעף, וועלכע איך וועל בעקומען צוריק נישט פערנאַנדערגעעפענטע...

מאַניא. אך, גאָט!

רחל. נאַ, זייַ געזונד, מייַן טאָכטער. איך פאָהר אוועק אַ גליקליכע, וואָס מייַן טאָכטער איז געזונד געוואָרען און וואָס מייַן זוהן לעבט אַ גליקליך פאַמיליען־לעבען. וואָס דאַרף איך מעהר?

מאַניא. ווייסט איהר, וואָס עס וועט זייַן, וועט זייַן — איך וועל אייך נישט אוועקלאָזען.

רחל. ניין, מייַן קינד, איך וועל אוועקגעהן.

מאַניא (אויפגעלעבט). ניין, איהר וועט בלייבען דאָ. איהר ווילט דאָך נישט אוועקגעהן.

רחל (פערדעקט זיך דאָס געזיכט מיט'ן טאַשענטוך און וויינט שטיל).

מאַניא. זעהט איהר, נו — איהר ווילט דאָך נישט אוועק־געהן. איך געה גלייך אויפוועקען סאָניא'ן.

רחל (האַלט זי אָב). ניין, מייַן טאָכטער. סאָניא'ן קאָן דאָס איצט שאַדען.

מאַניא. מממ, אֶי! איז וואָס מאכט מען? וואַרט, איך וועל אַרייַנגעהן און זעהן עפּיס פאַרבערייטען זי. — איך וועל אייך נישט אוועקלאָזען. נעמט אַראָב די דאָלמע. — שאַ, איהר קענט דאָך גאָרנישט אייער אייניקעל. — (שרייַט ארויס אין קיך.) זעלדע, שיקט אַריין סיאָמקע'ן! (קעהרט זיך אום צו רחל'ען.) טוט אויס אייער דאָלמע.

רחל. מייַן אייניקעל קען איך שוין, ער איז דאָ פריהער געוועזען און איך האָב זיך איהם פאָרגעשטעלט. אָבער איצט וועל איך איהם זאָגען אַ „זייַ געזונד".

מאניא. ניין, ניין. איהר וועט נישט אוועקגעהן.

באלד קומט מישא. איך וועל זעהן עפּים מיט סאָניא'ן.

סיאָמקע (לויפט אריין און שטעלט זיך צו צו מאַניאַ'ן, קוקענדיג מיט פרעגענדיגע אויגען אויף רחל'ען).

מאניא. זעהסט, סיאָמקע, דאָס איז די באָבע רחל.

סיאָמקע. באָבע רחל? נישט די באָבע, נאָר די באָבע רחל.

מאניא. דאָס איז דאָך פּאַפּא'ס און טיאָטיע סאָניא'ס מאמא. געה צו, גיב א קוש.

סיאָמקע (שטעהט אַלץ נעבען איהר). פּאַפּא'ס מאמא? געה, נישט אמת.

מאניא. די באָבע רחל וואוינט ווייט פון דאנען, אין אַן אַנדער שטאָדט, איז זי היינט געקומען צו פאָהרען. געה צו, סיאָמקע, זיי א גוט אינגעל.

סיאָמקע (געהט צו צו רחל'ען מיט לאַנגזאַמע טריט). ביזט דו באָבע רחל, יאָ? די באָבע איז מיין באָבע, און דו ביזט די באָבע רחל.

רחל (העבט איהם אויף צו זיך. לייזענשאַפטליך). קינד דו מיינס, קינד דו מיינס.

סיאָמקע (רייסט זיך). געה, מאַכסט מיך ווייטער נאַס.

מאניא (מיט שרעק). סיאָמקע!

רחל. טאַקע איך וויין שוין צופיעל.

סאָניא (קומט אריין אין צימער פון דער הינטערסטער טיר. בלאַס, אַבגעשאָרענע האָר, שוואַכע טריט. זי קוקט אויף דעם גאַסט אין שטוב, וואָס שטעהט צו איהר מיט'ן רוקען, און גיט אַ ציטער). אָי! (זי דערשלעפּט זיך קוים צו דער סאָפע.)

סיאָמקע (לאָזט זיך צו איהר). טיאָטיע סאָניא, טיאָטיע סאָניא! זעהסט, דאָס איז — (דערשראָקען) — באָבע רחל.

רחל (דערהערענדיג סאָניאַ'ס „אָי", קעהרט זיך אום מיט אַ ציטער, וויל אַ טראָט טאָן צוריק און מאַכט אַ פּאָר טריט פאָראויס, מיט אימפּעט, שעפּטשענדיג). טאָכטער מיינע! סאָניטשקע!

מ אַ נ י אַ (כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענד פאַר די באַקען און שפּאַנט אָן די אויגען).

ז ע ל ד ע (בעוויזט זיך מיט איין זייט אין טיר און קוקט נייגעריג מיט אַן אָנגערוקטער שטערן).

ס אָ נ י אַ (לעגט אַוועק דעם קאָפּ אויפ'ן טיש און צואווייננט זיך).

ס י אָ מ ק ע (גערט אָב אַ דערשראָקענער און בלייבט שטעהן פריהער לעבען רחל'ען, דערנאָך לעבען מאַניאַ'ן).

ר ח ל. טאָכטער מיינע, סאָניטשקע! — ווי דו זעהסט אויס! — איך האָב גאָרנישט געטאָרט איצט קומען. — מען האָט אונז עהערנעכטען אָנגעזאָגט, אז דו ביסט געפעהרליך קראַנק. איך האָב נישט געקאָנט איינזיצען. איך האָב געמיינט, איך וועל משוגע ווערען. אין דעם זעלביגען טאָג זיינען מיר ארויסגעפאָהרען. איך און זאַלקינד. איצט, גאָט זיי דאנק... טאָכטער, טאָכטער! העב אויף דיינע אויגען, טו אַ קוק אויף מיר. לאָז מיך זיך זאט אָנ־קוקען אויף דיר, — באַלד זעקס יאָהר. זעקס אונגליקליכע, עלענדע יאָהר.

ס אָ נ י אַ (בלייבט אונבעוועגט).

ר ח ל (שטיל). ווילסט, איך זאָל אוועקגעהן?

ז ע ל ד ע (זיפצט אָב). אַך, רבונו של עולם! (געהט אַוועק.)

ר ח ל. זאָל איך אוועקגעהן?

ס י אָ מ ק ע (צו מאַניאַ'ן). באָבע רחל אוועקגעהן?

ס אָ נ י אַ (העבט אויף דעם קאָפּ, פערדעקט אָבער דאָס געזיכט מיט ביידע הענד). איך קאָן נישט רעדען. (זי לאָזט ווידער אַראָב דעם קאָפּ מיט אַ יאָמער.)

ס י אָ מ ק ע (צו מאַניאַ'ן). מיאָטיע סאָניא וויינט.

מ אַ נ י אַ (נעמט איהם אָן פאַר דער האַנד און מאַכט מיט איהם אַ פּאָר טריט צו דער הינטערסטער טיר און בלייבט דאָרט שטעהן).

ר ח ל. איך אָבער קאָן רעדען. די גאנצע צייט האָב איך נישט אויפגעהערט מיט אייך צו רעדען. אייערע בילדער הייגנען ביי מיר אין אַלע צימער, שטעהען ביי מיר אויף אלע טישען און

קאָמאָדען, און יעדען טאָג, פריה און שפעט, פאר די גאנצע זעקס יאָהר, האָב איך נישט אויפגעהערט צו רעדען מיט אייך און צו פרעגען ביי אייך: קינדער, וואָס האָט איהר צו מיר? איך האָב דאָס געפרעגט אין דער־פריה, און איך האָב דאָס געפרעגט ביי דער־נאכט: „קינדער מיינע, קינדער מיינע, וואָס האָט איהר צו מיר?“

ס י אָ מ ק ע (צו מאַניאַ'ן). די באָבע רחל וויינט אלץ.

מ א נ י א (קעהרט זיך אָב מיט'ן געזיכט צום פענסטער און פרוּ־ קענט זיך די אויגען מיט איהר טאַשענטוך).

ר ח ל. איך האָב נישט אויפגעהערט צו שרייבען צו אייך בריעף, און איהר פלעגט זיי מיר אָבשיקען נישט פערנאנדערגע־ עפענטע, נישט געלייענטע. מיין הארץ פלעגט יעדעס מאָל פער־ גאָסען ווערען מיט בלוט, אָבער איך האָב ווידער געשריבען. יעדער בריעף פלעגט אוועקטראָגען מיט זיך מיינע גרעסטע האָפנונגען. ביז ער פלעגט אָנקומען צוריק, פלעג איך פאנטאזירען, אז דעם בריעף האָט איהר אויפגעעפענט און איבערגעלייענט און זייט ווייך געוואָרען, און איצט וועט אָנקומען א בריעף פון אייך, א גוטער בריעף, א ליעבער בריעף. און אז ער פלעגט אָנקומען צוריק, האָב איך מיך געפיהלט אזוי אָרים, אזוי עלענד, אזוי צושמעטערט און דערשלאָגען. אָבער איך האָב ווידער געשריבען, ווידער אויסגעלעגט מיין גאנץ הארץ אויפ'ן פאפיר, און ווידער אוועק־ געשיקט און ווידער געהאָפט. די גאנצע צייט אזוי, די גאנצע צייט אזוי.

ס י אָ מ ק ע (צו מאַניאַ'ן). מאמא, דו דאַרפסט נישט וויין. איך וועל אויך וויינען.

ר ח ל. קינדער, זעהט וואָס איהר האָט געמאכט פון מיר! איך בין שטאָלץ, אָבער איך האָב פערגעסען מיין שטאָלצקייט. מען האָט מיך געהאלטען פאר א שטארקען מענש, אָבער איך האָב נישט געוואָלט זיין שטארק געגען אייך. — סאָניטשקע, קאָנסט

נאָך אַלץ נישט רעדען? טאָכטער מיינע, העב אויף דיין קאָפּ, סאָניטשקע, זיי דאָך... (עס קלינגעלט.)

סיאָמקע (לאָזט זיך צו דער טיר). פּאַפּאַ קומט! פּאַפּאַ קומט! פּאַפּאַ, באָבע רחל איז דאָ! די נייע באָבע — באָבע רחל! (פאַרשווינדט מיט די ווערטער.)

רחל (האַלט איין איהר רעדען און כאַפּט זיך אָן אָן טיש, שטאַרק בעוועגט).

מאַניאַ (שטעהט ביים פענסטער אין טיעפער אויפרעגונג).

סאָניאַ (האַלט איין דאָס וויינען).

סיאָמקע (קומט אריין טרויעריג). פּאַפּאַ איז גאָר אוועק־געגאַנגען...

סאָניאַ (העבט אויף דעם קאָפּ, ווי פערגליווערט אין שרעק).

מאַניאַ (שרייט־אויס פאַר שרעק און כאַפּט זיך מיטביידע הענד פאַר די באַקען).

רחל (פאַלט שיער נישט אום, פאַסט זיך און געהט לאַנגזאַם ארויס פון צימער מיט נישט זיכערע טריט, ווי אַ שכור'ע, גאַנץ נידערגעשלאָגען, געבראָכען, געעלטערט).

מאַניאַ (עטעמט ארויס). אָה, ווי שלעכט פון איהם!

סאָניאַ (גליטשט זיך אַראָב אויף איהר זיץ אין חלשות).

(פאָרהאַנג)

דריטער אַקט

אַ צימער ביי זלאַטען אין שטוב, מיט צוויי פענסטער אין דער רעכטער וואַנד. אין דער הינטערגרונד־וואַנד אַ טיר. נישט ווייט פון דער טיר אַ גלעזער־שראַנק. ביי דער וואַנד לינקס אַ טשיראַטענע כאָפע, טיש און שטולען. אויף דער פּאָדלאָגע — לויפער. אַ קאָכעדיגער סאַמאָוואַר אויפ׳ן טיש.

זאַלקינד (אַ סך גרויער, שטעהט ביי אַ פענסטער און קוקט ארויס אין גאַס).

זלאַטע (אַ אידענע פון אַ יאָהר פינף־און־פיערציג, אין אַ געלען פאַריק, זיצט ביים טיש, מאַכט אַ זאָק, שאָקעלט דעם קאָפּ און זיפצט). אַך, יאָ, יאָ. אַ ביטער פּעקעל דאָס לעבען. האָב קינדער — איז שלעכט, האָב נישט קיין קינדער — איז נאָך ערגער. צרות אַזוי און צרות אַזוי.

זאַלקינד. שוין אַ סך גלייכער, זאָג איך דיר, אַז מען האָט קיין קינדער נישט.

זלאַטע. ע, זאָל מען נישט צוגעקומען ווערען צו דעם טעם. איך ווייס, וואָס דאָס הייסט נישט האָבען קיין קינדער.

זאַלקינד. איך פרעג דיך דאָך נישט מעהר: וואָס האָט רחל פון איהרע קינדער? דאָס זיינען דאָך עפּיס שטיינער, נישט קינדער. וועסט אַ קוק טאָן אויף רחל׳ען, וואָס פון איהר איז גע־וואָרען פאַר די זעקס יאָהר, וועסטו זי גאָרנישט דערקענען. אויס־געדאַרט, פער׳חשכ׳ט.

זלאַטע. און דאָך...

זאַלקינד. און דאָך! און דאָך! קאָנסטו מיר אפשר זאָגען, וואָס האָב איך פון מיינע קינדער? וועגען מיין אַמעריקאַנער איז דאָך אָבגערעדט. דאָס איז דאָך שוין אַ כלל: פאָהרט מען אַהין אַוועק, איז פערפאַלען, אפילו קיין בריוועל שרייבט מען נישט.

אָבער אפילו מיין פּעטערבורגער און מיין מינסקערין דערמאָנען זיך אויף אויפ׳ן טאַטען, נאָר ווען זיי דאַרפען פון איהם עפּיס האָבען. אזוי פערגעסען זיי אָן איהם, גלייך ער וואָלט געוועזען א נעשטאָרבענער.

ז ל א ט ע. הערסט דאָך, איך וועל דיר עפּעס בעסערס דער־צעהלען. איך האָב אמאָל געזעהן, ווי א זוהן האָט געשלאָגען זיין אַלטע מוטער — דאָס איז געווען מנש׳קע דער בלעכער, דו ווייסט דאָך, אין דעם קליינעם געסעל. ער האָט איהר אראָבגעשלאָגען דעם הויב פון קאָפּ, האָט איהר צובלוטיגט דאָס מויל — נישט דאָ געדאַכט, נישט פאַר קיין אידישע טאָכטער געדאַכט — ער האָט איהר מסתמא ארויסגעשלאָגען א צאָן, — וויפיעל האָבען געדאַרפט האָבען איהרע אַלטע ציינער, וועה איז מיר! — האָט איהר געגעבען, נישט פאַר קיין מוטער געדאַכט, מיט׳ן פוס אין בויך — אין דעם בויך, וועלכער האָט איהם געטראָגען, וועה מיר נישט געשעהן! — איך האָב עס צוגעזעהן — עס איז זיך צונויפגעלאָפען אַן עולם מענשען — און עס איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען, איך בין א פערצאַפּעלטע געוואָרען. נישקשה, ער האָט געקראָגען פון עולם זיין לוין, מען האָט איהם געשלאָגען מכות אכזריות, אויף לייז געבער האָט מען איהם אוועקגעטראָגען — נאָר נישט דאָס בין איך אויסען. וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגען — איך בין גע־וועזען אויס מענש א גאַנצען טאָג. און ביי־נאַכט האָב איך נישט געקאָנט איינשלאָפען — עס האָט מיך אלץ געוואָרפען א צאָן אָן א צאָן. אָבער שפּעטער האָב איך מיר פערגעבען א קשיא: צי וואָלסטו געוואָלט האָבען א קינד, און דאָס זאָל דיך שפּעטער אזוי שלאָגען? ווי דו זעהסט מיך לעבען, איך האָב ביי מיר נישט געקאָנט פּועל׳ן, אז ניין.

ז א ל ק י נ ד. ביזטו טאַקע א גרויסער נאַר.

ז ל א ט ע. אי, אז איך טענה דאָך: די אידענע, וועלכע וויל קיין קינדער נישט האָבען, איז ערגער ווי א ווילדע חיה.

זאלקינד. נא, אבגערעדט. (קוקט וויעדער ארויס אין פענסטער.)

זלאטע. אי, אי, כאטש איין קינד... זעהסט דאך רחל'ס קינדער. ווי טייער איז ביי זיי דער פערשטארבענער טאטע? זייער גאנצער כעס איז דאך צוליעב דעם טאטען.

זאלקינד. צוליעב דעם פערשטארבענעם. די מאמע זאל שטארבען, וועלען זיי זיך אויך ליעב האבען.

זלאטע. איך וועל דיר זאגען דעם אמת: איך ווייס נישט, צי מיר וואלטען בעסער געווען. קינדער האבען פארט נישט האלט, אז די מאמע זאל נעמען א צווייטען מאן.

זאלקינד. נא, גענוג, גענוג. פון די גזלנים זאלסטו מיר גארנישט רעדען. (העבט אן אויפגערעגט ארומצוגעהן און שטעלט זיך וויעדער ביים פענסטער.) וואס קומט זי שוין נישט?

זלאטע. וועסט זעהן, אז זיי האבען שלום געמאכט.

זאלקינד. איך גלויב עס נישט. מען וואלט שוין לאנג געשיקט נאך מיר.

זלאטע. אפשר איז די טאכטער זעהר קראנק.

זאלקינד. טו א שיק וועמען.

זלאטע. איך וועל מוזען אליין א גיין טאן. איך האב דאך דיר שוין געזאגט, אז מיין דיענסט האט היינט א חתונה.

זאלקינד. זיי דיך מטריח.

זלאטע (געהט צו צום טיש, לעגט אוועק די זאק, מאכענדיג זי אונטערוועגס).

זאלקינד. שא, א דראזשקע איז עפיס צוגעפאהרען.

זלאטע (איילט אויך צום פענסטער). הלואי זאל עס זיין נאך דיר.

זאלקינד. דאס זיצט דאך רחל! — אי, זי קאן זיך דאן גאר פון ארט נישט א ריהר טאן. (לויפט צו דער טיר.)

זלאטע (קוקט זיך איין אין פענסטער און לאזט זיך אויך צו

דער טיר). אָי, וועה, וועה! זיי זיינען איהר דאָרטין דערגאַנגען די יאָהרען!

ר ח ל (קומט אריין, געפיהרט פון זאַלקינד'ן, קוים האַלטענדיג זיך אויף די פיס, בלייך, געעלטערט). וואָס האָסטו דיך אזוי דערשראָקען? מענש איינער! איך האָב מיך אַביסעל פערטראַכט און פערגעסען, אז איך דארף ארויס פון דראָזשקע. (לאָזט זיך אַראָב אויף דער סאָפע און ווישט זיך דאָס געזיכט מיט'ן טאַשענטוך.)

ז א ל ק י נ ד. איז עפּיס אַן אונגליק געשעהן?

ר ח ל. וואָס מיינסטו דערמיט?

ז א ל ק י נ ד. וואָס מאכט סאָניאַ?

ר ח ל. זי איז שוין לאַנג געזונד. די אידישע פּאָסט וועגען איהר קראַנקהייט איז אונז אָנגעקומען, ווען אַלץ איז שוין געווען לאַנג פאָראיבער. (נעמט־אָן אַ לוסטיג געזיכט.) שלום עליכם, זלאַטע!

ז ל א ט ע (געריהרט). עליכם שלום, רחל'ע!

ר ח ל (הערבט זיך אויף און צוקוסט זיך מיט זלאַטע'ן).

ז ל א ט ע. איך בין עפּיס אזוי צודרעהט געוואָרען, אז איך האָב פערגעסען, אז מען דארף דיר אָבגעבען שלום עליכם.

ר ח ל. ווי געהט דאָס דיר עפּיס, זלאַטע? וואָס מאכסטו עפּיס? ווי געהט עס דיין אלטען?

ז ל א ט ע. אָט, ווי געוועהנליך. מיין אלטער איז געוועהנליך אין מאָסקווע און איך... אָט. (מאַכט אַוועק מיט דער האַנד.) ווי דיר געהט, דארף איך שוין נישט פרעגען. איך וואָלט דיך, דאכט זיך, נישט דערקענט. — נאַ. — וועסט טרינקען אַ גלעזעל טיי? אָדער טרינקסטו קאַקאַאָ? דער סאַמאָוואר איז נאָך הייס.

ר ח ל (אין געדאַנקען). טיי?

ז ל א ט ע. ווילסט נאָך אפשר עפּיס עסען? אָט שטעהען פלעצלעך, ביים עפּיס דערווייל צו. וועסט עסען קאָטלעטען?

ר ח ל (ווי פריהער). עסען?

ז ל א ט ע. דו מוזט דאָך זיין גוט הונגעריג?

רחל. איך — הונגעריג? איך בין זאט, זעהר זאט. (פלוצ־לונג פרעהליך, אָבער מיט אַ געבראָכענעם טאָן.) איך קום דאָך ערסט פון מיינע קינדער! מען האָט דאָך דאָרטין געמאַכט אַ גאַנצע סעודה פאר מיר.

זלאטע. זאָלען אזוי לעבען מיינע שונאים!

רחל. דער סאמאָוואר איז גלייך געשטעלט געוואָרען, און דער טיש איז געגרייט געוואָרען מיט כל טוב, און וויין איז געגאָסען געוואָרען, און —

זאלקינד (וועלכער האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָבגענומען פון איהר קיין אויג). דרעהט אַ קאָפּ! (צו זלאַטע'ן.) מאַך איהר עפּים וואָס צו עסען.

רחל (מיט אַ נאָך מעהר ציטערדיגען קול). ווי הייסט, איך דרעה אַ קאָפּ? וואָלסט זעהן, וואָס פאר אַן אייניקעל איך האָב. ער האָט זיך אזוי דערפרעהט מיט מיר, מען האָט איהם אזויפיעל אָנגערעדט און אָנגעדערצעהלט פון מיר, אז ער האָט מיך נישט אויפגעהערט צו פרעגען: „וואו איז די באָבע רחל? וואו איז די באָבע רחל?“ (מיט קוים איינגעהאַלטענע טרערען.) זעהסט, הא?

זאלקינד (גיסט איהר אָן דערווייל אַ גלאָז טיי). מעשות.

רחל (ברעכט פלוצלונג אויס אין אַ געוויין).

זאלקינד. רחל! רחל!

זלאטע. רחל'ע! רחל'ע!

זאלקינד (צו זלאַטע'ן). ברייננ אַ גלאָז וואסער.

זלאטע (כאַפּט אַ גלאָז פון טיש, שטעלט עס צוריק אוועק, נעמט ארויס אַן אַנדערס פון שראַנק און לויפט ארויס, גאַנץ פערלאָרען).

זאלקינד. אָבער, רחל, שטארק דיך דאָך. האָסט דאָך פריער געוואוסט.

זלאטע (לויפט אריין מיט'ן גלאָז וואסער). נא, טו אַ טרונק וואסער.

רחל (וויינט ארויס). איך האָב שוין מעהר קיין קינדער נישט! איך האָב שוין מעהר קיין קינדער נישט!

זאלקינד. האָסט דאָך פריהער געוואוסט. נאַ, טו א טרונק וואסער.

רחל (זופּט אָב אַ ביסעל). איך האָב גאָרנישט געוואוסט. איצט וויים איך עס.

זאלקינד. וואָס האָסטו מיר פערשפּראָכען, האַ? אז דו וועסט דיר גאָרנישט אויסמאכען, ווי זיי וועלען דיך נישט אויפ־נעמען.

זלאטע. עס איז לייכט צו פערשפּרעכען.

רחל. איך האָב דיר פאַלש פערשפּראָכען. איך בין גע־וועזען אין הארצען זיכער, אז ווען זיי וועלען מיך דערזעהן, וועלען זיי זיך איבערבעטען. איך האָב מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלען, אז... אז... אָי, אברהם, איך האָב נישט מעהר קיין קינדער! — גאנצע זעקס יאָהר האָב איך געהאָפט, אז זיי וועלען זיך איבער־בעטען. עס האָט מיך פערדראָסען, עס האָט מיך געקרענקט, וואָס זיי זיינען ברוגז, אָבער איך האָב אַלץ געהאָפט. איצט איז אויס, אויס. איך האָב מיינע קינדער טאַקע פערלאָרען. אָי, קינדער, קינדער, קינדער.

זלאטע (ווישט זיך אויך די טרערען).

זאלקינד (געריהרט). אָבער בערוהיג דיך, רחל, מיר פאָהרען דאָך נאָך נישט אַוועק. מיר וועלען נאָך זעהן, איך וויים...

רחל. וואָס זעהן, ווען זעהן! עס איז אַלץ פערפאַלען. איך האָב שוין מעהר קיין קינדער נישט.

זאלקינד. טאָ דארפסטו דיך ערסט רעכט בערוהיגען. זיי פערדיענען נישט דיינע טרערען.

רחל. לאָז מיך בעוויינען מיינע געשטאָרבענע קינדער.

זלאטע (מיט שרעק). אָי, רבונו של עולם!

זאלקינד. דו וואָלסט נעמען אַ ביסעל ווייַן. דו האָסט נאָך היינט גאָרנישט געגעסען.

זלאטע. נאָך גאָרנישט אין מויל געהאַט?

זאלקינד. ווייַן אַ ביסעל האָט זי געטרונקען.

זלאטע. אוהום. געוואלט זיך אונטערגעבען קוראזש.

זאלקינד (זיפצט אָב). אך, יאָ. (מיט געבעט.) רחל...

רחל (ברעכט אויס אין פערצווייפלונג). אברהם, אברהם, גיב מיר אוועק מיינע קינדער! — איך לייג דאך דיר. איך וויל בע־ וויינען מיינע געשטאָרבענע קינדער און איך פערגעס אויף א מינוט נישט, אז זיי לעבען, אז עס קאָן עפּיס אזוינס געשעהן, אז איך וועל זיי באלד האלזען און קושען און בעשיטען זיי מיט די וואַ־ רימסטע לאסקעס, אז איך וועל שרייען פאר ענטציקונג, און מיין הארץ צורייסט זיך מיר פאר ביינקעניס. אָי, אברהם, גיב מיר אוועק מיינע קינדער!

זאלקינד. וואָס קאָן איך דאָ טאָן? ווילסט איך זאָל זיי געהן בעטען? וועל איך געהן. איך וועל פויזען פאר זיי אויף די קני, איך וועל זיי בעטען רחמים.

רחל (האַלט איין דאָס וויינען, קוקט איהם שאַרף אָן). דאָס וואָלסטו געטאָן?

זאלקינד. דארפסט נאָך פרעגען, רחל? ווען דו ווילסט, איך זאָל געהן...

רחל (ווישט זיך דאָס געזיכט, פאַסט זיך). דו, איך געה צו זיי ווידער!

זאלקינד. וואָס רעדסטו?

זלאטע. אָי, רבונו של עולם!

רחל (ריהרט זיך פון סאָפאַ). איך וועל אוועקגעהן צו זיי, און — און — — וואָס דו וואָלסט געקאָנט, וועל איך קאָנען! איך וועל פויזען פאר זיי אויף די קני, איך וועל זיי בעטען רחמים — עס מוז נעמען א סוף. איך קאָן נישט מעהר, איך קאָן נישט מעהר.

זאלקינד. איך ווייס נאָך נישט, וואָס צווישען דיר מיט זיי איז פאָרגעקומען, אָבער איך שטעל מיר שוין פאָר — ווילסטו נייע ערנידערונגען?

רחל. זאָל זיין! עס מוז נעמען א סוף.

זאלקינד. א סוף וואָלט שוין גוט געווען, אָבער...

רחל. איך וועל פון זיי נישט אָבשטעהן, איך וועל דאָרטין זיצען א טאָג און צוויי און דריי, ביז זיי וועלען זיך איבערבעטען.

זלאטע. אָי, א מאמע, א מאמע!

זאלקינד. רחל, דו וועסט דיך אומזיסט ערנידערינגען. ביזטו דען נאָך נישט איבערצייגט, אז דו וועסט זייער הארץ נישט ווייכער מאכען?

רחל. דאן האָב איך נאָך א מיטעל — איך צוגעה מיך מיט דיר!

זאלקינד. רחל, ווי קאָנסטו עס גאָר זאָגען?!

רחל. ווען דאָס וועט מוזען זיין, וועט עס מוזען זיין. איך האָב מיט דיר חתונה געהאט, אום נישט עלענד צו בלייבען, איצט בין איך אָבער טויזענד מאָל עלענדער.

זאלקינד. און איך?

רחל. זעהסטו דען נישט מיין הארץ? זעהסטו דען נישט, ווי ס'איז פערבלוטיגט? זעהסטו דען נישט, אז איך בין נישט איך, אז — וואָס וויים איך! איך מוז, איך קאָן נישט אנדערש. איך בין אנטלאָפען, ווייל מיין זוהן איז געגאנגען חתונה האָבען מיט דער דיענסטציוכעס טאָכטער. איך בין אנטלאָפען פון דעם גרויסען עקעל, וואָס די לייט האָבען מיר איינגעפּליסט. איצט וואָלט איך געלאָפען צו דער דיענסטציוכע אליין און וואָלט מיך געוואָרפען פאר איהר אויף די קני און וואָלט זי געבעטען טויזענד מאָל מחילה, אבי — — זעהסט דאָך —

זאלקינד (ווישט זיך די אויגען). געה, ווען דו מוזט.

רחל. איך מוז, איך מוז. (הערבט זיך פון אָרט און פאַלט צוריק.)

זאלקינד. רחל, וואָס איז מיט דיר?

זלאטע. אָי, ווי בלייך זי איז געוואָרען!

רחל. איך מוז, און די פיס ווילען מיך גאָרנישט טראָגען.

זאלקינד. נעם א ביסעל ווין. (גיסט אָן אַ ביסעל ווין.)

זלאטע. געדארפט עפּיס אָבעסען.

רחל. איהר ווייסט, קינדער, מיר איז גאָרנישט גוט. מיר איז עפּיס אזוי קאַלט.

זאלקינד. לעג דיך אוועק, וועסט דיך איינדעקען, וועסט טרינקען א גלעזעל ווארעמס.

זלאטע. איך ברייננג גלייך א קיסען. (לויפט ארויס.)

רחל (טרייסעלט זיך). אוי, איז מיר קאַלט...

זלאטע (לויפט אריין מיט א קיסען).

זאלקינד (וויל אויפהעבען רחל'ען די פיס אויף דער סאָפע).

רחל. ניין, טוט מיך אָן און פיהרט מיך אוועק צו די קינדער.

זלאטע. משוגע מיינע שונאים!

זאלקינד. אין אזא צושטאנד! מען וועט בעסער לויפען נאָך א דאָקטאָר.

רחל (טרייסעלט זיך). מיר איז זעהר שלעכט.

זאלקינד (לעגט זי אַוועק).

רחל (שטאַרקט זיך). ניין, איך וועל נישט ליעגען. פיהרט מיך אָב צו מיינע קינדער.

זלאטע. רוה דיך כאָטש אָב. קאָנסט נאָך בלייבען, מיינע שונאים, אויף דער דראָזשקע.

זאלקינד. טאקע, ווי פיהרט מען דיך גאָר אין אזא צושטאנד?

רחל (לאָזט אראָב די פיס). איהר ווילט נישט? איהר וועט מיך נישט אָבפיהרען? ווילט איהר, אז איך זאָל אליין אוועק?

זאלקינד. רחל, האָב אויף זיך רחמנות.

זלאטע. גאָט איז מיט דיר, רחל'ע, זעה, ווי דו זעהסט אויס.

רחל. אויף אַלע פיער וועל איך פויזען, מיט די לעצטע כחות וועל איך מיך רוקען און צו זיי וועל איך אוועק. (הערבט זיך אויף מיט ענערגיע, פאַלט אָבער גלייך צוריק.)

זאלקינד און זלאטע (דערשראָקען, עסק'ן זיך ארום איהר).

ר ח ל (צואווייגט זיך. מיט געבעט). פיהרט מיך אוועק צו די קינדער. האָט אויף מיר רחמנות!

זאַלקינד. דאָס טאָרען מיר נישט טאָן. אָבער איך וועל לויפען נאָך זיי.

ר ח ל. זיי וועלען נישט קומען.

זאַלקינד. ווילסט דו צו קינדער, וועלכע וועלען נישט קומען, ווען מען וועט זיי אָנזאָגען, אז די מאמע איז קראנק?

ר ח ל (פעסט). פיהר מיך אוועק צו מיינע קינדער.

זאַלקינד. איז גוט. אָבער פריהער וועל איך זיי גאהן רופען. ווען זיי וועלען נישט קומען, וועל איך דיך אָבפיהרען אהין.

ר ח ל. צו לאנג צו ווארטען.

זאַלקינד. אָבער דערפאר ווען זיי וועלען קומען, וועט דיין נחת זיין גרעסער.

ר ח ל. דאָס איז א גוטער געדאנק. — אָבער ווען זיי וועלען נישט קומען?

זאַלקינד (הארט). דיר איז דאָך אַלץ איינס. מיט נאָך איין ערנידערונג מעהר.

ר ח ל. דו ביזט גערעכט, געה נאָך זיי.

זאַלקינד (העבט אָן אָנצוטאָן זיך).

ר ח ל. וואָס וועסטו זיי זאָגען?

זאַלקינד. איך וועל זיי זאָגען, אז דו האָסט געוואָלט, מען זאָל דיך אָבפיהרען צו זיי, נאָר דו פיהלסט זיך אזוי שוואַך, אז מיר האָבען מורא געהאט, אז דו וועסט חס ושלום בלייבען אויף דער דראָזשקע.

ר ח ל. איז גוט.

זאַלקינד. דערווייל זאָלסטו דאָ עפּיס עסען און טרינקען. (געהט צו דער טיר.)

ר ח ל. ווארט, אברהם. דו זאָלסט זיי מעהר גאָרנישט זאָגען ווי דאָס, וואָס דו האָסט מיר איצט געזאָגט. זאָלסט זיי נישט מוסר'ן.

זאַלקינד. גוט.

רחל. זאָלסט זיך נישט וואַרפען ביי זיי צו די פיס, נישט בעטען זיך ביי זיי. ווען זיי וועלען זיך נישט גלייך אויפהעבען און געהן מיט דיר, זאָלסטו תיכף אוועקגעהן.

זאַלקינד. גוט.

רחל. וועסטו אזוי טאָן?

זאַלקינד (שטיל). גוט, רחל. (געהט אוועק.)

רחל. סאַר אַ גוטער ער איז!

(לייננגערע פּאַוזע.)

רחל (לעגט זיך אוועק).

זלאַטע (נעמט אונטערוואַרמען דעם סאַמאָוואר, ארויגוואַרפענדיג אין איהם הייסע קוילען, און גרייט־צו עפּיס צום עסען, זיפצענדיג אָפט). אָך־אָך־אָך. ווילסט אַ שטיקעל פלייש, רחל? אָדער וועסטו עפּיס צובייסען צום טיי?

רחל (ענטפערט נישט).

זלאַטע (זיפצט און ענטפערט זיך אליין). וואו וועט זי שוין דאָ עסען? (נעמט זיך פאַר איהר זאַק.)

(שווייגען.)

רחל. ווי מיינסטו, זלאַטע, וועלען זיי קומען?

זלאַטע. איך מיין, אַז זיי דאַרפען קומען. וואָס דען, זיי זאָלען נאָך נישט קומען?

רחל. איך רעכען אויך, אַז זיי וועלען קומען.

זלאַטע. אָך, הלואי, רבונו עולם!

(שווייגען.)

רחל. הערסט דאָך, זלאַטע, אַז איך בין ארויס פון זיי, האָב איך געהערט הינטער מיר אַ האַרציג אויסגעשריי: „אָ, ווי שלעכט פון איהם!“ איך וויים אָבער נישט, ווער האָט עס אויסגעשריען, צי מיין טאָכטער, צי די שנור. איך בין געוועזען עפּיס אזוי צודרעהט...

זלאַטע (זיפצט). עס האָט דאָרטען געמוזט גוט צוגעהן.

רחל. און מיין טאָכטער׳ס קול קען איך דאָך איצטער נישט.

זי האָט דאָך כמעט ווי נישט גערעדט. זי האָט זיך אַזוי דער־שראָקען, די אָרימינקע. — ווי מיינסטו, זלאַטע, ווער האָט עס געקאָנט אויסשרייען?

ז ל א ט ע. וואָס קאָן איך דיר דאָ זאָגען, רחל'ע?

ר ח ל. אַ, איך וואָלט דאָס אַזוי וועלען וויסען!

ז ל א ט ע. זיי וועלען קומען, וועסטו שוין וויסען.

ר ח ל. זאָלען זיי נאָר קומען, וועל איך שוין מעהר גאָרנישט וועלען וויסען. אָך, זאָלען זיי נאָר קומען! מיין הארץ דארף שוין אָן אָברוה. — זעקס יאָהר, זעקס יאָהר.

ז ל א ט ע (אָנגיסענדיג איהר דערוויייל אַ גלאָז טיי). אָך, רחל, רחל! איך וואָלט מיר געווינשט איבערלעבען אַזעלכע צוועלף יאָהר, אַבי נאָר האָבען אַ קינד. וואָס ווייסטו, וואָס איך שטעה מיך אויס מיין גאַנץ לעבען, שוין אָט פינף־און־צוואַנציג יאָהר נאָך מיין חתונה. דו וועסט שוין שלום ווערען מיט זיי, און איך וועל שוין שטארבען אַזוי פערוואָגעלט. — נאַ, וועסט טרינקען?

ר ח ל. האָסט איצט טייערע ווערטער געזאָגט, זלאַטע. ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ טרייסט עס ליגט אין זיי פאַר מיר. זאָלען זיי נאָר קומען, מיינע קינדערלעך, איך וועל זיי אַ וואָרט נישט דערמאָנען פון די גאַנצע זעקס ביטערע יאָהר. (זעצט זיך אויף, שטרעקט אויס די האַנד נאָך דעם גלאָז, די האַנד טרייסעלט זיך אָבער שטאַרק.)

ז ל א ט ע. לאָז, איך וועל דיר געבען.

ר ח ל (מאַכט אַ פּאָר זופּ). ניין, עס טרינקט זיך נישט.

ז ל א ט ע. דו מוזט דאָך אָבער.

ר ח ל. איך טראַכט אַליין, ווער האָט עס געקענט אויסשרייען: מיין טאָכטער, אָדער די פרעמדע?

ז ל א ט ע. זאָל דיר דוכטען, אַז די טאָכטער.

ר ח ל. ווייסט, מיר דוכט זיך עס שוין טאַקע. איך וואָלט שווערען, אַז דאָס איז געוועזען מיין טאָכטער, מיין סאָניטשקע. „אָ, ווי שלעכט פון איהם!“

זלאטע. ווייסט, וואס איך וואלט דיר גאר זאגען, איך וואלט שיקען נאך א דאקטאר. דו זעהסט מיר עפּיס אויס...

רחל. דאס הארץ א ביסעל. גיב א ביסעל ווין. (טרינקט אב א ביסעל.) אז זיי וועלען קומען, וועט עס זיין דער בעסטער דאקטאר. — ווייסט, איך בין שוין כמעט זיכער, אז דאס האט סאניטשקע אויסגעשריען.

זלאטע. ניין, רחל, איך וועל מוזען געהן א בעט טאן א שכנה, זי זאל רופען א דאקטאר.

רחל. מען דארף נישט, זלאטע. באלד וועט דאך קומען אברהם מיט די קינדער. — „א, ווי שלעכט פון איהם!" — סאניטשקע מיינע, טייערע מיינע, גאלדענע מיינע!

זלאטע. שא, עמיץ איז צוגעפאהרען. (איילט צו צום פענסטער.)

רחל (שרייט אויס). דאס זיינען זיי! דאס זיינען זיי!

זלאטע (ארויסקוקענדיג, מאכט מיט די הענד אין פערצווייפ־לונג, מיט א ציטערדיגען טאן). מען זעהט גארנישט. עס איז פינסטער. איך וועל ארויסגעהן א קוק טאן. (געהט ארויס.)

רחל. דאס זיינען זיי, דאס זיינען זיי! מיינע קינדערלעך, מיינע ליעבינקע! מישינקא! סאניטשקא! אי, מיינע, מיינע... אי! (פערוואַרפט דעם קאפּ.)

זאלקינד (קומט אריין, נידערגעשלאגען).

זלאטע (נאך איהם און ווישט זיך די אויגען).

זאלקינד. דערשרעק דיך נישט, רחל'ע. סאניא פיהלט זיך נישט גוט, און מישא איז נישט געוועזען אין דערהיים... — — איך האב געבראכט א דראזשקע, איך וועל דיך אוועקפיהרען... אי, רחל! וואס איז מיט דיר, רחל? אי, זי איז קאלט! אי, א דאקטאר אויף גיך, א דאקטאר!

זלאטע. אי, וועה מיר נישט! אי, וועה מיר נישט!

(פארהאנג)

גליקפערגעסענע

דראמא אין איין אקט

(7 דעצעמבער, 1904)

פערזאָנען:

פאניע סעגאל, אייגענטימערין פון אַ שניידעריי.

ליזע עהרליך, אַ מוזיקערין }
הינדעס, אַ לעהרער } וואוינען ביי איהר אין שכנות.

ערסטע }
צווייטע }
דריטע } ארבייטערינס
פיערטע }

דאָס ארבייטסצימער ביי פּאַניע סעגאַל. איין טיר לינקס פון פּוב־ליקום, אַ צווייטע אין הינטערגרונד. מעהר אין פאָרדערגרונד אַ גרויסער טיש, פערוואָרפען מיט ארבייטס־זאַכען; צוויי נעהמאַשינען פוןביידע זייטען טיש. ביי דער רעכטער האַנד אַ פליעגעל־שפּיעגעל, צום ווינקעל צו אַ גרויסע קאָמאָד. רעכטס פון דער הינטערגרונדטיר אַ גרויסער סטענדער, אָנגעהאַנגען מיט קליידער און מאַנטלען. לינקס פון דער־זעלבער טיר, אין ווינקעל, אַ קאַבעלנער קאַמין; נישט ווייט פון איהם צוויי פיגורען, מיט מאַנטלען אויף זיי; מעהר צום מיטען צימער אַ גרויסער לעדערנער פאָטערשטול. — אָוועגדס, עס ברענט פייער. צוויי מיידלעך זיצען ביים טיש, צוויי ביי די מאַשינען; זיי ארבייטען און זינגען:

אך, נאָך א טאָג אוועק,
און קירצער ווערט דאָס לעבען, —
וואָס האָסטו, טאָג, געבראכט,
וואָס האָסטו אונז געגעבען?

געארבייט האָבען מיר,
אוועקגעלעגט דעם כח;
פערגאָסען שוויים און בלוט,
געטריקענט מארך און מח...

וואָס האָבען מיר פון דעם?
ווערט אונזער נויט דען קלענער?
וועלכע האָפנונג האָבען מיר
אויף בעסער און אויף שענער?

ווי קאַלט איז אונז די וועלט
אָהן פרייד און אָהן געניסען!
וואָס האָבען מיר פון איהר?
דאָך נאָר דעם טרוק'נעם ביסען...

אַך, ס'בלייבט אונז נאָר איין טרייסט —
די האָסט אונז, טאָג, געגעבען:
דו ביזט, דו ביזט אוועק,
און קירצער בלייבט דאָס לעבען!

א שווער שווייגען הערשט, ווען דאָס זינגען הערט אויף, און תאלט אָן א קליינע ווײלע. די מאַשינען קלאַפּען שוואַך.

ערסטע ארבייטערין (ביי דער מאַשין). שטענדיג, ווען איך זינג דאָס ליעד, פיהל איך, אז עס געהט מיר אוים דאָס חיות.

צווייטע (ביים טיש). יא, טרויעריג ווי דעם ארביי־טער'ס לאַגע.

דריטע (ביי דער מאַשין): און שטענדיג, ווען עס קומט די צייט אוועקצולעגען די ארבייט, בעט עס זיך אויף די צונג.

פיערטע (ביים טיש): איך חידוש מיך שטענדיג, ווי האָט דאָס בערמאַן געקאָנט אָנשרייבען. ער איז דאָך קיין אר־בייטער נישט.

צווייטע: א דיכטער ווייס אלץ.

ערסטע. טאַקי, ווי קומט עס?

צווייטע: איהר האָט אָפט געקאָנט בעמערקען, ווי ער האָט אונז בעטראַכט מיט אזעלכע טרויעריגע אויגען. איך בין זיכער, אז אין יענע מאָמענטען האָט זיין הארץ איבערגעפיהלט די שווערע ארבייט און די ביטערע לאַגע פון אַן ארבייטער אפשר נאָך שטאַרקער ווי אַן ארבייטער אליין.

דריטע: ער מוז זיין זעהר א גוטער.

ערסטע. א גוטער צו א גוטער — א קלוגער איז ער א וודאי.

פיערטע: און איך זאָג, א קלוגער צו א קלוגער — א שיינער איז ער אודאי. אָי, א שיינער!

דריטע: זי האָט זיך דאָך אין איהם שיער נישט איינגעליעבט.

פיערטע: וואָס איז? מיין נשמה איז עפּעס א ראָזינקע? איך ווארט טאקי, ער זאָל שוין קומען צוריק פון פּעטערסבורג.

דריטע: פריילין סעגאַל האָט דאָס געדאַרפט הערען!

ערסטע. מיינט איהר, אז צווישען בערמאַנ'ען און פריילין סעגאַל איז עפּעס דאָ?

פיערטע: וואָס דען? איהר מיינט, ער פלעגט געהן אהער צוליעב אייך?

ערסטע (געררייצט). „צוליעב אייך!" דאָך נישט צוליעב אייך אויך.

פיערטע: האהאהאהאהא! זעהט, ווי זי האָט זיך אָנגעצונדען.

דריטע: אפשר צוליעב פריילין עהרליך?

פיערטע: חכמה, יענע האָט דאָך שוין לאַנג א חתן, דעם אינזשענער אראָנשטאם!

ערסטע. בערמאַן האָט דאָך אָבער אָנגעהויבען צו געהן אהער צוליעב הינדעס'ן.

פיערטע: און נישט אויפגעהערט צוליעב פריילין סעגאַל.

דריטע: און איהר ווייסט עס אזוי גענוי?

פיערטע: איך פערשטעה מיך שוין אויף אזעלכע זאכען.

דריטע: פון וואנען, צום ביישפּיעל?

פיערטע: פון וואנען? איך כאַפּ און דערצעהל אייך.

ערסטע: איהר האָט נישט וואָס.

פיערטע: אזוי אפילו? האהאהא! (זינגט.)

ביים עק טייכעל שטעהט א הייזעל —
ווייסט איהר, ווער דאָרט וואוינט?

ערסטע: דער קברות־מאַן.

פיערטע (זינגענדיג):

ניין! מיין ליעבסטער, יאַ, מיט וועלכען
נאַט האָט מיך בעלוינט!

דריטע: יאַ, אין ליעדעל שטעהט אזוי, אָבער — —

צוווייטע: אך, זאָל איך שוין זיין נענוג נארישקייטען צו רעדען.

ערסטע (זיפצט שווער אָב): ה־ה־ה, אך, יא, יא. (פויזע. עס ווערט פלויסיג געארבייט. — אַ זייגער שלאָגט אַכט.)

פיערטע (וואַרפט די ארבייט): קוים דערלעבט, דער זייגער זאָל שלאָגען. (ציהט זיך.) עס ברעכען אזוי די ביינער, אוי־א! — (די איבעריגע לעגען אויך אוועק די ארבייט.)

פאַניע (קומט אריין פון דער טיר לינקס, געהט צו צום טיש און בעקוקט אַן ארבייט. צו דער פיערטער): דאָס פעלטעל האָט געדארפט בעסער געמאכט ווערען. עס מאכט אָבער ניט אויס. איך וועל עס גלייך אליין אויסבעסערען. (ארבייט. די מיידלעך ברייגען זייערע האָר אין אָרדנונג, טוען זיך אָן: אָנטועענדיג זיך, אריינקוקענדיג אין שפיעגעל, זינגען זיי דאָס פאָלגענדע ליעד, נאַכלעסיג, ווי מיט א האלבען מויל.)

ערסטע: די אוהר שלאָגט אכט.

דריטע (דועט): די אוהר שלאָגט אכט!

צוווייטע (טריאָ): וואָס קאָן אונז בריינגען נאָך די נאכט?

אלע:

דער קערפער האָט קיין גאַנצעס גליעד,
און די נשמה ז׳מאט און מיד —
זי לעבצט נאָך שלאָף, זי לעבצט נאָך רוה...
וואו בלייבט די צייט צום לעבען, וואו?

(ווערליג זיי ענדיגען, קלינגעלט עס.)

פאניע (לויפט ארויס פון דער הינטערגרונד־טיר און קומט באַלד צוריק אריין מיט אַ בריעף אין די הענד. זי רייסט איהם נערוועז אויף און פערטיעפט זיך אין לייענען).

די ארבייטערינס: א גוטע נאכט, פרייליין סעגאַל!

פאניע (ענטפערט ניט גלייך, באלד רעדט זי ארויס גאַנץ מאַשינעל, אין אויפרעגונג): א גוטע נאכט אייך, מיידלעך!

די ארבייטערינס (בעטראַכטען זי, ווינקען זיך איבער און געהען ארויס). *)

פאניע (אין שטאַרקער אויפרעגונג, מיט אַ גליקליכען, לאַבענדיגען געזיכט, שרייט אויף פאר ענטציקונג): א־או! (פיהרט זיך מיט דער האַנד איבער דאָס געזיכט און דאָס האָר, קוקט אריין אין בריעף, שרייט ווידער אויף, אָטעמט שווער, קוקט ווידער אין בריעף און רעדט שווער ארויס:) דו, ליעבער, ליעבער! (פערזונקט אַ ווײַלע אין געדאנקען און באַלד העבט זי אָן צו רופען:) ליזע! ליזע! ליזע!

ליזע (קומט אריין אויסגעפוצט ווי צו אַ באַל, מאַכט איהר נאָך): וואָס איז? וואָס איז? וואָס איז?

פאניע: נא, לייען! אויף גיך! דאָס איז פון בערמאַנ'ען.

---

*) דער איינאַקטער קאָן אויך דאָ אָנגעהויבען ווערען. יעמאָלט געהט עס אַזוי:

דאָס ארבייטסצימער ביי פאַניע סעגאַל א. אַז. וו. — דאָס צימער איז לעדיג. אין אַן אַנדער צימער לינקס ווערט געשפּיעלט אויף אַ פּיאַנאָ. — עס קלינגעלט. פאַניע קומט אריין פון לינקס, געהט ארויס פון דער טיר אין דער הינטערוואַנד און קומט באַלד צוריק אריין מיט אַ בריעף אין די הענד. זי רייסט איהם אויף און פערטיעפט זיך אין לייענען. אין שטאַרקער אויפרעגונג, מיט אַ גליקליכען לאַבענדיגען געזיכט שרייט זי אויף פאַר ענטציקונג א. אַז. וו. ווען זי רופט אריין ליזע'ן, הערט אויף די מוזיק.

ליזע (נעמענדיג דעם בריעף): זעהסט, מיר האָבען ערשט גערעדט. אָנגענומען טאקי זיין דראמא? (קוקט אין בריעף.)

פאניע (קוקט איהר נאָך אין גרויסע אויפרעגונג).

ליזע (לייענדיג): אָ, פיין! אָ, פיין! (קערט איבער א זייטעל, לייענט ווייטער:) אַהו, דאָס איז דאָך אַן איינפאכע ערקלערונג אין ליעבע! פאניע, פאניטשקע!

פאניע (מיט אַ פון פרייד פערכאפטען אָטעם): האָסט דו עס אויך אזוי פערשטאנען?

ליזע (אַרויגקוקענדיג אַלץ אין בריעף): ווי קאָן מען דען אנדערש פערשטעהן? (קלייבט זיך צו צו לייענען אויפ'ן קול.) אַהום... (לייענט הויך מיט אַ געוויסער פייערליכקייט.) „מיין דראמא איז אָנגענומען געוואָרען און וועט געשפיעלט ווערען נאָך היינטיגען ווינטער. די בעדינגונגען זיינען אויסגעצייכענטע און דער דירעקטאָר פערשפּרעכט מיר א גרויסען ערפאָלג און פארביינגעהענדיג א גרויסען נאָמען.“ (לייענט אונטער דער נאָז, דורכלאָזענדיג עפּעס, און באַלד ווידער הויך.) „אך, איהר האָט מיך געדארפט יעצט זעהן — איך האָב מיך אזוי צוזונגען און צוטאנצט, אז עס וועט זיין א וואונדער, אויב מען וועט מיך נישט משלח זיין פון דער דירה. איך פיהל מיך אזוי שטארק. שאפען, שאפען, שאפען!“ (לייענט ווידער אונטער דער נאָז און גלייך מיט נאָך א גרעסערער פייערליכקייט און אַ געוויסער וויכטיקייט.) „און, נון, האָף איך, וועלען זיך אָנהעבען ביי אונז גוטע טעג און אויף אַזא אופן, וועלכער קאָן אייך נישט גלייכגילטיג זיין.“ (הערט אויף צו לייענען.) דאָס זיינען אַביסעל פערשטעלטע אָבער דאָך גאנץ קלאָרע דיבורים. (מיט ליעבע און לאַסקע, איבערגעבענדיג פאַניע'ן דעם בריעף.) צווייפעלסטו נאָך, דו גליקליכע? דו טייערע פאניטשקע מיינע! (נעמט זי ארום.) אך, דו... (קושט זי שטארק.)

פאניע: האָסטו אויך אזוי פערשטאנען? (אָטעמט פּלוצלונג ארויס, אויפצוקענדיג מיט'ן גאנצען קערפּער:) אהה! (פערדעקט זיך דאָס געזיכט מיט'ן בריעף, דריקט איהם צו די ליפּען און

אָטעמט שווער. באַלד נעמט זי אַרויס דאָס טאַשענטיכעל פון דעם רעכטען ארבעל און טראָגט עס צו די אויגען.)

ליזע (געריהרט, האלטענדיג זי מיט ביידע הענד ארום דער טאַליע): פאניטשקע מיינע! (דריקט זיך צו איהר.) אך, ווי איך פרעה מיך! דו, טייערינקע מיינע! (פערטרוימט.) איך ווייס שוין, ווי איך וועל היינט שפּיעלען ביי די גרינבערגס. מיין גאנצע נשמה וועל איך אריינלעגען, און דאָס וועט זיין די לוסטיגסטע, לאכענדיגסטע נשמה, וועלכע האָט ווען עס איז געלעבט אויף דער וועלט.

פאניע (בויגט זיך אראָב און קוסט זי אויפ'ן קאָפּ): דו, גוטע מיינע!

ליזע: אה, מיין חלום איז ענדליך מקוים געוואָרען!

פאניע (לאָזט זיך אַראָב אויף דער קרעסלאָ): דיין חלום?

ליזע (כאַפּט פון טיש אַ שטיקעל מאַטעריע, שפּרייט עס אוים אויף דער פּאָדלאָגע און לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני פאר פאַניען): הערסט דאָך. איך האָב געטרוימט פאר דיר א העלד, פאר וועלכען עס זאָל זיך וועלען אראָבנעמען דאָס היטעל, נישט קענענדיג איהם אפילו. א זיעגעסמארש האָב איך געטרוימט פאר דיר, פולע, שטארקע טענער. אַן אויסנאַם־מענש, אַן איבערמענש, ווי דו נאָר אליין פערדיענסט איהם.

פאניע: ששש, רעד נישט אזוי.

ליזע: ניין, ניין, דאָס וועסטו ביי מיר נישט אוועקנעמען. כל זמן איך וועל לעבען, וועל איך נישט אויפהערען צו בעוואונדערען דיך. איך ווייס נישט, צו וועל איך געפינען א סך שוועסטער, וועלכע זאָלען ארויסטרעטען פון גימנאזיום, אָבזאָגען זיך פון זייערע אידעאלען און שטרעבונגען און אוועק צו א שניידערין, אום צו קאָנען פערזאָרגען זייער איננערע שוועסטער. דו האָסט דאָך אויף זיך נישט געקוקט, וועגען דיר נישט געטראכט און געארבייט שווער און ביטער, צו מאכען פון דיין שוועסטער

א מענש. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אָפּט בין איך געוועזען דיין שוועסטער א גרויסער שונא.

פאניע (ווייך): ביזט א שלעכטע.

ליזע: איך האָב ניט געקאָנט צוזעהן, ווי דו ארבייטעסט דיך אָב.

פאניע: איך בין אָבער געוועזען דערביי גליקליך, גע־פיהלט זיך ווי קיין צווייטע און יעצט איז צו מיר קיין גלייכען ניטאָ, ווען איך זעה זי זעלבסטשטענדיג מיט א גרויסער צוקונפט פאר זיך אלס בעריהמטע מאלערין.

ליזע: אזא מין גליקליך זיין איז מיר נישט געפעלען. זעהסטו, איך בין שוין צו עגאָאיסטיש. איך האָב געוואָלט פאר דיר אן אנדער גליק און בעפריעדיגונג. דאָס גליק פון ווייב זיין, פון מוטער זיין, פון געליעבטע און ליעבענדע.

פאניע (טרוימעריש): איך האָב מיך געוועזען אָבגע־לערנט צו זעהן אין דער ליעבע און אין דעם פאמיליענלעבען דאָס איינציגע גליק.

ליזע: דו, אָרמע!

פאניע: ווען די מאמע איז געשטאָרבען, איז מיר מיין וועג געוועזען קלאָר: זיין מיין מיט אַבט יאָהר אינגערער שוועס־טער אָנשטאָט א טאטען און אָנשטאָט א מאמען. דאָס ציעל איז מיר געוועזען גרויס און הייליג און איך האָב וועגען נאָר נישט אנדערס געטראכט. נור אין די ערסטע צוואנציגער יאָהרען — אזוי צווישען צוויי און צוואנציג און פינף און צוואנציג — איז אויף מיר אָנגעפאלען א ביינקענים נאָך עטוואָס אנדערס. נישט ווייל זי איז מיר חס ושלום צו שווער געוואָרען, אָבער איך האָב געוואָלט עטוואָס מעהר, א פולערעס לעבען, גליק און — און — ליעבע. דאמאָלס פלעג איך אָפט וויינען, נאס מאכען די קיסען מיט מיינע טרערען, און בין געוועזען זעהר אונגליקליך. און דאמאָלס פלעג איך אָפט אזוי בייז זיין. — זעהסט, איך בין נאָר קיין הייליגע נישט געוועזען.

ליזע (ציהט אראב פאניע'ס קאפ צו זיך און קושט זי): דו, דו, דו!...

פאניע: אבער שפעטער איז עס אוועק פון מיר, ווי מיט די הענד אבגענומען. אלגא איז עלטער געווארען, איהר טאלאנט האט זיך אנגעהויבען אלץ מעהר ארויסצואווייזען. דאן האב איך מיך אין גאנצען פערגעסען, און זי איז ווידער געווארען מיין גאנץ לעבען.

ליזע: און דאס איז אלץ?

פאניע: וואס נאך מעהר? אמת, ווען אלגא איז אוועק־געפאהרען אין פעטערסבורג, איז ארויס פון אונטער מיין רשות און איך בין געבליעבען אליין, האט ווידער אויפגעוואכט אין מיר די אלטע בייִנקענים. אבער איך האב מיר געזאגט, אז אין מיינע יאהרען קאן איך שוין נישט ווארטען אויף גליק און ליעבע — אויף דאס גליק אין דער ליעבע, און איך האב מיר אנגעטאן א כח אויף ארויסצורייסען, אויסצואווארצלען פון מיין הארצען יעדע בייִנקענים. איך האב מיר געזאגט, מיין צוועק אין לעבען האב איך שוין דערגרייכט — איך האב אן אונבעהאלפען קינד ארויסגעהאלפען אין לעבען און געשטעלט אויף די פיס — —

ליזע: אבער דו האסט דאך געליעבט בערמאנ'ען?

פאניע: יא, איך האב איהם געליעבט די גאנצע צייט, אבער איך האב בעקעמפפט אין מיר דאס געפיהל. דאס לעבען האט מיך אויסגעלערנט צו בעצווינגען און אונטערצודריקען מיינע פערלאנגען. איך האב מיר געזאגט, ער איז צו הויך פאר מיר —

ליזע: פאר דיר צו הויך?

פאניע: און איך בין צו אבגעלעבט פאר איהם. און דאן האב איך מיר געזאגט, אז זיינע טעגליכע בעזוכען זיינען צופעליגע, געהערען נישט מיר, נאר זיין בעסטען פריינד און שוועסטערקינד הינדעס'ען, וועלכער וואוינט צופעליג ביי מיר.

ליזע: אבער ווי אזוי האסטו גאר נישט ארויסגעפיהלט,

אז ער איז צו דיר נישט גלייכגילטיג? אין זיינע אויגען האָסטו עס דאָך געדארפט ארויסלייענען!

פאניע (שמייכעלט): זעהסט דאָך! — און אפשר איז עס דערפאר, וואָס איך האָב געטריעבען פון מיר יעדען געדאנק וועגען ליעבע. איך האָב מיך געוואָלט איינשמועסען, אז איך בין שוין אן אָבגעדארט צווייגעל אויף דעם בוים פון לעבען — —

ליזע (שפּרינגט אויף): אָ, ווי דו האָסט געזינדיגט נעגען דיר!

פאניע (שטעהט אויך אויף): אָבער יעצט איז ווידער זאפט און קראפט אין מיר, יעצט בין איך ווידער יונג. — אך, לעבען, לעבען! — לעבען און געניסען דאָס לעבען, טרינקען עס מיט'ן פולען אָטעם, פיהלען עס מיט יעדען פולס־קלאפּ — אך, ליזע! דו שפּיעל מיר יעצט א זיעגעסמארש, א פריידענליעד, א יובעלגעזאנג...

ליזע: אז די וועגד זאָלען טאנצען און די הימלען זאָלען צוזינגען. (לאָזט זיך צו דער טיר לינקס, זינגענדיג): „פרוידע, שיינער געטערפונקען, טאָכטער אאוס עליזיום, וויר בעטרעטען...“ (בלייבט שטעהן.) שא, הינדעס געהט! (הערט זיך צו.)

פאניע (וועלכע איז געשטאַנען אין א פערציקונג, גיט זיך א טרייסעל מיט'ן גאַנצען קערפּער און טראָגט צו דעם פינגער צו דער נאָז, ארויסשעפּציענדיג): זאָג איהם גאָר נישט.

ליזע: ניין, ער מוז עס וויסען, ער מוז זיך אויך פרעהען. אויב ער האָט דיך ווירקליך ליעב, מוז ער זיך פרעהען. און דאן זאָל ער איינמאָל פאר אלע מאָל ארויסשלאָגען דיך פון קאָפּ.

פאניע: זיי דאָך נישט אזוי שלעכט.

ליזע: אי, נעה!... הינדעס! הינדעס!

פאניע: דו דארפסט דאָך שוין געהן צו די גרינבערגס.

ליזע: איך האָב נאָך אביסעל צייט... הינדעס! הינדעס!

הינדעס (בעוויזט זיך אין דער הינטערגרונדטיר. אין

ברילען, אונטער דעם לינקען אָרם אַ קוליע, אונטער דעם רעכטען ביכער און אין די הענד פּאַפּירענע זעקלעך מיט עסענוואַרג).

פּאַניע (גנב'עט זיך ארויס פון דער טיר לינקס).

הינדעס: גוט אָוונד. וואָס איז דער מער?

ליזע: אויף גיך אהער! פּאַ — —

הינדעס: וועט מיר אפשר ערלויבט זיין אריינצוטראָגען די פּעקלעך אין מיין צימער?

ליזע: אָבער א האָר אויך נישט! פּאניע — —

הינדעס (נעמט ארויס פון איין זעקעל אַן עפּעל): טיק נאַט אייך אַן עפּעל.

ליזע (נישט נעמענדיג דעם עפּעל): אך! לאָזט דאָך אויס־רעדען! פּאַ — —

הינדעס: וועט מיר אפשר ערלויבט זיין צוצוזעצען זיך?

ליזע (שרייט אויס): פּאניע האָט ערהאלטען אַ בריעף פון בערמאַנ'ען!

הינדעס (צוזעצענדיג זיך): אז מען האָט אָנגענומען זיין דראמא. איך האָב אויך ערהאלטען אַ בריעף פון בערמאַנ'ען.

ליזע: דאָס איז גאָר נישט. דער עיקר איז, ער מאכט איהר אזוי גוט ווי אן אנטראג.

הינדעס (העכסט פערוואונדערט): אזוי גוט ווי אן אנ־טראג? פּאניע'ן?

ליזע: יא. און אז פאניע וועט ארויסקומען, זאָלט איהר איהר אָבגעבען א רעכט פריינדליכען מזל־טוב און איהר זאָלט קיין ענאַאי... (פערכאַפּט זיך.) הם, איך האָב שיער נישט געזאָגט קיין נארישקייט. — אך, איך בין אזוי פול מיט פרייד, אז איך וואָלט געוואָלט, אז די גאנצע וועלט זאָל זיך פרעהען. הערט איהר, איהר זאָלט איהר העלפען פרעהען זיך, הערט איהר? און יעצט האָט מיר א גוטען אָוונד, איך מוז שוין לויפען צו די גרינבערגס. (לאָזט זיך צו דער טיר לינקס, זינגט:) „פּרווידע, שיינער געטער־פונקען...“

ה י נ ד ע ס (רופט איהר נאָך): אָבער צום טייפעל! פּריוויליין עהרליך!

ל י ז ע (אין טיר): איך האָב יעצט צום טייפעל קיין איין מינוט צייט נישט. (פערשווינדט.)

ה י נ ד ע ס (שטויסט ארויס אַ בייזען טאָן, וואַרפט אויף דר'ערד זיין קוליע, לעגט אוועק ביים שטול זיינע ביכער מיט די זעקלעך און ברומט אונטער): וואָס איז דאָס פאַר א לצנות! (נעמט ארויס פון בוזים־קעשענע אַ בריעף און קוקט אַריין, קוקט איבער איין זייט און די צווייטע, דאן ווידער די ערסטע, דאן ווידער די צווייטע, שטויסט ווידער אַרויס זיין בייזען טאָן, שפּאַרט זיך אָן אויף זיין האַנד, וועלכע איז אָנגעלעגט אויף דאָס קני, און קוקט פאַר זיך מיט'ן בליק פון נישט־בעגרייפען עפּעס.)

פ א נ י ע (קומט אריין, גאַנץ פערלעגען): גוטען אָוועגד, הינדעס!

ה י נ ד ע ס (ברומט אָב, נישט ענדערנדיג זיין פּאָזע): גוט אָוועגד!

פ אַ נ י ע (וואַרפט אויף איהם אַ פערלעגענהייטס־בליק און הערט אָן צו בעשעפטיגען זיך מיט די מאנטלען, וועלכע הייגגען אויף די פיגורען).

ה י נ ד ע ס (ענדערט ניט זיין פּאָזע און קלאַפּט אונטער מיט'ן פוס, באלד הערט ער אויף צו קלאַפּען און זאַגט, נישט קוקענדיג אויף פאַניען): פריילין סעגאל, וועט מיר ערלויבט זיין אריינצוקוקען אין בערמאַן'ס בריעף?

פ א נ י ע (לאַכט אָב פערלעגען): דאָס איז אביסעל אינדיסקרעט — נישט זעהר מעשה קאַוואַליער.

ה י נ ד ע ס (אין דער זעלבער פּאָזע און דעם זעלבען טאָן): וועט מיר ערלויבט זיין אריינצוקוקען אין בערמאַן'ס בריעף?

פ אַ נ י ע (פערלעגען לאַכענדיג, וואַרפט איהם צו דעם בריעף, וועלכען זי האָט געהאלטען אין אַרבעל): קוקט אריין, אויב איהר ווילט זיך אזוי.

הינדעס (בויגט זיך לאַנגזאַם איין, דערלאַנגט דעם בריעף, צוהיפּקענדיג צו איהם, זעצט זיך צוריק און קוקט אריין. באַלד ברומט ער אָב): הם, זאָ! (לאָזט אַראָב דעם בריעף אויף דאָס קני, שטעלט ווידער אָן דעם בליק אין דער ווייט, טרייסעלט נערוועז מיט׳ן פוס און ברומט אונטער ווי פאַר זיך.) אזא אידיאָט צו זיין!

פאַניע (קוקט איהם ערשטוינט אָן).

הינדעס (שטילער אַביסעל): אזא אידיאָט צו זיין!

פאַניע (מיט דעם פערלעגענהייטס-לאַכען): ווער?

הינדעס: נישט איך. (הערבט אויף זיין קוליע מיט די ביבער און זעקלעך, שטעהט אויף און טראָגט צו צו פאַניען דעם בריעף.)

פאַניע (ווייך, מיט געבעט): הינדעס, זייט דאָך נישט אזוי אָנגערוקט. איהר מאכט מיך גאנץ טרויעריג.

הינדעס: איך געה צי מיר אין צימער, וועט איהר מיך נישט זעהן.

פאַניע (ווי פריער): רעדט נישט צו מיר אזוי, הינדעס. זייט מיר מיין גוטער פריינד, ווי שטענדיג. (שטילער און פערלעגענער.) און זייט גוט צו בערמאַנ׳ען. איהר ווייסט דאָך, צווישען אונז, צווישען אייך און מיר, האָט דאָך סיי ווי סיי גאָר נישט געקאָנט זיין.

הינדעס: דאָס דארפט איהר מיר נישט זאָגען. איך וויים, וואָס איך וויים און האָב צו אייך גאָר נישט.

פאַניע: היינט וואָס זייט איהר אזוי אָנגערוקט און צירעלט זיך?

הינדעס: ווייל...

פאַניע: נו, ווייל?

הינדעס (שלאָגענדיג זיך מיט דער דעה, שטורעמט אַרויס): ווייל אין כעס בין איך! שרייבט דער מענש אזא אונפערשטענדליכען, צווײדייטיגען, העכסט אומגעלומפּערטען זאַץ און פערקאָכט א גאנצע קאשע.

פאַניע: וואָס מיינט איהר דערמיט?

הינדעס (וואַרם): פרייליין סעגאל, איהר ווייסט, וועלכע געפיהלען איך טראָג צו אייך, און איהר ווייסט, אז איך ווינש אייך אַל דאָס בעסטע, און איך פערזיכער אייך, אַז איך וואָלט גאנץ טיעף אין מיר פערגראָבען מיין וועהטאָג און מיין בייַנקעניס און וואָלט זיך געפרעהט פון גאנצען הארצען, ווען עס וואָלט געוועזען אזוי, ווי איהר האָט פערשטאנען בערמאן׳ס בריעף.

פאניע: ווי איך האָב פערשטאנען בערמאן׳ס בריעף?

הינדעס: און וואָס מיך מאכט וויטענד און פערצווייפעלט, איז אז אייך גראד האָט עס געראפט טרעפען און איך זאָל מוזען דאָ זיין דער אָפעראטאָר, אויף אראָבצונעמען די בעלמע פון אייערע אויגען.

פאניע (העכסט אויפגערעגט): רעדט אָהן משלים. ענדיגט אייער ארבייט, דערשניידט, אז איהר האָט שוין אָנגעהויבען צו שניידען.

הינדעס (קוקט נישט אויף איהר און רעדט ארויס אָנגערוקט): בערמאן האָט געמיינט נישט אייך.

פאניע: נישט מיך?!

הינדעס: נישט אייך. נאָר אייער שוועסטער.

פאניע (שרייט אויף): אָה!

הינדעס: ער שרייבט מיר, אז די בעגעגנונג מיט אָלגא׳ן איז איהם געוועזען, ווי ער וואָלט די שכינה ענטדעקט, אז ביסלעכווייז איז ער אָנגעצונדען געוואָרען פון א פייערדיגער ליעבע און האָפט, אז די ליעבע איז געגענזייטיג, אז...

פאניע (פאַלט אויף אַ שטול מיט׳ן געזיכט אויפ׳ן טיש און ברעכט אויס אין אַ יאָמער): אלץ האָט זי ביי מיר אוועקגענומען! (אין העכסטער פערצווייפלונג, מיט געשרייען פון טיעפען הארצען, ווארפט זי ארויף די הענד אויפ׳ן קאָפּ און הערט זיך אָן צו צופּען דאָס האָר.)

הינדעס (לאָזט אראָב די ביכער מיט די פעקלעך אויף דער פּאָדלאָגע, הינקט צו צו פאַניען און נעמט אַראָב איהרע הענד פון קאָפּ):

איהר זייט בערעכטיגט צו וויינען, אָבער נישט אָנצוטאָן זיך א לייד.

פ א נ י ע (היסטעריש): אלץ האָט זי ביי מיר אוועק־גענומען! מיין שטרעבען צום לערנען, מיין יוגענד, מיינע בעסטע האָפנונגען, און יעצט...

ה י נ ד ע ס: און יעצט? — גאָרנישט. בערמאָן האָט אייך, ווי איהר זעהט, גאָר נישט געליעבט. ווען נישט דער אונ־גליקליכער, צווייזייטיגער, העכסט אונגעלומפערטער, איינפאך אידיאָטסקער זאץ...

פ א נ י ע (שטיל): הינדעס, איך פיהל, אז איך וויל נישט מעהר לעבען.

ה י נ ד ע ס: אונזין.

פ א נ י ע: איך פיהל, אז אין הארצען איז מיר געוואָרען א לאָך, עס איז מיר פוסט און וויסט ביי דער נשמה. ווי אַן אָבגרונד וואָלט זיך אויפגעעפענט פאר מיר... צו וואָס זאָל איך נאָך לעבען? איך קאָן נישט מעהר לעבען!

ה י נ ד ע ס: אונזין! אונזין!

פ א נ י ע: איך האָב מיין לעבען שוין אָבגעלעבט...

ה י נ ד ע ס: טיא!

פ א נ י ע (פערוואַרפט דעם קאָפּ אויף דאָס ווענטעל פון דעם שטול. הארט): איך וויים, וואָס איך רעד, און וויים, וואָס איך האָב צו טאָן.

שווייגען.

ה י נ ד ע ס (די גאַנצע צייט אָנקוקענדיג זי מיט א שאַרפען בליק, גראָב): איהר טראַכט יעצט, וועלכען טויט צו מאכען זיך?

פ א נ י ע (גיט זיך ניט קיין ריהר).

שווייגען.

ה י נ ד ע ס (זעצט זיך): איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה. א מאָל איז געוועזען א מאַן, וועלכער איז — נישט דורך פערצווייפלונג און אונגליק, נאָר דורך וואוילטאָג און פערגניגען

געקומען צום בעשלוס, אז דאָס לעבען איז נישט ווערט געלעבט צו ווערען, און ער איז אַוועקגעגאַנגען קויפען זיך א רעוואָלווער. ווי ער נעהמט אַזוי, האָט אויסגעבראָכען אין גאס א שרפה. א פייער־שטאָקינג הויז האָט זיך אָנגעצונדען און איז אין איין אויגענ־בליק געשטאַנען אין פלאַמען. פלוצלונג האָט זיך אין איינעם פון די פענסטער פון דעם אויבערסטען שטאָק בעוויזען א פרויען־פיגור. די פייערלייט האָבען צוגעשטעלט די העכסטע לייטער, און א מאַן האָט אָנגעהויבען צו קלעטערען אויף איהר. דאָס איז געוועזען אונזער זעלבסטמאָרד־קאַנדידאַט. ער האָט ארויסגע־נומען די פרוי פון פענסטער, איבערגעגעבען זי צו די פייערלייט, וועלכע זיינען נאָכגעקראָכען נאָך איהם, און אליין איז ער אריין דורך דאָס פענסטער אין דאָס הויז. דער ארומשטעהענדיגער עולם האָט געאויקעט אין געאיקעט, ווארטענדיג יעדע מינוט, אז דאָס הויז וועט איינפאַלען. דאָס פייער האָט אָנגעהויבען צו זעצען פון די אויבערסטע פענסטער, און באַלד איז מען געווען זיכער, אז ער איז אומגעקומען אין די פלאַמען. אָבער ער איז נישט אומגעקומען. ער איז ערשיענען אויפ'ן דאך מיט א קליין קינד אויף די הענד. די לייטער האָט אַזוי הויך נישט דערלאַנגט, און די פייערלייט האָבען איהם צוגעוואָרפען א שטריק. ער האָט ארומגעבונדען דאָס קינד און אראָבגעלאָזט עס צו די פייערלייט. פאַר איהם אליין אָבער איז קיין רעטונג נישט געוועזען. ער האָט צונויפגעלעגט די הענד אויפ'ן הארצען, און פון זיינע אויגען האָבען זיך געקייקעלט טרערען. ער, דער זעלבסטמאָרד־קאַנדי־דאַט, האָט נישט געוואָלט שטאַרבען. ער האָט געוואָלט לעבען, ווייל אין דעם מאָמענט האָט ער געפונען א ציעל: לעבען און גוטס טאָן.

פאַניע (בייז): גוטס טאָן! גוטס טאָן! איך בין שוין מיד פון גוטס טאָן!

הינדעס: זינדיגט ניט געגען אייך אליין, פאַניע!

פאַניע: גוטס טאָן! איך האָב געטאָן גוטס, איך האָב

געלעבט נישט פאר מיר, און אָט זעהט איהר דאָך, אז איך האָב מיין לעבען נישט אויסגעפילט. איך פיהל מיך יעצט עלענד, ווי די עלענדסטע, ווי די שלעכטעסטע, און איך בוינק נאָך דעם טויט, ווי די אונגליקליכסטע.

הינדעס (בעטראכט זי פון אונטער די ברילען): ווייס אָלגא פון אייערע געפיהלען צו בערמאַנ׳ען?

פאניע (בייז): איך ווייס נישט, וואָס זי ווייס.

הינדעס: קאָנט איהר מיר נישט געבען אן אנשטענדיגען ענטפער?

פאניע: וואָס ווייס איך, וואָס? איך פלעג איהר שרייבען גאנץ בעגייסטערטע בריעף איבער איהם.

הינדעס: האָט אָלגא געקאָנט דרינגען פון זיי, אז איהר זייט צו איהם נישט גלייכגילטיג?

פאניע: וואָס פרעגט איהר עפּעס ווי א סליעדאָוואטעל?

הינדעס: ווייל איך טראכט, אז אויב איהר זאָלט טאָן דאָס, וואָס אייך ווילט זיך יעצט אזוי און וואָס איך וויל גאָר פון מיין מויל ניט ארויסרעדען, וועט אָלגא נישט נאָר נישט אָננעמען בערמאַנ׳ס ליעבע, נאָר זי וועט זיך אליין נעמען דאָס לעבען, קוקענדיג אויף זיך, ווי אויף די אורזאכע פון אייער טויט.

פאניע: וואָס האָט איהר דאָ צוזאמענגערעדט?

הינדעס: וואָס איהר האָט געהערט.

פאניע: מיינט איהר...?

הינדעס: איהר קענט אייער שוועסטער און דארפט וויסען, וואָס זי וועט טאָן.

פאניע (ברעכט ווידער אויס אין א געוויין): פריער האָט זי ביי מיר צוגענומען דאָס לעבען, יעצט לאָזט זי מיך נישט שטארבען! (לעגט אַוועק דעם קאָפּ אויפ׳ן טיש.)

הינדעס: דאָס איז שוין א טאָן פון דער אלטער פאניע.

פאניע (וויינט ביטערליך).

הינדעס: וויינען וועל איך אייך לאָזען. וויינט א סך,

אזוי לאנג ווי איהר האָט נאָך טרערען. אָבער דאן זאָלט איהר איך גוט אויסטריקענען די אויגען און מעהר קיינמאָל נישט וויינען. אויסטריקענען אויף אייביג די גאנצע קוואַל פון טרערען, פערשטעהט איהר מיך. איך האָב דאָס געטאָן. אזעלכע מענשען, ווי איהר און איך, אויסגעשלאָסענע פון פערזענליכען גליק, דארפען אָדער נישט אויפהערען צו וויינען אָדער קיינמאָל נישט וויינען. איך האָב אויסגעקליבען דאָס לעצטע. פערהארטעוועט אייך, פאניע, און דאן לעגט צונויף די הענד אויף דער ברוסט און קוקט רוהיג אין לעבען אריין און פילט עס אויס, ווי אייער הארץ הייסט אייך.

פ א נ י ע (וויינט נאָך אַלץ).

ה י נ ד ע ס (בעמערקט דערווייל בערמאַן'ס בריעף אויפ'ן טיש, נעמט איהם אויף און גיט איהם צוריק אַ שמיץ): אזא אונגעלומפערטער, אזא אידיאָטסקער זאץ! און דאָס איז נאָך א דיכטער!

פ א נ י ע (העבט אויף דעם קאָפּ): אויף אזא אופן וועט זיך דאָך אָלגא סיי ווי סיי אָבזאָגען פון בערמאנ'ען. זי וועט מיינען, אז זי נעמט איהם אָב פון מיר, און דאָס וועט זי נישט וועלען.

ה י נ ד ע ס: מעגליך. (פלוצלונג הארט.) וואָס וועט אָבער איך ארויסקומען דערפון?

פ א נ י ע (געבראָכען): איך טראכט נישט וועגען זיך. איך מיין זי. איך וויל, זי זאָל איהם האָבען.

ה י נ ד ע ס: וויעדער די אַלטע פאניע!

פ א נ י ע: אך, הערט אויף מיט דעם! גיט בעסער אן עצה.

ה י נ ד ע ס: אן עצה? זייט איהר שרכנ'טע.

פ א נ י ע: און ווען זי וועט וועלען מאכען פערקערט און זיין מיין שרכנ'טע?

ה י נ ד ע ס: דארף מען טראכטען.

שווייגען.

פ א נ י ע (געבראָכען): הינדעס!

הינדעס: וואָס?

פאַניע: איך האָב אַן עצה.

הינדעס: איז גוט.

פאַניע: איך דאַרף אייער הילף.

הינדעס: אויב איך קאָן, וועל איך העלפען.

פאַניע: זאָגט איהר צו?

הינדעס: בלינדערהייט?

פאַניע: בלינדערהייט.

הינדעס (בעטראַכט זי): פאַר וואָס מוז איך אייך צו־זאָגען בלינדערהייט? אויב איך קאָן, וועל איך העלפען.

פאַניע (געבראָכען און פערלעגען): נעמט מיך... האָט מיט מיר חתונה.

הינדעס (קוקט זי אַ ווײַלע אָן, דאַן הערבט ער אויף זיין קוליע מיט זיינע ביכער און פעקלעך).

פאַניע (מיט געבעט): הינדעס! ווען איך וועל זיין פער־הייראַט, וועט אָלגאַ קיין שום מניעה נישט האָבען.

הינדעס: פרייליין סעגאַל, איך האָב אייך געליעבט און ליעב אייך, אָבער איך וויל נישט זיין דער מזבח, אויף וועלכען איהר זאָלט אייך מקריב זיין.

פאַניע: איהר האָט מיך ערסט אָבגערעדט פון טויט, ווילט איהר מיך יעצט ווידער טרייבען צו איהם?

הינדעס: אייער שוועסטער וועט קאָנען זיין גליקליך אָהן בערמאַנ׳ען.

פאַניע: אָבער, ווען זי ליעבט איהם?

הינדעס: וועט זי ליידען, ווי מיר אַלע ליידען.

פאַניע: ניין, אָלגאַ זאָל נישט ליידען! איהר הערט, איך וויל עס נישט!

הינדעס: דאָס איז שיין פון אייך.

פאַניע (דורך טרערען): הינדעס, איך דערקען אייך נישט מעהר.

הינדעס (קערט זיך אום צו דער טיר): א גוטע נאכט.

פאניע (ברעכט אויס אין אַ געוויין).

הינדעס (הינקט צו דער טיר, בלייבט אָבער שטעהן, קוקט צו דער פּאָדלאָגע, דאן העבט ער אויף זיין בליק אויף פאניען). פרייליין בענגאל, פאר וואָס האָב איך די גאנצע צייט, וואָס איך ליעב אייך, נישט ערקלערט זיך אייך אין ליעבע און נים פאָרגעשלאָגען אייך חתונה צו האָבען מיט מיר?

פאניע (וויינט).

הינדעס: איך וויל עס מיר ערקלערען. האָב איך עס דען נישט געטאָן, ווייל איך האָב געוואוסט, אז איהר ליעבט מיך נישט און איך האָב געוואָלט אייער ליעבע, נישט בלויז אייער אכטונג?

פאניע (פּיכט): ניין. איהר האָט עס נישט געטאָן, ווייל איהר האָט געוואוסט, אז איך וועל אייך אָבזאָגען.

הינדעס: און ווען איך וואָלט מיך געריכט אויף יא?

פאניע: וואָלט איהר עס געטאָן.

הינדעס: און התונה געהאט מיט אייך אָהן אייער ליעבע?

פאניע: יא.

הינדעס: אָבער דאן האָב איך נישט געוואוסט, אז איהר ליעבט אן אנדערען.

פאניע (געבראָכען): דער אנדערער עקזיסטירט שוין מעהר פאר מיר נישט.

הינדעס (לאָזט ווידער אראָב זיין בליק צו דער פּאָדלאָגע). שווייגען.

פאניע: הינדעס!

הינדעס: יא?

פאניע: קומט צו נעהנטער.

הינדעס (צוקומענדיג): איך הינק.

פאניע: לעגט דאָס אלץ אוועק.

ה י נ ד ע ס (פערציהט אַ ווײַלע, דאַן לעגט ער אוועק די ביכער מיט די זעקלער).

פ א נ י ע (ווי פערשעמט): אליז... אליז...

ה י נ ד ע ס (הארט): שעמט אייך נישט, זאָגט איינפאַך: לעגט אוועק די קוליע אויך. (ער לעגט אַוועק די קוליע.)

פ א נ י ע (שטעהט אויף און נעמט אָן זיין האנד): הינדעס, דו ווייסט מיין מיינונג וועגען דיר, דו ווייסט, ווי הויך איך שעץ דיך, ווי גליקליך איך האָב זיך שטענדיג געפיהלט צו האָבען אין דיר אַ גוטען, טייערען פריינד... (לעגט אויף איהם ארויף איהר קאָפּ, מיט לאַסקע.) נעם מיך ארום און גיב מיר אַ קוס, א ווארמען, הייסען קוס. לעג אין איהם אריין דיין גאנצע ליעבע, דריק אין איהם אויס דיין גאנצע טרייע נשמה. (געבראָכען, וויינענדיג.) איך זאָג דיר צו, עס וועט גוט זיין — אונזער לעבען. מיר, פון גליק פערגעסענע, וועלען נאָך גליקליך זיין — אויף אונזער אופן — ווי מיר קאָנען. (מוטיגער.) וועסט זעהן, וואָס עס וועט באלד זיין. ליזע וועט קומען, וועט זי אונז שפּיעלען א יובעלמארש, אַ פריידענסמאַרש... (געבראָכען.) זי איז מיר איהם שולדיג! (ווידער מוטיגער.) און איך וועל טאנצען. דו קאָנסט נישט טאנצען, וועל איך טאנצען פאר צווייען. וועסט זעהן. און זינגען וועל איך, און איבערקעהרען וועל איך א וועלט. הינדעס, קוס מיך, שטאַרק, שטאַרק...

ה י נ ד ע ס (ליידענשאַפטליך, דורך טרערען): דו... דו... (ווערט פערגליווערט אין אַ לאנגען קוס.)

דער פאָרהאַנג פאלט לאַנגזאַם.

יסורים

דראמא אין איין אקט

(4 יאַנואר, 1899)

פערזאָנען:

חיה גיטע, ר׳ מרדכי דעם גבאי׳ס אלמנה.

ליובא, איהר טאָכטער.

ר׳ אליקים, איין אַלטער גוטער פריינד.

צירל, חיה גיטע׳ס דיענסט.

אָרט: אין אַ גרויסער שטאָדט אין רוסלאַנד.

דאָס עסצימער ביי חיה גיטען, אויסגעקלעבט מיט געלע טאַפּעטען. לינקס אין פאָרדערגרונד אַ קאַמאָד, פערדעקט מיט אַ געלען טישטוך מיט רויטע ברעגעס; איבער איהר הייננט אַן אַלטער, אין עטליכע ערטער אָנגעשפּאָלטענער שפּיעגעל, פון וועלכען דאָס געזיכט קומט ארויס פער־דאָפּעלט; אויף איהר שטעהען מעשענע לייכטער: פיער גרויסע און צוויי קליינע, און עס ליעגט אַ דאַמענהיטעלע. ווייטער פון קאַמאָד די טיר, וועלכע פיהרט אין זאַל. רעכטס, מעהר אין פאָרדערגרונד, אַ קאַנאַפּע, בעצויגען מיט ברוינעם לעדער, אויסגעריבען, און אין עטליכע ערטער צוריסען. פאַר איהר שטעהט אַ פליגעל־טיש איבערגע־דעקט מיט אַ טשיראַטע; איבער איהר הייננט דאָס גרויסע בילד פון משה מאנטעפיאָרע, ארומגערינגעלט פון אַ סך קליינע פאָטאָגראפישע בילדער. פון ביידע זייטען קאַנאַפּע — פענסטער מיט גאַרדינען. אונ־טער די פענסטער שטעהען ווייכע שטולען, בעצויגען מיט אַ רויטער מאַטעריע. אין דער מיטעל־וואַנד אַ טיר, וועלכע פיהרט אין די קיך און אין פאָרהויז. רעכטס פון דער טיר אַ גלעזער־שראַנק, לינקס פון איהר הייננען אַ האַנדטוך און בגדים.

ליובא — אַ יונג מיידעל פון אַ יאָהר צוואנציג, פון מיטעלען וואוקס, מיט פענסנע, וועלכע הייננען אויף אַ שווארצען שנירעל, שטעהט לעבען דער קאַמאָד איבער אַ הויפען בריעף און געשריעבענע פּאַפּיערען, און קוקט איבער יעדעס בעזונדער. אייניגע לעגט זי אָב אָן אַ זייט און אייניגע פערברענט זי אויפ'ן ליכט, וואָס ברענט פאַר איהר אויף דער קאַמאָד. זי איז זעהר אויפגערעגט, דאָס געזיכט איז בלייך, זי איז צוטראָגען; דער קאָפּ איז ווייט פון דאנען: איהרע געדאנקען זיינען ערגיץ וואו אַנדערס; די גאַנצע צייט רעדט זי ווי „נישט זי גאָר". — אין צימער איז רוהיג פון דעם פערברענטען פּאַפּיער. פון קיך הערט זיך דאָס איינטונקען פון אַ טוך אין וואַסער.

ליובא (רופט שטיל, ווי זי וואָלט מורא האָבען עמיצען אויפ־צוואוועקען). צירל! (אין קיך ווערט אויסגעדרעהט אַ טוך.)

ליובא (רופט פעסטער, אָבער ווי פריער אָבגעהיט). צירל!
צירל (פון קיך, אונצופריעדען). האַ־אַ?
ליובא. קום אהער, איך קאָן דיר ניט שרייען, די מאמע שלאָפט אין זאַל אויפ'ן קאנאפּע. — אָבער, צירל!
צירל (ווי פריער). וואָס האָט עס אזוי דאַרטין אָנגעשפּאַרט? (זי בעווייזט זיך אין טיר, שטעהענדיג מיט אַ זייט און איבערבויגענדיג דעם אויבערקערפּער. זי איז באָרפוס; דאָס קלייד איז אונטערגעבונדען און אין די העגד האַלט זי אַ גרויס נאַס טוך; זי היט זיך נישט אָנצוקאַפּען אין עסצימער.) זעה, וואָס פאר א רויך! פּע־ע־ע! וואָס האָט איהר דאָס אָנגעמאכט, וואָס?
ליובא (נעהמט צונויף די אַש). גאָר נישט, נאָר נישט. עפּעס פערברענט — ביזט יעצט פערנומען, צירל? וואָס טוסט דו?
צירל (מאַכט אַ בעוועגונג צום אַוועקגעהן). איהר זעהט, דאכט זיך, און הערט, דאכט זיך, אז איך שפּיעל מיך נישט. איהר קאָנט, דאכט זיך, הערען, אז איך וואַש די פּאדלאָגע אין קיך.
ליובא (עוסק'ענדיג זיך מיט דער אַש). איך האָב דיך געוואָלט עפּעס בעטען — קאָנסט ניט אויף א ווײַלע אויפהערען צו וואַשען? איך האָב דיך געוואָלט בעטען א קליינעם גאַנג. (געהט צו צו צירלען און גיט איהר איבער די אַש.)
צירל. נו, נאָך עפּעס האָט מיר געפעהלט. איך האָב, הייסט עס, מעהר נישט וואָס צו טאָן. א גאנג נאָך געהן! (זי פערשווינדט.)
ליובא (עפענט אויף אַ פענסטער, פערטרייבט מיט איהר טאַשענטיכעל דעם רויך, פערלעשט דאָס ליכט, רייניגט אָב די קאַמאָד און לעגט צונויף די געבליבענע פּאַפּיערען. זי בעהאַלט זיי אין דער אונטערסטער שופלאָד).
צירל (בעווייזט זיך ווידער, שוין אָהן דעם טוך, רעדט ברוגז'דיג). וואוהין דארף איך געהן, וואוהין?
ליובא. קאָנסט דו שוין געהן?
צירל. און אז איך קאָן נישט, איז וואָס? זאָגט שוין

וואוהין, זאָגט שוין. (זי לאָזט אַראָב די אויפגעהויבענע זייט פון קלייד.)

ליובא (שטעהט־אויף פון נעבען דער אונטערסטער שופלאָד, געהט־צו צו צירלען און זאָגט איהר שטיל). געה אויף די ,ניקאָלאַיעווסקע אוליצע, אָט דאָרטען, וואו... (זי ווערט ענטשוויגען און לעגט עפּעס איבער.) נא, ניין, צירל. איך האָב איבערגעלעגט. מען דאַרף נישט. איך וועל אליין געהן.

צירל. איז וואָס האָט איהר מיר געדרעהט א קאָפּ? איך וואָלט שוין לאנג פארטיג געוואָרען מיט דער קיך! (פערשווינדט.)

ליובא (נעמט אַראָב פון וואַנד איהר מאַנטעל און טוט איהם אָן).

חיה גיטע (קומט אריין. זי איז אַ אידענע אין די פופציגער יאָהרען, פון איין וואוקס מיט איהר טאָכטער. אָנגעטאָן אין אַ דונקעלעם ציצענעם קלייד מיט אַ פאַריק אויפ׳ן קאָפּ. געגנעצענדיג). פע, וואָס שמעקט דאָס אזוי מיט סמאלענעס? וואָס האָט דאָ געברענט?

ליובא. גאָר נישט, א שטיקעל פאפיער פערברענט.

חיה גיטע. שטענדיג נאָר שטיקלעך פאפיער פערברענט. מען שרייבט נישט און מען פערברענט נישט. וואָס פאר א רויך, פע! וואוהין געהסט דו שוין?

ליובא (אָנטוענדיג דאָס היטעלע). איך דאַרף אויף א ווייל'ע.

חיה גיטע. דיינע ווײַלעס! דו וואָלסט בעסער געבליבען אין דער היים.

ליובא. ניין, איך קום טאַקי גלייך צוריק. אויף וואָס דאַרפסט דו מיך אין דער היים?

חיה גיטע. אויף וואָס דאַרף איך דיך אין דער היים? אויף וואָס זאָל איך דיך דאַרפען? גאָר נישט... מאָגסט א מאָל זיצען אין דער היים אויך, מיט דער מאַמען מאָגסט דו...

ליובא (נעמט איהר שירם).

חיה גיטע. ר׳ אליקים האָט געזאָגט, אז ער וועט היינט צו אונז קומען. (זי קוקט אריין אין זאַל אויפ׳ן וואַנדזייגער.)

שוין דריי אַ זייגער. ער דאַרף טאַקי דאָ באַלד זיין. וואָלסט דו נעמאָגט זיין אין דער היים.

ליובא (אין טיר). גוט, גוט, איך קום באַלד. (אָב.)

חיה גיטע. אוי, אוי, אוי, רעד און רעד נישט! אקוראט ווי איך וואָלט נישט קאָנען איהר „באַלד“. (זי געהט אריין אין זאַל, פון וואַנען זי געהט ארויס מיט אַ זאַק. זי געניצט און רופט.) צירל!

צירל (שוויגט, מען הערט זי אויסגיסען וואַסער).

חיה גיטע (בייז). צירל!

צירל (פון קיך, אונצופריעדען). האַ־אַ?!

חיה גיטע (מיט האַרץ). דו מאַגסט דיך בעווייזען, אז מען רופט דיך. — צירל!

צירל (אין טיר מיט דעם נאַסען טוך אין די הענד). וואָס איז, וואָס?

חיה גיטע. וואָס איז דאָס ביי דיר פאַר א געוועהנהייט, אז מען רופט דיך, איז אָדער דו רופסט דיך גאָר נישט אָב, אָדער דו שרייסט, „האַ?“... אז מען רופט דיך, דאַרף מען יאָך דיך. זאָל איך צוריסען ווערען שרייענדיג איבער אַלע חדרים... וואָס טוסט דו איצטער, וואָס?

צירל (ווערדליג חיה גיטע רעדט, בורטשעט זי אונטער). גוט, גו, גוט... זעהר שיין. (און אויף חיה גיטע'ס לעצטע פראַגע ענטפערט זי מיט האַרץ.) איהר הערט, דאכט זיך, אז איך וואַש די פערדענע!

חיה גיטע. שטעל דעם סאַמאָוואַר, שטעל.

צירל (בורטשענדיג). אַלץ אויף א מאָל, אַלץ!...

פּאַוזע.

(חיה גיטע מאַכט די זאַק און געניצט).

ר׳ אליקים (קומט אריין. איין אַלטער נידעריגער איד, מיט אַ גרויסער, גרוילובער באָרד און געדיכטע וואָנסען, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגען שוואַרצען מיט פלעקען בעדעקטען מאַנטעל, פערוואָרפען אַ

פאָלע אויף אַ פּאָלע. די רעכטע העלפט הויזען איז פערקאַסערט ארויף, די לינקע העלפט איז אַ־אָבגעלאָזען. די גאַנצע צייט לאָזט ער גישט ארויס פון מויל זיין ציבוק).

חיה גיטע. אָט איז ר׳ אליקים!

ר׳ אליקים. גוט מאָרגען, גוט מאָרגען...

חיה גיטע (לעגט אוועק די זאָק און געהט איהם אנטקעגען). גוטען טאָג, גוט יאָהר אייך. נעמט אראָב אייער פאלטאָ, ר׳ אליקים, און זעצט אייך. ליובא וועט אויך באלד קומען. זי איז נאָר אויף א ווײַלע ארויס. (אין טיר צו צירלען.) צירל, אויף גיך דעם סאמאָוואר.

צירל (פון קיך). איך שטעל שוין. אלץ אויף גיך. עס ברענט און נאָר.

פּאַוזע.

ר׳ אליקים (זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע אין זיין מאַנטעל, שפּאַרט זיך אָן און רויכערט זיין ציבוק).

חיה גיטע (נעמט אַראָב איהר זאָק פון טיש און נעמט ארויס אַ טישטוך פון קאַמאָד. אין דער גאַנצער צייט פון דעם פאָלגענדען געשפּרעך איז זי בעשעפטיגט; זי שפּרייט אויס דאָס טישטוך, נעמט ארויס די גלעזער, ווישט זיי איבער, און שפּעטער איז זי בעשעפטיגט מיט׳ן סאמאָוואַר און מיט טיי אָנגיסען און טיי טרינקען).

ר׳ אליקים. עס טוט זיך יעצט אביסעל אין דער ניקאָ־לאיעווסקער גאס. ארום דער אידישער שקאָלע שטעהט א גרויסער עולם... שווארץ פון מענשען. ביי דעם לעהרער — ווי הייסט ער דאָרטין? איהר מוזט דאָך וויסען... ער איז דאָך געוועזען ביי אייך אָן אָפטער ארייגגעהער... מיידאַנסקי אָדער ווי? איז גאנץ פּאָליציע מיט זשאנדארמען. שוין פון דריי זייגערנע שעה זיינען זיי ביי איהם. מען זאָגט, זיי האָבען אויפ־געריסען אין דער שקאָלע די פּאָדלאָגע מיט׳ן, מיט׳ן, מיט׳ן... ע... בוידעם, אויפגעטרענט אלע נעט אין זיינע קליידער און אין זיינע וועש, זאָגט מען...

ח י ה ג י ט ע (איבעררא‍שט). ביי מיידאנסקי דעם לעהרער?

ר׳ א ל י ק י ם. מיידאנסקי אָדער ווי... מיידאנסקי הייסט ער, דאכט זיך. איהר מוזט דאָך בעסער וויסען.

ח י ה ג י ט ע. מיידאנסקי, מיידאנסקי... איז ביי איהם פּאָליציע?

ר׳ א ל י ק י ם. אזוי זאָגט מען, אזוי. שוין פון דריי זייגערנע שעה. די גאנצע גאַס איז שווארץ פון מענשען.

ח י ה ג י ט ע. האָט איהר אפשר נישט בעגעגענט מיין ליובען?

ר׳ א ל י ק י ם (ארויסנעמענדיג דעם ציבוק פון מויל). וואָס אין? זי איז דען נעגאנגען אהין?

ח י ה ג י ט ע. ניין... איך וויים נישט. זי האָט געזאָגט, אַז זי נעהט אויף אַ ווײַלע. זי זאָגט רען, וואוהין זי נעהט. צירל! צירל!

צ י ר ל (פון קיך). האַ! האַ! איך מאַך איהם! איך מאַך איהם! שוין באלד פארטיג. וואָס זאָל איך מיך ארייננזעצען אין איהם, וואָס? ער זינגט שוין!

ח י ה ג י ט ע (אין טיר). לאָז איצט דעם סאמאָוואר, איך וועל אליין שוין אויף איהם קוקען, און לויף אויף די ניקאָלאיעווסקע גאַס צו דער אידישער שקאָלע און זעה, צו שטעהט דאָרטן נישט ליובא. זאָג איהר, אַז איך האָב שוין געהייסען קומען אהיים. אויף גיך נאָר, מאַך נישט קיין שהיות.

צ י ר ל. אַליז אויף גיך. עס ברענט רק.

ח י ה ג י ט ע. רעד נישט! רע־ען וועסטו שפּעטער. הערכט דאָך, וואָס ר׳ אליקים דערצעהלט. ביי מיידאנסקין איז פּאָליציע מיט זשאַנדאַרמען.

צ י ר ל (מיט שרעק). פּאָליציע! (מען הערט זי אויף גיך אָנטאָן די שיך און באלד האסטיג אַ קלאַפּ טאָן מיט דער ארויסגאַנגטיר.)

ח י ה ג י ט ע (גרוים אָן דעם טשיינוק).

ר׳ אליקים. וואָס זייט איהר אזוי צוטרעוואָזשעט, וואָס? מיר דוכט, אז...

חיה גיטע. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, ר׳ אליקים. איך ווייס נישט, צו זאָל איך זיין טרעוואָזשעט, צי זאָל איך מיך פרעהען. אז איך וואָלט געוואוסט, אז מיין ליובא איז עפּעס דאָ נישט פערמישט, וואָלט איך מאכען אַ גרויסען „ברוך שפּטרני". ווארום איך האָב איהם נישט געקאָנט ליידען, ווי אַ שפּין — ווי אַ שפּין האָב איך איהם נישט געקאָנט ליידען. אז ער פלעגט אריינקומען — און זאָל ער שוין אזוי נישט קומען, ווי ער פלעגט אריינקומען! אַלע טאָג, ווי ביי גאָט אַ טאָג, פלעג איך איהם שוין דאָ האָבען — פלעגען מיר פערטרייסלען הענד און פיס. פינסטער אין די אויגען פלעגט מיר ווערען... און ארויסטרייבען...

ר׳ אליקים. איך וואָלט איהם ארויסגעטריבען ווי אַ הונד. פון אַלע טרעפּ וואָלט איך איהם אראָבגעוואָרפען.

חיה גיטע. אָט דאָס רעד איך דאָך... (האַקט אָב אין רעדען און געהט אין קיך און ברייננגט אריין דעם סאַמאָוואַר.) אָט דאָס רעד איך דאָך. ארויסטרייבען איהם — האָט זיך נישט געוואָלט אָנמאכען קיין סקאנדאלען.

ר׳ אליקים. סקאנדאלען! וואָס הייסט סקאנדאלען? מען זאָגט איהם, אז איך וויל נישט, ער זאָל צו מיר קומען און גאָר. וואָס הייסט פערפיהרען מיט איהם סקאנדאלען? מען רופט אַ גאָראָדאָוואָי, ווען ער וויל נישט מיט גוטען אוועק.

חיה גיטע. איך ווייס, איך האָב עס אָבער נישט גע־קאָנט טאָן. און אזוי האָב איך ביי מיר אין שטוב געדארפט ליידען פון אַ איך ווייס נישט וועמען. איהר ווייסט דאָך מסתמא, ווער מיידאנסקי איז, זיין גרויסען יחוס?

ר׳ אליקים. שדים זאָלען איהם וויסען. ווער האָט איהם געקענט? ווער איז דער מיידאנסקי?

חיה גיטע. מלך דעם שניידער׳ס אַ זוהן.

ר׳ אליקים (נאָכדענקענדיג און וועלענדיג דערמאָנען זיך). מלך דעם שניידער׳ס א זוהן?

חיה גיטע. אָט מלך דער שניידער, וואָס האָט געוואוינט לעבען שולהויף. — אָט איהר מוזט איהם קענען. — אך, מלך — א קליינער אידעל, א שיכור, וועלכען מען האָט געכאפּט, איך בעט אייך איבער פאר די רייד, מיט דער...

ר׳ אליקים. א־א־א, מלך מיט דער ציעג! אזוי רעדט! מלך מיט דער ציעג, ווער קען איהם נישט. איז אָט דאָס איז דאָס מיידאנסקילע? א פיינער יחוס! און אָט דעם האָט איהר אריבער־געלאָזען איבער אייער שוועל?

חיה גיטע (גיסט אָן טיי). קאָנט איהר שוין פערשטעהן, וואָס איך האָב מיך אָנגעליטען. און אז מיין ליובען וואָלט נאָר נישט געשאדט, ווייס איך נישט, זאָג איך אייך, ווי לויבען און דאנקען גאָט, וואָס איך בין פון איהם אויסגעלייזט געוואָרען. (זי קוקט אין פענסטער.) און די איז אוועקגעגאנגען, און איז אויך פערפאלען געוואָרען. אז מען שיקט זי, די נאָר. א דיענסט האָב איך, נו! אז עס געהט, זאָג איך אייך, ר׳ אליקים, נעהט עס פון אלע זייטען. (זי זיפצט און טרינקט טיי.)

פּאַוזע.

(ר׳ אליקים „בליאָבעט“ אויפ׳ן קול. חיה גיטע זיפצט).

ר׳ אליקים. יע־ע... איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, איהר זייט פאָרט א אידענע. אז..

חיה גיטע. זאָגט אליין, וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? איהר וואָלט וויסען, ר׳ אליקים, וואָס איך שטעה מיך אויס. צו מיינע צרות, זאָג איך אייך, איז גאָר קיין גלייכען נישטאָ. עס איז גאָר א חרפּה צו דערצעהלען. (היציגער.) אז פון אלע עקען וועלט און אלע איך־ווייס־נישט־ווער קלייבען זיך צו איהר! רבונו של עולם, אז איך זאָג אייך... עפּעס בעלי־מלאָכות, אָפּגעריסענע, קויטיגע, נישט געוואשענע, עפּעס אזעלכע גראָבע נפשות... אך, גאָטעניו, גאָט!... עפּעס אז פּאָליציע וואָלט זיי אלע אויסגעכאפּט

אין איין נאכט, אָט אזוי ווי דעם מיידאַנסקי'ן, וואָלט מיר עפּעס נעוואָרען א ליכט אין די אויגען!

ר' אליקים. איהר זייט אליין שולדיג. אליין, אליין. דאָס וועט איהר מיך נישט איינשמועסען. פון אָנהעב אָן נישט געדארפט גאָר צולאָזען. נישט דאָ, און גאָר! ווי הייסט, מען וועט צו מיר געהן, אז איך וויל נישט?!

חיה גיטע. איהר זייט זעהר גערעכט, ר' אליקים, איהר זייט זעהר גערעכט. נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אז ווען איך העב אָן צו רעדען, בלייב איך דער נאַר... און... און גאָר! אָך, אָך, אָך! ווילט איהר נאָך א גלאָז?

ר' אליקים (רוקט איהר צו דאָס גלאָז און שפּאַרט זיך צוריק אָן).

חיה גיטע (גיסט אָן און זיפצט). אָך, אָך, אָך... איך בין ווערט... וויים איך, וואָס איך בין ווערט? מען זאָל מיך צורייסען אויף שטיקער, בין איך ווערט. נאָר ווי די מעשה איז, יעצט איז ביטער, זעהר ביטער. איך קאָן מיר קיין עצה נישט געבען, וואָס העבט מען אָן צו טאָן. (קוקט פערזאָרגט אין פענסטער.)

ר' אליקים. אָט דאָס, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. בעסער דארפט איהר נישט. דער בחור איז...

חיה גיטע (רייסט אָב דעם בליק פון פענסטער). גוט, זעהר גוט. איך זאָג אייך, אז איך וויים עפּעס ניט, וואָס פאַר א תשובה איך זאָל אויף זיך נעמען, אז פון דער זאך זאָל עפּעס ווערען. נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אז איך האָב אפילו מורא אָנהעבען מיט איהר צו רעדען. געה רעד איהר שדוכים, אז יענע איז... ע...

ר' אליקים. מורא! וואָס הייסט איהר האָט פאַר איהר מורא?! וואָס, איהר לעבט פון איהר? זי האַלט אייך אויס? וואָס הייסט מורא? וואָס טייטש מורא?

חיה גיטע (זיפצט). וואָס האָב איך וואָס צו רעדען וואָס. אָט איהר וועט זעהן, וואָס זי וועט אייך ענטפערען... (די ארויס־

גאַנגטיר ווערט צוגעמאַכט. חיה גיטע שפּרינגט אויף און גיהט ענט־קעגען).

ליובא (קומט אריין, וויזט אויס דער מוטער׳ס פּרובענדיגע בליקען, היינגט־אויף דעם מאַנטעל און לעגט אוועק דאָס היטעלע אויף דער קאָמאָד).

חיה גיטע. אַ שיינע ווייַלע, נישט דאָ וואָס צו רעדען. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ר׳ אליקים וועט קומען. ר׳ אליקים זיצט שוין דאָ פון צוויי זייגערנע שעה. אַ שטאָט אַ ביסעל.

ר׳ אליקים. נו וואָס, אַ גרויסע זאַך, ר׳ אליקים! ר׳ אליקים איז אַלט, ר׳ אליקים איז אַ פּשוט׳ער איד, צו ר׳ אליקים׳ען קומט נישט אין מיטען העלען טאָג קיין...

חיה גיטע (פאַלט איהם אריין אין די רעד). האָסטו צירלען נישט בענגעגענט?

ליובא. ניין. וואוהין האָסטו זי דען געשיקט?

חיה גיטע. וואוהין זאָל איך זי דען שיקען? אַ שטאָט אַ ביסעל. ר׳ אליקים איז געקומען...

ליובא (זעצט זיך צום טיש, קעגען פענסטער). וואָס האָט איהר דאָ אזוי אָהן מיר אָנגעוואָרען? איהר זייט אייך גאַנץ רוהיג געזעסען, געטרונקען טיי און גוט געזידעלט מיך אונטער די אויגען.

ר׳ אליקים. פּששש, און אין די אויגען?...

ליובא. גיב מיר אויך אַ גלאָז טיי. עס פריערט מיך עפּעס אזוי... או־הו־הו... (זי רייבט זיך די הענד.)

ר׳ אליקים. און אין די אויגען וועל איך עס דען נישט טאָן? איך דארף דאָ האָבען פאַר דיר גרוים דרך ארץ? אָט אין די אויגען זאָג איך דיר...

ליובא (לאַכט אויף מיט אַ נערוועזען געלעכטער).

חיה גיטע (קוקט אויף איהר פערזאָרגט). ביזט מיר עפּעס... וואָס קוקסטו אלץ אין פענסטער?

ליובא. איך טראַכט אלץ, פאַר וואָס איז ר׳ אליקים אויף

מיר ברוגז. ווען ער קומט נאָר צו אונז, וואָלט ער ווען מיט מיר קריגען זיך.

ר׳ אליקים (היציג). איך וועל דיר זאָגען, פאר וואָס. דערפאר, וועל איך דיר זאָגען, דערפאר, וואָס, ווי דו פיהרסט דיך אויף, דארף זיך אויפפיהרען א איך ווייס נישט ווער, אָבער נישט רב מרדכי דעם גבאי׳ס בת יחידה!

חיה גיטע (ווישט זיך די אויגען).

ר׳ אליקים (נאָך היציגער). אז דיין טאטע וואָלט נע־לעבט, וואָלט ער דיר צוואנציג מאָל א טאָג צופאטשט די צורה.

ליובא (איז „ווייט פון דאַנען“. זי קוקט אין פענסטער און הערט דאָכט זיך נישט, וואָס ער רעדט).

ר׳ אליקים (בעמערקט עס און מאַכט אוועק מיט דער האַנד). נאָ, בעסער אז מען רעדט גאָר נישט.

חיה גיטע (וויינענדיג). אָט אזוי איז זי. אז מען רעדט צו איהר, מאכט זי זיך נישט הערענדיג.

ר׳ אליקים. אָט דאָס זיינען מיר מכלאָמפערסט די נייע מענשען, די געבילדעטע. מישען זיך אין אַלץ, ווילען ראטעווען די וועלט און אז דער טאטע־מאמע מאָג שטארבען ביי זיי אונטער די פיס, ווען זיי אפילו אין יענער זייט נישט א קוק טאָן. אַך, א רוח אין אייערע צורות!... (צו חיה גיטע.) ניין, און איהר זייט ווערט!... אז איהר וואָלט געווען א רעכטע מאמע... א מענש מיט דעת, אז איהר וואָלט געווען... ווייסט איהר, וואָס איך וואָלט געטאָן, ווייסט איהר? איך וואָלט שוין לאנג דער־לאנגט אין פּאָליציע אויף מייךאנסקילען מיט דער גאנצער חברה. אָט, דאָס וואָלט איך געטאָן!

ליובא. שיינע זאכען וואָלט איהר אָבער געטאָן, ר׳ אליקים.

ר׳ אליקים. איך וואָלט עס געטאָן. ווי איך בין א איד, איך וואָלט עס געטאָן. און דו רוף מיך „קנאקניסעל“, אויב דיר געפעלט נישט. וואָרום וואָס מען טוט מיט אייער חברה, איז אַלץ אַ מצוה. אויף אייך איז גאָר אָסור לרחם! וואָרום איהר אליין

האַט גאָר שטיינערנע הערצער... איהר זייט גאָר קיין מענישען נישט...

ליובא (בערוהיגענדיג). נו, גענוג, ר' אליקים. לאָמיר אויפהערען צו קריגען זיך. דערצעהלט בעסער, וואָס הערט זיך פאַר אַ נייס ביי אייך, וואָס פאַר א גוטס האָט איהר געבראַכט.

חיה גיטע. וואָלסט דו נאָר אזוי געוואָלט הערען, אַך, ווי גוט עס וואָלט שוין געוועזען דיר און מיר און אונז אלעמען.

ליובא (לוסטיג). ר' אליקים, גוטינקער, טייערינקער, רעדט, זעהט איך בעט אייך! איך וועל הערען, מיט ביידע אויערען וועל איך הערען. אָט איהר זעהט, אָ! (ציהט זיך די אויערען.) איז ער עפּעס א שיינער בחור?

חיה גיטע. זעהט איהר, הא? טאָ געהט רעדט מיט איהר.

ר' אליקים (מיט כעס). דו ביזט נישט ווערט זיין פאָר־מיאָטקע אפילו! נישט ווערט, אז איך זאָל דיר גאָר אָנרופען זיין נאָמען!... איך וואָלט מיך אויסלייטערען נישט געקאָנט, ווען איך וואָלט צוגעלאָזען דעם שידוך, אויסלייטערען וואָלט איך מיך נישט געקאָנט!... דו...

חיה גיטע (וויינענדיג). איז ער דען נישט גערעכט?

ר' אליקים (ארויסגעהענדיג פון הינטער'ן טיש). נאַ, איך האָב דאָ נישט וואָס צו זיצען און אויסעסען מיר דאָס הארץ.

ליובא (לוסטיג און פרעהליך). נו שא, שא, ר' אליקים, איך וועל מעהר גאָר נישט רעדען.

חיה גיטע. בלייבט, ר' אליקים, בלייבט. וואָס דארפט איהר אייך אויסמאַכען פון איהרע רעד.

ר' אליקים. ניין, איך וועל שוין געהן. (שטאָפּט אָן העפטיג זיין ציבוק.) איך בין ארייננעגאנגען, בין איך ארייננע־גאנגען נאָר פון אייערט וועגען. נישט פון מיינעטוועגען. איך בין קיין שרכן נישט און לעב, דאנק גאָט, נישט פון שרכנות. (צינדט אָן דעם ציבוק.) נאַ, איך האָב מיינס געטאָן. איך ווייס, איך האָב געוואָלט יוצא זיין. נאַ, מילא, אַ גוטען טאָג אייך!

נאָר דאָס זאָג איך דיר נאָך: זעה, דו זאָלסט נישט האָבען אזא פסק, ווי דיין מיידאַנסקי...

חיה גיטע (מיט שרעק). זאָל גאָט אָבהיטען, רבונו של עולם! אין קיין בייזער שעה זאָל עס נישט אויסגערעדט ווערען.

ר׳ אליקים. נו, מילא איהר וועט דערמאָנען מיינע ווער־טער, וואָס ארט אייך. נאַ, אַ נוטען טאָג!

חיה גיטע (בעגלייטענדיג). אַ גוט יאָהר אייך, ר׳ אליקים.

ליובא (פון איהר אָרט). אַ גוט יאָהר.

פּאַוזע.

ליובא (פערברעכט די הענד און לעגט זיי ארויף מיט דער אויבערסטער זייט אויף די אויגען. פּלוצלונג רייסט זי פערנאַנדער די הענד מיט אַ פערצווייפעלטען קרעכץ און לאָזט זיי אראָב. באַלד שפּאַרט זי זיך אָן אָן שטול, פערברעכט ווידער די הענד און לעגט זיי ארויף ווי פריהער אויף די אויגען).

חיה גיטע (קומט צוריק אריין מיט אַ זיפץ).

ליובא (נעמט שנעל אראָב די הענד פון די אויגען און שטארקט זיך צו שמייכלען).

חיה גיטע (זיפצט). אז ער וועט מעהר צו אונז נישט קומען, וועט ער זיין זעהר גערעכט. וואָרום נאָך אזא אויפנעם...

ליובא (שפּרינגט אויף און נעמט ארום די מאַמען). ניין, ניין, מאמינקע, מעהר וועל איך עס נישט טאָן. (שטיפענדיג.) אָט זעהסטו מיין האנד, טאק נא דיר מיין האנד, אז מעהר וועל איך עס שוין נישט טאָן. (איהר קול ציטערט. זי כאפּט ארום די מוטער און העבט זיך אָן מיט איהר צו דרעהען, בעדעקענדיג זי מיט קושען.)

חיה גיטע (רייסענדיג זיך פון איהר). לאָז אָב, משוגענע.

ליובא (זעצט אַוועק די מוטער אויף אַ שטול, בלייבט שטעהן אָנגעשפּאַרט אָן איהר אַקסעל און שאָקעלט זיך מיט איהר צוזאַמען).

חיה גיטע (בעפרייט די הענד, נעמט ארויס איהר נאָז־טיכעל און ווישט זיך די נאָז מיט די אויגען). אָך, טאָכטער, טאָכ־טער, אזא נוטען מזל זאָלען מיר האָבען, ס׳אַר אַ גוט הארץ דו

האָסט. איך ווייס עס דען נישט? אָבער נאָר צו פרעמדע ביזטו גוט, נישט צו דיין מאמען און נישט צו דיר אליין. מיר וואָלטען דאָך אזוי גליקליך געלעבט. וואָלט איך דען געדאַרפט ווי איצטער וויינען נאָך מיינע יאָהרען און טעג? אז דו וואָלסט האָלט געהאט דיין מאמען ווי דער סדר איז...

ליובא (קוסט זי שטאַרק אויפ'ן מויל). זעהסט, הא, מאמע!

חיה גיטע. אך, וואָס קומט ארויס פון די קוסען! אז דו וואָלסט מיך האָלט געהאט ווי דער סדר איז, וואָלט איך דאָך נעוועזען די גליקליכסטע אין דער גאנצער וועלט. וואָס וואָלט מיר געפעהלט?

ליובא (דריקט די מוטער צו זיך פעסטער).

חיה גיטע. אך, טאָכטער, טאָכטער, וויפיעל מיר איז דאָרטין בעשערט צו לעבען, וואָלט איך דאָך געזעסען און גאָט געדאנקט, און דיין טאַטע אין הימעל וואָלט... (צואויינט זיך ביטערליך.)

ליובא (שטאַרק בלייך, מיט טרערען, וועלכע זי שטאַרקט זיך איינצוהאלטען, געהט צו צום פענסטער).

חיה גיטע (טריקענט זיך די אויגען). נא, וואָס איז די פעולה, אז איך רעד. מסתמא איז מיר בעשערט צרות צו האָבען. איין האָפנונג בלייבט נאָר, אפשר איז מיר געבליבען ווייניג צו לעבען...

ליובא (נעמט ארויס איהר טיכעל פון קעשענע, דריקט עס איין אין האנד און טראָגט עס לאנגזאם צו די אויגען. — די ארויסגאַנגטיר ווערט האַסטיג צוגעמאַכט).

צירל (לויפט אריין מיט אימפעט).

חיה גיטע. קוים אמאָל געקומען.

צירל. אוועקגעפיהרט איהם. ערשט אוועקגעפיהרט. א מאסע פאָליציייסקע. אַי, וואָס עס האָט זיך צוטאָן! ער איז געוועזען אזוי בלייך... זיין מאמע און די שוועסטער האָבען געוויינט ווי אויף א לויה. אַי, אזא טייערען מענשען...

ליובא (פערדעקט די אויגען מיט׳ן טיכעל, אָנגעשפּאַרט מיט די עלענבויגענס אָן פענסטער).

חיה גיטע (וועלכע האָט דערווייַלע צונויפגעשטעלט די גלעזער). נאַ, נאַ, פערנעם עס אין קיך, און הער אויף צו דער־צעהלען. מען פרעגט ביי דיר נישט.

צירל (נעמט ביי איהר דעם טאַץ מיט די גלעזער). אַי, וואָס עס האָט זיך צוטאָן!...

ליובא (ווי מעגליך רוהיג). איז ער געוועזען אליין?

צירל. מיט די פּאָליציייסקע איז ער געוועזען. אַ סך פּאָ־ליצייסקע. זיי האָבען איהם אריינגעזעצט אין אַ שווארצען וואָגען. ער איז געוועזען אזוי בלייך. איך בין געשטאַנען ביי דוואָשע׳ן אין קרעמעל לעבען גאַניק. די גאַס איז געוועזען שוואַרץ... אזא טייערען, גאָלדענעם מענשען!...

חיה גיטע (שטופּט זי צו דער טיר). נו, גוט, גוט, טראָג ארויס.

צירל. אָ, עס האָט מיר... אָ... (פערשווינדט.)

פּאַוזע.

ליובא (הערט אָן ארומצוגעהן איבער׳ן צימער, ציהט דאָס טיכעל אין ביידע הענד, קייט עס אין מויל, הערט עס אויף איבער׳ן קאָפּ, קעמפּפענדיג מיט טרערען).

חיה גיטע (וויל עפּעס פרעגען און טריקענט זיך די אויגען).

ליובא. זאָג דעם אמת, מאַמע... (זי בייסט דאָס טיכעל, זי קאָן ניט רעדען.)

חיה גיטע. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, מיין טאָכ־טער, איך האָב עס שוין געזאָגט ר׳ אליקים׳ען אויך: ווען איך וואָלט געוואוסט, אז דו — אין אַ בייזער שעה צו שווייגען, רבונו של עולם! — אז דו ביזט דאָ נישט פערמישט, וואָלט איך זיין זעהר צופריעדען, וואָס מען האָט איהם צוגענומען. ער איז ווערט דעם שטעקען...

ליובא (שמייכעלט; זי וויל עפּעס זאָגען, קאָן נישט און בויסט דאָס טיכעל).

חיה גיטע (מיט א יאָמער). נאָר איך האָב מורא... אָ, רבונו של עולם, איך וועל עס גאָר נישט אריבערטראָגען מיט מיין געזונד! (יאָמערט.)

ליובא (לויפט צו איהר צו און קוים וואָס זי רעדט). נו שאַ, שאַ, מאמע... הערסט דאָך, מאמע... פערשטעהסט, איך האָב ביי דיר געוואָלט פרעגען... ווי איז דיר בעסער... (זי קוקט זיך איין שטאַרק אין פענסטער.) ווי איז דיר בעסער?... גלייכער?... איך זאָל ענטלויפען... אָדער... (זי ענדיגט נישט, שפּרינגט צו צום פענסטער און קוקט ארויס אין הויף און דאַן לויפט זי צו צו דער קאָמאָד, כאַפּט דאָס היטעלע און רייסט אַראָב איהר מאַנטעל פון דער וואַנד און פערשווינדט.)

חיה גיטע (שרייט). אָי, וואָס איז? וואָס איז? (זי לויפט אויך צו צום פענסטער, קוקט זיך איין.) גאָטעניו, אָי, איך וועל משוגע ווערען... (לויפט צו דער טיר.) וואוהין איז זי אנט־לאָפען?

צירל (שפּרינגט אריין מיט שרעק). אָי, בעל הבית׳טינקע, פּאָליציע געהט צו אונז, פּאָליציע!...

חיה גיטע (אויסער זיך, מיט די הענד אין די האָר). אָי, געוואלד, וועה מיר נישט געשעהן, רבונו של עולם!...

צירל (קוקט מיט שרעק אויף דער טיר).

פאָרהאַנג.

LIBRARY
OCT
1976
UNIVERSITY OF TORONTO